STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04387

IN DER NAYER HEYM

Levi Papiernikov

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לוי פאַפּיערניקאָוו / אין דער נייער היים

לוי פּאַפּיערניקאָוו

אין דער נייער היים

(דערציילונגען)

הויפּטפאַרקויף: פאַרלאַג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון „ועד פועלי נמל חיפה"
און „ועד התרבות של מועצת פועלי חיפה".

לוי פאפּיערניקאָוו
אין דער נייער היים

Levi Papiernikov
In Der Najer Haim

I. L. PERETZ LIBRARY
31, Allenby Str., Tel. - Aviv, Israel

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1960

דפוס „בני שאול“, ת״א רח׳ לבנדה 23,

לוי פּאַפּיערניקאָוו / אין דער נייער היים

JUL 19 1960

179488

* *
*

אַז צוויי ברידער און אפילו מער ווי צוויי, זאָלן זיין שרייבער — איז אין דער ליטעראַרישער וועלט נישט קיין נייעס. נאָר אַז איין ברודער זאָל געבן אַן אריינפיר־וואָרט צו אַ בוך פונעם צווייטן ברודער — ווי איך טו עס דאָ — איז, מיין איך, יאָ אַ שטיקל נייעס. איך מיין אָבער נישט צו געבן קיין אָפּהאַנדלונג וועגן דעם דאָזיקן בוך — מחמת איך שרייב פּרינציפּיעל נישט וועגן ביכער, און וואָלט איך, בנוגע מיין ברודער, געוואָלט דאָ מאַכן אַן אויסנאַם און, יאָ שרייבן — קאָן איך עס נישט טאָן, שוין דערפאַר, ווייל כ׳בין נישט זיכער צי כ׳וואָלט דערציי פאַרמאָגט די נויטיקע מאָס פון אָביעקטיוויטעט.

חוץ מזה: ווי שרייבט מען עס קריטיק איבער אַ בוך, וואָס איז נאָכניסט דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט — צום לייענער?!

וואָס איך בין יאָ אויסן מיט מיינע געציילטע שורות, איז: איבערנעמען דאָס „קוואָטערשאַפט" פון מיין ברודער לוי׳ס ליטעראַטישן „ערשטלינג", וואָס איז ביי אים געבוירן־געוואָרן נאָך באמת־גרויסע חבלי לידה. איך וויל אים אַלזאָ, אָפיציעל אַריינפירן אין דער יידישער שרייבער־משפחה און אין דער יידישער ליטעראַטור, צו וועלכער ער איז מיט זיין בוך דערציילונגען געקומען אין איר טראַגישסטער תקופה פאַר איר פאָלקס־לשון — יידיש, און במילא — פאַר דער יידישער ליטעראַטור — נאָכן אומקום פון אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק.

„אין מיין עלטער, ווען שרייבער הייבן שוין אָן טראַכטן וועגן אויפהערן שרייבן — הייב איך ערשט אָן" — האָט מיר, דער ברודער מיינער, געזאָגט. — אין שייכות מיט זיין גרויסער תשוקה צום שרייבן. דער אמת איז אָבער, אַז עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער נאָך אין וואַרשע דעביוטירט מיט זיינע ערשטע ליטעראַרישע שאַ־

פונגען אין דער אַרבעטער־פּרעסע — זייענדיק אַליין אַן אַרבעטער, אַ שטוב־מאָלער. ער האָט אָבער נאָכנישט באַוויזן צו שלאָגן וואָרצלען אינעם ליטעראַרישן נאָכוווּקס אין יידיש־פּוילן — האָט ער אין יאָר 1939, בעת דער אינוואַזיע פון היטלערס האָרדעס אין פּוילן — צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער יידן געלאָזט זיך אין גרויס בהלה צו די סאָוויעטישע גרענעצן, כדי זיי צו „שוואַרצן" און — צו ראַטעווען זיך פון די נאַצישע נעגל.

נאָך עטלעכע יאָר פאַרוואָרפן־זיין ערגעץ אין טיף־רוסלאַנד, האָט זיך מיין ברודער, אַ פיזיש און גייסטיק דערשעפּטער, אומגעקערט אין חרובֿן פּוילן, און נישט האַבנדיק דאָרט צו וואָס צו בלייבן — אַריבער קיין דייטשלאַנד, און דורך די די־פּי־לאַגערן אין בערגן־בעלזען — אָנגעקומען אין מדינת ישראל — אין יאָר פון איר אויפקום.

געפינענדיק אין ישראל אַ נייע היים מיט אַ ניי לעבן, וואָס איז פול און רייך מיט נייעם אינהאַלט — האָט זיך אין מיין ברודער לדי אויפסניי דערוועקט דער ווילן צו נעמען זיך צו דער פען, וואָס די פּרוכט פון איר זנגען — די דערציילונגען פונעם ערשטן און גרעסטן טייל פונעם בוך.

כדאי צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע גייסטיקע פּרוכט האָט מיין ברודער אויסגעטראָגן און טראָגט זיי ווייטער אויס — ביי פיזיש־שוואַרצער אַרבעט — אין חיפה'ער פּאָרט.

מיט דער פולסטער אחריות פאַרן געשריבענעם און געדרוקטן יידישן וואָרט — גיב איך איבער דעם ברודערס בוך, צו די לייענער.

יוסף פאַפּיערניקאָו

זיין ערשטער פרילינג

די אָוונט־טונקלקייט האָט ביסלעכווייז פאַרשלונגען די לעצטע געל־דיק־פיאָלעטע פאַסן אויפן מערב־האָריזאָנט.

דער הימל, וואָס איז לאַנגזאַם איבערגעגאַנגען אין טונקל־בלאָ, האָט גענומען אַראָפּנידערן, ווי זיך צונויפהעפטן מיטן ים — ביז ס׳זענען אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעצן צווי־שן ים און הימל.

מיטן מאָמענט ווען ר׳ זלמן האָט זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז די לעצטע נאַכט פון זיין פאַרברענגען אויף דער שיף און אַז באַגינען וועט זי שוין אַנקערן אין חיפה׳ער פּאָרט, האָט אים באַהערשט אַ געמישט געפיל פון פרייד, נייגער און אומרו. אַן אומקלאָר געפיל פון ספקות האָט פון אים צוגערויבט דעם שלאָף, און די אַרומיקע, געדיכטע פּינצטערניש האָט פונאַנדערגעוויקלט אין זכרון בילדער פון דער נישט־ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

ביז אין דער האַלבער נאַכט אַריין איז ר׳ זלמן געזעסן אַ פאַרטראַכ־טער און נערוועז געצופּט זיין צעפּאַטלט בערדל.

אין זיינע געדאַנקען האָט ער זיך ווידער דערזען ביי דער ניימאַשין יאָגן דאָס רעדל, אָנהויפנדיק אַרום זיך שטויסן צייגענע הויזן.

* * *

ר׳ זלמן האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געשראָקן פאַר אומבאַשטימטע זאַכן און פאַר נייע וועגן... און — מורא־געהאַט אויף איין מילימעטער אָפּצו־ווייכן פונעם לעבנסשטייגער אין וועלכן זיין טאַטע, עליו השלום האָט אים אַריינגעפירט.

געווען איז ר׳ זלמן אַ הויזן־שניידער, אַ סטאַנדעסניק, און געוווינט

זיין גאַנץ לעבן אין דער גרויסער שטאָט, נאָר אין אַ שמאָלן, לאַנגן הויף, אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט הויכע גראָע מויערן. ווי אַ טיפער קאַסטן.

אָט אין דעם קאַסטן האָבן געוווינט אויסשליסלעך כאַלופּניקעס און לוין־אַרבעטער.

אַז גאָט האָט געהאָלפן און עס איז געווען אַ גוטער „סעזאָן", האָט זיך פון זונאויפגאַנג ביזן שפּעטן זומער־אָוונט געהערט דאָס אומאויפהערלעכע שטעפּעריי פון ניימאַשינען, געקלאַפּעריי און געבראַזגעריי פון שערן, זעגן, שוסטער־העמערלעך און דאָס פּעסטע, שטאַרקע צוקלאַפּן מיט די שווערע טשאַדנדיקע פּרעס־אייזנס אויף די שניידער טישן.

אין דעם קאַסטן־הויף, אין פּאַרטער, אין אַ גראָער חושכדיקער שטוב, ווו פון די צעפּלאַצטע פייכטע ווענט און סופיט האָט זיך שטענדיק געפילט אַ זויערער שימל־ריח פון פאַרפּליעשניעטע בגדים און אַלטע שוכוואַרג — האָט געוווינט ר' זלמן טאַנדעטניק.

דאָס איינציקע פענצטער פון ר' זלמנס שטוב איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ צווייטן הויף אַריין, אַנטקעגן אַ הויכער, פיר־שטאָקיקער, נישט געטונקעוועטער בלינדער מויער.

דערפאַר האָט זיך כמעט שטענדיק געברענט דאָס קליינע עלעקטרישע לעמפּל, וואָס איז געווען באַלייגט מיט פליגן־שמוץ און שטויב און קוים אַדורכגעלאָזט אַ שווינדזוכטיק געלבלעך בלאַס ליכט, וואָס האָט אומהיימלעך געדריקט אויף דעם גאַנצן אַרום.

אין דער זעלבער וווינונג האָט אַמאָל, פאַר זלמנס חתונה, געוווינט זיין טאַטע־מאַמע. אויך דער טאַטע זיינער, איז ווי ער, געווען אַ הויזן־שניידער, אַ טאַנדעטניק, און אויך ווי ער' געקלאַפּט אויף דער מאַשין פון זונאויפגאַנג ביזן שפּעטן אָוונט, און... אויסגעהויכט די נשמה, — זיצנדיק ביי דער מאַשין.

אויך ר' זלמן האָט געמוזט, וואָס ווייטער, אַלץ שטאַרקער יאָגן דאָס רעדל.

אַז עס זענען צוגעקומען פרישע הויזן־שניידער, טאַנדעטניקעס, האָבן די סוחרים גענומען רייסן די פרייזן... און אַז די סוחרים האָבן געריסן די

פרייזן, האָט ר׳ זלמן געמוזט אונטעריאָגן, אַרבעטן מער שעה׳ן בכדי צוריק צו דערגרייכן צום פריערדיקן פאַרדינסט...

נישט איינמאָל פלעגט אים, בשעת עס האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אַ שטעכונג הינטער דער לינקער ברוסט, דורכלויפן דער געדאַנק, אַז אויך ער, וועט סוף־סוף ווי דער טאַטע, בלייבן זיצן אַ פאַרשטייפטער ביי דער מאַשין פאַרן לויפנדיקן רעדל.

דאָך האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן פונעם געדאַנק אַריינצוציען אין דער אַרבעט אויך זיינע צוויי אונטערגעוואַקסענע יינגלעך.

די מערסטע צייט פונעם טאָג האָט ר׳ זלמן פאַרברענגט ביי דער מאַשין און אין לויף פון יאָרן, האָבן זיך שוין זיינע אויגן צוגעוווינט צו דעם שווינדזוכטיקן ליכט און צו קוקן כסדר אויף געשטרייפטע צייגענע הויזן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין הויפענען פאַר זיינע אויגן.

אַז ר׳ זלמן פלעגט זיך אַרויסכאַפּן מיטן פעקל אַרבעט צו זיין סוחר, וועלכער האָט געוווינט אינעם זעלבן געסל, פלעגט ער פאַרזשמורען די אויגן, נישט געקאָנט פאַרטראָגן די שיין פון דער זון, וואָס האָט אויף די קויטיק־גראָע הייזער געוואָרפן ליכטיקע לאַטעס...

גאַנץ זעלטן פלעגט זיך ר׳ זלמן אַרויסכאַפּן אויסער די גרענעצן פון זיין געסל.

בלויז איינמאָל אין יאָר האָט ער אָנגעזען גאָטס וועלט: אַ קלאָרן, גרויסן הימל, אַ טייך, פעלדער, ביימער און בלומען. בלויז איינמאָל אין יאָר האָט ער אין זיך אַריינגעצויגן אַזאַ לופט און אַזעלכע ריחות, וואָס זענען אַ קיילעכיק יאָר געווען פרעמד פאַר זיין נאָז און פאַר זיינע לונגען. געווען איז עס — גייענדיק צו תשליך.

* * *

ווען די שיף האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגעס פון חיפה, האָט שוין ר׳ זלמן געהאַט ביי זיך אין קאָפּ פאַרטיק זיין פּלאַן פון איינאָרדענען זיך אין איינע פון די דריי שטעט — חיפה, תל־אביב און ירושלים — אין אַזאַ געסל, וואָס ער האָט פאַרלאָזט אין דער אַלטער היים און, ביי

אַזאַ סוחר פאַר וועמען ער וועט ווידער ביזן שפּעטן אָוונט אויסקלאַפּן אויף דער מאַשין גאַנצע שטויסן צייגענע הויזן...

פון ר׳ זלמנס טעות אין זיינע „פּלענער״, האָט אים אַרויסגעפירט איינער פון די יידישע שיף־אַרבעטער, וועמען ער האָט מגלה־געווען זיין טראַכטעניש. — שלאָגט אייך אַרויס פון קאָפּ די „הויזן״ אייערע פון דער אַלטער היים — האָט ער צו אים געזאָגט מיט אַ שמייכל. — איר דאַרפט וויסן ר׳ ייד, אַז אין דעם לאַנד פון וואַנען איר זענט געקומען, האָבן אַכציק פּראָצענט יידן פון אייערע פאַכן, געאַרבעט פאַר אַ גרויסער אַרומיקער דאָרפישער באַפעלקערונג. און דאָ ר׳ ייד, מוזן מיר, צי מיר ווילן יאָ אָדער נישט, זיין פויערים — אַליין אַקערן, אַליין זייען און שניידן!

ר׳ זלמן איז פון דעם, וואָס ער האָט געהערט פונעם אַרבעטערס מויל — געבליבן זיצן אַן איינגעשרומפּענער, איינגעצויגן דעם קאָפּ טיף אין די אַקסלען, ווי וועלנדיק אויסמיידן די שווער־וואָגיקע, איבערצייגנדיקע ווערטער, וואָס האָבן ווייטיקלעך אָנגעקלאַפּט אין זיין מוח...

* * *

שווערע טעג, וואָכן און חדשים האָט ר׳ זלמן דורכגעמאַכט אויף זיין נייעם לעבנסוועג.

גרויס זענען געווען די ווייען צום געבורט פון אַ ניי לעבן... דערפאַר איז אויך נאָך ליבער געווען דאָס פרישגעבוירענע, און גרעסער די פרייד...

ס׳האָבן זיך געשטעלט ליכטיקע וואַרעמע טעג.

די הימלען זענען בלאָ, לויטער, צעגאָסענע ווי טייכן. פייגל צווי־טשערן, רופן, וועקן און וויגן זיך אויף צווייגלעך און אויף נאָכגעלאָזטע טעלעפאָן־דראָטן, און לאָזן זיך פון צייט צו צייט מיט קינדעריש גע־פילדער אַוועק זיך אונטערטונקען אין דער ווייטקייט פונעם בלאָען ־ים.

אַלץ גרינט, וואַקסט. די לופט איז פול מיט ריחות, וועלכע קריכן אין די ברייט־צעעפנטע נאָזלעכער און דריגען אַריין טיף אין די לונגען אויף דער אָפּגעדאַרטער בוים, דער צוויי־און־פערציק יאָריקער ר׳ זלמן,

וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעפּינצטערט אין זיין חושכדיקער שטוב, אינעם קאַסטן־הויף, — האָט פּלוצים געגומען אויפבליען, געבן בליטן...

אַרומגענומען פון אַלע זייטן מיט יונגער שפּראָצנדיקער גרינקייט, שטייט ר׳ זלמן מיט זיין זעלדען און די צוויי אונטערגעוואַקסענע יינגלעך, די נישט־דערגאַנגענע הויזן־שניידער, און אַרבעטן געשמאַק מיט זייערע כלי־עבודה — אויפן פעלד.

אויף ר׳ זלמנס פּנים ליגט, ווי נאָך קיינמאָל, אויסגעגאָסן אַ זיכער־קייט און אַ רויקייט. אַ לייכט ווינטל צעשויבעט אים פריילעך זיין גראָלעך בערדל, וואָס ער באַמיט זיך כסדר גלייכצוקעמען־עס מיט זיינע פונאַנדערגעשפּרייטע פינגער. אָט וואַרפט ער, ווי צופעליק, אַ בליק אויף אַ גרויסן קאַרטאָפל־בייט און נעמט מיט באַוווּנדערונג באַטראַכטן ווי אַזוי די יונגע קאַרטאָפל־שפּראָצונגען האָבן מיט זייערע טונקל־גרינע אויסגעבויגענע שטיפע צינגלעך זיך דורכגעריסן, דורכגעשטאָכן די ערד און אַרויס אויף דער פריי.

אַז דער אָוונט פאַלט צו, גייט ר׳ זלמן מיט נישט־געאיילטע טריט אַריין מיט זיין בני־בית אין גאָרטן, וואָס אַרום דעם ווייס־געמאָלטן צריף — זייער דערוויילעקע וווינונג. אַלע, לאָזן זיי זיך אַראָפּ אויף דער צו־נויפגעקלאַפּטער באַנק ביים אַריינגאַנג — צו טאָן אַ „דעכע"...

זיצט ר׳ זלמן אַזוי, איינמאָל, מיט זיין בני־בית אין גאָרטן אונטער די צעצווייגטע ביימער־שאָטנס, אַ פּאַרקוקטער איבער די צעלאָפענע גרינע פעלדער — טוט ער פּלוצים זיך אַ שטעל־אויף, אַ צעפּיר מיט דער האַנט איבער דער אַרומיקער צעגרינקייט און אַ זאָג:

— אַזוי, קינדער, האָבן מיר אָפּגעפּינצטערט אַן אָפּגענאַרט לעבן אינדערפרעמד! געמיינט, אַז אַנדערש קאָן שוין נישט זיין... אַז אַנדערש קאָן שוין דאָס לעבן נישט אויסזען! און — אָט, טייערע, איז עס מיין ערשטער פרילינג אין לעבן!...

דער ערשטער פאַרדינער

ווי אויף שפּילקעס, אַ ברענענדיקער פון אומגעדולד, איז חיימל געשטאַנען פאַרן פענצטערל פון משרד אינאיינעם מיט אַלע אַרבעטער פון פאַבריק, כדי צו באַקומען אין ב״ויגעם קאָנווערט זיין ערשטן תשלום, דעם ערשטן פאַרדינסט פון זיינע אייגענע צען פינגער.

פאַר דער קורצער צייט וואָס ער איז באַשעפטיקט אַלס לערניונגל אין דער אונטערנעמונג, האָט ער שוין באַוויזן צו ווערן ענלעך צו די פאַבריקס־אַרבעטער.

די אומהיימלעכע, גראָ־געפאַרבטע האַלע, מיטן אומאויפהערלעכן מאַשין־גערויש ווו שטויב און אייל באַהעפטן זיך מיט מענטשן־שווייס און, אַרום טראָגט זיך אַזאַ געפּרעסטער, שווע־ער ריח — האָט באַוויזן אויך אויף אים אַרויפצולייגן אַ סטעמפּל אויף זיין גאַנץ געשטעל.

מיט יעדן טאָג איז חיימלס, פון זון און לופט אָפּגעברענט פנים, אַלץ בלאַסער און בלאַסער געוואָרן. די שטיפעריש־בליאַסקנדיקע לעבעדיקע אויגן זענען אַלץ מאַטער, ערנסטער און פאַ־טראַכטער געוואָרן.

אָבער מיט גרויס שטאָלץ און ווירדע האָט חיימל, פאַררייסנדיק דעם קאָפּ אינדערהויך, געטראָגן דעם דורכגעפעצטן, קאָמבינעזאָן, וואָס איז געווען צו גרויס פאַר זיין קינדערשן קערפּער, און אַז עס פלעגט אים ווער פון די שכנים פון זיין געסל, טרעפן אין דעם הולך און אים אַ פרעג־טאָן:

— וואָס ביסטו עפּעס אַזוי אויסגעשמירט? האָט חיימל מיט שטאָלץ אָפּגעענטפער:

כ׳אַרבעט דאָך שוין!...

* * *

ער איז געשטאַנען פאַרן פענצטערל און אין געדאַנק כסדר איינגע־

חזרט זיין פאַמיליע־נאָמען:

בינדער — בינדער — בינדער...

ער האָט פּלוצים מורא־באַקומען, טאָמער וועט ער פאַרהערן זיין פאַמיליע־נאָמען איז — ווער ווייסט, וואָס עס קאָן געשען מיט זיין ערשטן תשלום...

ביי יעדן נאָמען וואָס דער פקיד האָט אויסגערופן און בלויז די ערשטע בוכשטאַבן זענען ענלעך געווען צו זיין פאַמיליע־נאָמען, האָט חיימל אַ ציטער־געטאָן עס זאָל נישט פאָרקומען עפּעס אַ טעות אינעם גרויסן טומל צווישן אַזאַ עולם אַרבעטער...

ענדלעך האָט ער דערהערט דייטלעך אויסרופן:

בינדער חיים! בינדער חיים!

מיט אַ ציטערדיקער האַנט, גאָרנישט מיט זיין האַנטשריפט, אַן אות אַראָפּ, אַן אות אַרויף, האָט חיימל זיך אונטערגעשריבן און באַקומען דעם ברוינעם קאָנווערט מיט זעקס נייע, קנאַקנדיקע צען־פונט־באַנקנאָטן. זיינע אויגן האָבן געפינקלט, געברענט. און די אויערן האָבן געפלאַמט...

שנעל, ווי פאַר מורא, אַז דער פקיד זאָל אַמאָל נישט חרטה האָבן... האָט חיימל פאַרלאָזט דעם משרד.

דער וועג אַהיים האָט ביי אים היינט געדויערט כמעט אַ דריטל צייט, ווי יעדן אַנדערן טאָג.

ער האָט אויפן גאַנצן וועג גאָרנישט נישט געהערט, נישט געפילט און נישט געזען — אויסער דער קילער גלאַטיקייט פון די באַנקנאָטן אויף זיינע פינגער... און זייער פרישן ראַזלעכן קאָליר פאַר די אויגן...

• • •

באַלד נאָך דער ערשטער חתונה זיינער, האָט אָבאָ׳ז, חיימל׳ס טאַטן אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פוטער אַראָפּ. דאָס ערשטע ווייב האָט אים צוועלף יאָר צייט קיין קינד נישט געברענגט, נאָר כסדר אונטערגעקרענקט. און אַז זי איז שוין מיט מזל, אויפן דרייצנטן יאָר שוואַנגער געוואָרן, — איז זי ביי דער געבורט געשטאָרבן.

אין עלטער פון פערציק יאָר האָט ער ווידער חתונה געהאַט און ווי אַ פאַרגיטיגונג — האָט אים זיין איצטיקע, פעסקע, געבוירן זעקס גע־זונטע, שיינע קינדער, און די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, די הוצאה — גרעסער־געוואָרן ער — שוואַכער, און די פאַרדינסטן אַלץ קלענער...

די אָפּנעמער פון זיין סחורה האָבן געהאַלטן, אַז זיי טוען אים אַ טובה, ווען זיי קויפן ביי אים די פאַפּירענע בייטלען פון זיין פאַבריקל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פרעסל מיט אַן אַלט שער־טישל אין אַ ווינקל פון זיין איינציק צימער.

דערפאַר האָט אבא מיט פרייד און צער געקוקט אויף די אונטער־וואַקסנדיקע קינדער... געהאַט צער, וואָס ערשט אין זיין עלטער פון פינאונפופציק יאָר, ביים אַרונטערגעריסענעם געזונט, האָט דאָס עלטסטע יינגל זיינס, חיימל, קוים געענדיקט פערצן יאָר.

און נאָך מער האָט ער צער געהאַט פונעם חבר, וואָס דאָס יינגל האָט זיך אָפּגעקליבן און ממש געקלעבט אָן אים.

אָט דער חבר זיינער, „דאָס אַנשיקעניש", ווי ער פלעגט אים רופֿן, האָט אבא מורא געהאַט — זאָל נישט אַמאָל אַראָפּפירן זיין חיימלען פון גלייכן וועג.

רק ער פלעגט אים אַרומשלעפּן איבער אַלע וועגן און שטעגן: דאָ צום ים־ברעג, דאָ צו עפּעס אַ „קומזיץ", דאָ אַ טיול צופוס, צו ערגעץ אַ ווייט פאַרוואָרפענעם קיבוץ, אָדער גאָר אַוועקגעשלעפּט אים ביז אין די שפּעטע אָונט־שעהן, אין עפּעס אַ „תנועה".

די פינף יאָר וואָס אבא האָט זיך געפונען אין לאַנד, האָט ער גע־פילט ווי חיימל גליטשט זיך אים אַרויס פון דער האַנט, — נישט דאָס קינד וואָס ער איז געווען אין חוץ־לאָרץ.

אַז די שכנים פלעגן אים זאָגן: אייער יינגל ווערט אַ גאַנצער „סאַברע" — האָט אבא נישט געוווּסט, צי זאָל ער זיין צופרידן דערפון, אָדער זיך גאָר שרעקן דערפאַר...

אַז אין אַ שיינעם העלן טאָג איז דאָס „אַנשיקעניש" פלוצים פאַר־שווּנדן־געוואָרן פון האָריזאָנט, איז אבא געווען צופרידן, וואָס זיין חיימל וועט שוין נישט האָבן וועמען נאָכצומאַכן. אָבער אין קורצן האָט

זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס ,אָנשיקעניש״ איז גאָר אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק און, ס'האָט נישט לאַנג געדויערט, האָט אים חיימל אויך דאָס־מאָל נאָכגעטאָן.

איינמאָל האָט חיימל ערנסט און ענערגיש אַ זאָג־געטאָן צו דער דער מאַמען.

— מאַמע גרייט מיר צו עפּעס צום עסן אויף מאָרגן גאַנץ פרי!

— וואָס? רייסט אים די מאַמע איבער — ווידער אַ טיול?! גייסט דאָך שוין אַ־ום אָן שיך און אָן הויזן און, דער טאַטע איז שוואַך און האָט שוין נישט קיין כוח צו אַרבעטן.

— שריי נישט, מאַמע. — איך גיי מאָרגן אינדערפרי אַרבעטן אין אַ פאַבריק, פאַרשטייסט? כ'ווער אַן אַרבעטער!...

פּעסקע האָט אירע אויערן נישט געגלויבט. און אירע ־ויטלעכע אויגן האָבן גענומען טרערן פון איבעראַשונג.

אַז אבא האָט דאָס נייעס געהערט פון זיין פּעסקען, וואָס האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס האָט נישט קיין אַנדערער ווי דאָס „אָנשיקעניש״ גע־וויזן חיימלען דעם וועג — האָט ער אַ צוק־געטאָן מיט די פּלייצעס און מיט אַ שולד־שמייכעלע געענטפערט: הלוואי אויף לאַנגע יאָרן.

* * *

די מאַמע האָט אָנגעהויבן צוזען איר חיימלען מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. שוין פאַרנאַכט געפלאַנט, וואָס אָנצוגרייטן פאַר אים אויף צו־מאָרגנס. געזען, עס זאָל זיין אין שטוב אַ ציבעלע, אַ פּאָמידאָרל, א שטיקל הערינג אָדער ווייסער קעז.

ביים מיטאָג־עסן, ווען חיימל איז געקומען פון דער אַרבעט, איז זי געשטאַנען איבער אים און געהיטן ער זאָל חלילה נישט איבערלאָזן אַ ביסן. אַן אַרבעטער, האָט זי אים געהאַלטן אין איין דערמאָנען, מוז אַ סך עסן!...

אַזוי ווי זי פלעגט ביז איצט וואָרענען די קינדער: נאַשט נישט אַראָפּ פון די טעלער, דאָס איז פאַרן טאַטן — האָט זי איצט אַלץ אָפּטער

געוואָרנט: דאָס איז פאַר חיימלען!...

אַ צעפלאַמטער, מיט פייכטלעך פינקלדיקע אויגן, איז חיימל אַריינ־געפאַלן אין שטוב אַריין. פעסקע, וואָס איז געשטאַנען און געמישט דעם קלייסטער אינעם טאָפּ, האָט זיך פשוט דערשראָקן, געבליבן שטיין מיט אַ האַלב־אָפן מויל און מיטן שטיק האָלץ אינעם קלעי — ווען חיימל האָט אַרויסגעצויגן דעם ברוינעם קאָנווערט פון טאַש און, אַוועקלייגנ־דיק אים מיט אַ ווױלערישן קלאַפּ אויפן טיש — געטאָן אַ זאָג: — אָט האָסטו מאַמע!! כ'האָב היינט באַקומען דעם תשלום — זעכציק פונט — אַלע נייע!... און — ער האָט אַ צעלייג־געטאָן די זעקס צען־פונטיקע באַנקנאָטן איבערן טיש.

פעסקען האָט עפּעס אַ ציפּ־געטאָן ביים האַרצן. אויף איר פאַר־דאגהט, אויסגעמאָגערט, גערונצלט פנים, האָט זיך באַוויזן אַ לייכטע רויטקייט און זי האָט, אָפּווישנדיק מיט אַ שמאַטע, דעם קלייסטער פון די הענט, אַ זאָג־געטאָן מיט אַ געכליפּ: — מיין פאַרדינער!... מיין ליכ־טיק קינד! ס'זאָל מיר נאָר נישט געשטערט ווערן!...

חיימל איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטער פון דער מאַמעס וויינען און, ער האָט אַ בורטשע־געטאָן מיט ווייטיקלעכן פאַרדראָס:

— פריער פלעגסטו וויינען, וואָס קיינער אין שטוב קאָן נאָך נישט פאַרדינען און איצט, ווען כ'האָב דיר געבראַכט אַזוי פיל געלט... — וויינסטו ווידער!...

אַז אבא האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן הינטער זיך די טיר, האָט אים שוין פעסקע אַ ציי־געטאָן פאַרן אַרבל, צוגעפירט צום ווינקל שטוב ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס „פאַבריקל" און אַרויסנעמענדיק פונעם בוזעם דעם ברוינעם קאָנווערט אַ זאָג־געטאָן: — נאַ, אָט האָסטו, פון דיין ערשטן פאַרדינער...

אויף אבאס צעקנייטשט פנים מיט די אומעטיק פאַרטרויערטע אויגן, האָט זיך באַוויזן אַ פאַרוואונדערטער שמייכל און, ער האָט פון גרויס איבעראַשונג, בלויז אַרויסגעשטאַמלט:

— אַ חברה־מאַן דאָס איז! טע־טע־טע!...

באַטראַכטנדיק די נייע צען־פונט־באַנקנאָטן — דאָס ערשטע פאַר־

דינסט פון אַ קינד אין שטוב — האָט ער נישט ווילנדיק פאַרלוירן אַ וואַ־רעמען, געזאַלצענעם טראָפּן אויף אַ באַנקנאָט...

ווי עפּעס הייליקס, עס זאָל זיך חלילה נישט פאַרבייגן אַ שפּיצל -- האָט אבא פאָרזיכטיק אַריינגעלייגט חיימלס ערשטן פאַרדינסט, אין אַ ספרל און עס אַרונטערגערוקט גאַנץ טיף אונטער די וועש אין קליידער־שענקל.

ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט אבא מיט זיין פּעסקען זיך דורכגע־שמועסט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף אַלץ טאָן מיטן געלט, נישט צו צע־טרענצלען עס...— זאָל דאָס ייִנגל זען, אַז פון אַרבעט האָט מען עפּעס...

קבוע

שוין קרוב זעקס חדשים ווי יצחק'ן האָט זיך איינגעגעבן אָנצוקומען אין דער גרויסער אונטערנעמונג, צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע צענדליק לשכה־אַרבעטער.

דאָס ערשטע מאָל נאָך עטלעכע יאָר זיין אין לאַנד, אַרבעט ער אָן אַן איבעררייס כמעט אַ האַלב יאָר אויף איין פּלאַץ...

אַ לייכט־אַרבעטער אין דער אַלטער היים, אַ באַרשטנמאַכער, האָט ער דאָ געפּאַקט און געמאָזלט, ביז ער איז איבערגעקומען, צוגעוווינט זיך און פאַרהאַרטעוועט דעם קערפּער אין אַלע מינים שווערע אַרבעטן.

מיט דער צייט האָט ער באַקומען אַ צעאַקערט, ברוין־אָפּגעברענט פּנים און קאַרק, בולט־דורכגעפלאָכטענע אָדערן אויף די הענט, און ברייטע, האַרט־אָנגעצויגענע, אויסגעאַרבעטע דלאָניעס. עס האָט אים אָבער די גאַנצע צייט נישט אָפּגעגליקט זיך אַ־יינצובאַקומען אין אַ שטענדיקן אַרבעטפּלאַץ, וואָס דאָס איז געווען זיין העכסטער ציל, זיין גרעסטער טרוים...

ווען דעם פלעגט ער אָפט איינטענען מיט זיין צירלען:

— הערסט, צירל, מיר האָבן טאַקע נישט געהונגערט חלילה, די גאַנצע דריי יאָר וואָס מיר זענען דאָ, אָבער נישט איינמאָל גיט דאָס האַרץ אַ צי צו עפּעס בעסערס.

וויפל מאָל הויבט מען זיך אויף פונעם טיש מיט אַן אָנגעלייגטן פולן בויך, און דאָ אונטערן לעפעלע איז עפּעס ליידיק, נאָגט ווי אַ וואָרם. — וואָס מיינסטו, צירל, די קינדער פילן דאָס נישט?...

—אָט, ווען דו ווייסט זיכע", אַז דו וועסט אַרבעטן מאָרגן איבערמאָרגן. כסדר, „אויף אַ לאַנגער מעטע"; אַז דאָס און דאָס פאַרדינסטו אַ חודש, — מאַכסטו דיר אַ חשבון, וויפל דו קענסט אויסגעבן אויף דעם און

ווינקל אויף יענעם — כ'ווייס... אַ טעלער, אַ טעפּל, אַ העמד, אַ שוך — וואָס אַ לעבעדיקער מענטש ברויך אַלץ... אוי ווי גוט דאָס וואָלט געווען, ווען איך באַקום אַ שטענדיקן אַרבעטפּלאַץ!

צירל לאָזט אים אָבער צופיל נישט טראַכטן וועגן דעם „וואָס וועט זיין"; זי האַלט אַז קומען מוז נישט דוקא שלעכטס; אויך גוטס קאָן קומען אומגעריכט.

— וועסט זען, יצחק, וועסט נאָך באַקומען אַ שטענדיקן אַרבעט־פּלאַץ, ווערן אַ „קבוע", און די שטוב וועט אויך זיין ווי עס באַדאַרף צו זיין.

און אַזוי האָט זיך טאַקע געמאַכט. כאָטש יצחק האָט נאָך נישט גע־ווּסט, צי ער וועט דאָ בלייבן אַרבעטן „אויף אַ לאַנגער מעטע", איז אין די פיר ווענט פון זיין שטוב עפּעס ליכטיקער, וואַרעמער און היימ־לעכער געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן אַ שטיקל נאָרמאַל לעבן — עסן צו דער צייט, שלאָפן צו דער צייט. און די קינדער האָבן שוין פון צייט צו צייט דערפילט דעם טעם פון אַ קינדערשן געניס, צו־גלייך מיט אַנדערע שול־חברים.

שוין אַ האַלבע שעה פאַר יצחק'ס אַהיימקומען פון דער אַרבעט, איז דאָס טישל געשטאַנען איבערגעדעקט מיט אַ ווייס טישטעכל, מיט גאָפּל־מעסער, און צירל אַליין האָט שטייענדיק פאַרן אָבלען־שפּיגעלע „פאַר־יאָגט פון זיך די קעכן".

אויפן אַרבעטפּלאַץ האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען, וואָס זענען באַלד באַשטעטיקט געוואָרן פון טייל פּקידים און מנהלים, אַז אַ געוויסע צאָל פון די פריש־אָנגעקומענע לשכה־אַרבעטער וועלן בלייבן אין דער אונטערנעמונג אַלס קבועים — אויב זיי וועלן טויגן. און באַלד האָט זיך אָנגעהויבן צווישן די פאַר צענדליק מענטשן אַ וועט־געלויף... יעדער איינער האָט גענומען אַרויסגעבן פון זיך, פּשוט אַרויסקוועטשן, מער ווי ער איז געווען בכוח. איינער האָט אָנגעהויבן זען אינעם צווייטן אַ געפערלעכן קאָנקורענט. חברים האָבן אָנגעהויבן קוקן מיט חשד איינער אויפן צווייטן און מורמלען וועגן „ברייטע פּלייצעס" און פּראָטעקציע „אויבן".

* * *

איינמאָל זענען צוויי קבועים נישט געקומען צו דער אַרבעט. זיי זענען אַוועק אויף עטלעכע וואָכן אין צבא — האָט דער מנהל פון דער אָפּטיילונג, צוגערופן אַ גרופּע פון די נייע, צווישן זיי אויך יצחקן — אַ ווייז־געטאָן מיטן פינגער גאַנץ הויך אַרויף צו דער אייזערנער קאָנ־סטרוקציע און, מיט אַ שמייכלדיקן בליק קורץ אַ זאָג־געטאָן:

— צוויי מאָן דאַרף מען האָבן אויבן...

פון מנהל׳ס אויגן, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אַרויפקריכן אויבן אַר־בעטן, מיינט... — בלייבן קבוע. פונדעסטוועגן האָבן אַלע אַ לענגערע ווײַלע אָנגעצויגן געשוויגן, ביז, צוויי פון דער גרופּע האָבן זיך אַרויסגערוקט און מסכים געווען. צווישן זיי — יצחק.

די שרעק פאַר דער אַרבעט אויף דער הויכער, אייזערנער קאָנסטרוק־ציע איז יצחק׳ן באַפאַלן ערשט נאָך דער אַרבעט, ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט.

אַ סך מאָל, נאָכן ערשטן דרעמל, פלעגט ער אַ שטאַרקן ציטער־טאָן מיטן קערפּער און זיך אָנכאַפּן מיט דער האַנט אָנעם ראַנד פון בעט. נישט איינמאָל האָט אים צירל דעמאָלט אַ פרעג־געטאָן: וואָס איז דיר? ער האָט איר אָבער נישט געוואָלט אויסזאָגן ביי וואָס ער איז איצט באַשעפטיקט, און אָפּגעפּטערט זי מיט עפּעס אַ קינדערשן חלום. — אַז ער פאַלט אַראָפּ פון אַ גאָר גרויסער הויך, צו דער ערד...

מיט אַכט טעג שפּעטער איז יצחק אַהיימגעקומען מיט דער פריי־לעכער בשורה:

קענסט מיר אָפּגעבן אַ מזל־טוב — כ׳בין שוין אַ קבוע! מען וועט זיך קאָנען אַ ביסל אויסגלייכן די פּלייצעס, זיך אַ ביסל איינאָרדענען! מיט אַ פּאָר צעשטראַלטע אויגן האָט צירל זיך צו אים אַ כאַפּ־געטאָן: אַהאַ! כ׳האָב דיר שטענדיק געזאָגט, יצחק, אַז דער מענטש ווייסט קיינ־מאָל נישט, וואָס עס קאָן קומען...

* * *

געשען איז דאָס אומגליק בעת יצחק האָט אָפּגעשפּיליעט פון זיך

אין דער נייער היים

דעם זיכערהייטס־גאַרטל — אים איבערצוהענגען אַ צוויי מעטער פון זיך. דאָס ברעט אויף וועלכן ער האָט אַרויפגעשטעלט דעם פוס, האָט זיך אַ רוטש־געטאָן און — אַ מענטש איז געפלויגן פון העכסטן פונקט אַראָפ, אַראָפ... און — אַ מענטש־קנויל האָט מיט אַ פאַרטויבטן קלאַפ זיך אָפגעשלאָגן אָן דעם באָדן...

דאָס מיטאָג — פאַרטיק. דער טיש — געדעקט. אויפן שניי־ווייסן טיש־טעכל זענען וואַרטנדיקע, אומבאַרירטע, געבליבן ליגן גאָפל־מעסער מיט אַ שטעכיקן בלישטש...

בערקע שמיד

געווען איז בערקע אַ שמיד און אויך אַ סטעלמאַך, נאָר די הויפּט־קונסט זיינע איז באַשטאַנען אין שמידעריי. און דעריבער האָט מען אים גערופן בערקע שמיד.

שוין מערערע חדשים ווי בערקע דרייט זיך אַרום איבער דער שוועגערינס צימערן און גייט פּשוט אויס פון נודאָטע, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. יעדעס מאָל ווען ער כאַפּט אַ קוק אויף זיינע הענט, רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ שווערער זיפץ.

אָט וועגן די הענט זיינע, פאַרטרויט ער זיך לעצטנס זייער אָפט פאַר זיין חוה׳ן׃

„נישט גוט, חוה, עס ווערט, דאַכט זיך מיר, אַ תל פון מיינע הענט. זיי ווערן מיר פון טאָג צו טאָג אַלץ ווייכער און ווייכער. כ׳וועל דאָך, האָב איך מורא, פּשוט נישט קאָנען האַלטן דעם האַמער אין דער האַנט״.

יעדעס מאָל, וואָס ער פאַרטרויט זיך פאַר זיין חוה׳ן וועגן זיינע הענט, דערקלערט ער איר:

— „הערסט חוה, כ׳בין נישט קיין שטאָט־מענטש! אַן ענדע זאָל עס נעמען: — חוה־ע־ע לאָז אַרויס די „קאַנאַריקלעך״ פון קאָפּ!״

בערקע שטאַמט פון אַ שמידן־דינאַסטיע, וועלכע ציט איר יחוס ביז צו זיין עלטער־זיידן און ער האָפט, אַז טראָץ זיין חוה׳ס קעגנערשאַפט, וועט זי זיך אויך ווייטער ציען.

דאָס כסדרדיקע, דורות׳דיקע שמידן, האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן סטעמפּל, נישט נאָר אויף בערקעס אופן פון טראַכטן, נאָר אויך אויף זיין גאַנצער פיגור און געבוי. יעדער קערפּער־טייל זיינער זעט אויס ווי עפּעס אויסגעקאָוועט, אויסגעהאַמערט: אַ גרויסער, כמעט קוואַדראַט־פאָרמיקער קאָפּ אויף אַ נידעריקן, דיקן האַלדז, מיט אַ קאַרק וואָס ציט

זיך אין אַ גלייכער ליניע פון קאָפּ־שיידל ביז צו דער פּלייצע און דער־מאַנט מיט זיין קרעפּטיקע, גלאַנציקע אָנגעצויגנקייט, אָן אַ קאָוואַדלע...

פונעם שווערן, ברייטן, האַמעטנעם קערפּער, הענגען אַראָפּ אַ פּאָר אָרעמס מיט אַ פּאָר ידיים, אין וועלכע אַלץ, וואָס פאַלט אַריין אין זייערע דלאָניעס אָדער צווישן זייערע פינגער — קאָן פּלאַצן אָדער צעקוועטשט און צעריבן ווערן... אפילו די פּירקאַנטיקע, עטוואָס גראָלעכע, טונקעלע באָרד זיינע, וואָס רייסט זיך כסדר אין אַ האָריזאָנטאַלער ליניע, זעט נישט אויס ווי פון האָר, נאָר ווי פון געבויגענע דראָטלעך.

בערקע האָט פאַרמאָגט דריי זין און איין טאָכטער. צוויי זין — פעסט־געבויטע, קרעפּטיקע גאַווראָניעס, וואָס האָבן שוין אין דער אַלטער היים געאַרבעט ביים טאַטן — זענען אומגעקומען ביי די דייטשן.

דער יינגסטער, פּינקע, אַ יינגל אין דרייצנטן יאָר, האָט נאָך נישט געאַרבעט, אָבער — זיך אינגאַנצן שוין געשניטן אין טאַטן.

וויפל זיין חוה מיט איר שוועסטער האָבן נישט אַריינגעאַרבעט אין בערקען, ער זאָל זיך איינאָרדענען אין דער שטאָט, זיך נעמען צו אַן אַנדער פּרנסה — האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס'האָבן אויך נישט געהאָלפן זיין שוועגערינס און שוואָגערס אויפקלערן אים:

— „אַז דאָ, ביי אונדז אין ארץ־ישראל, באַאַרבעט נישט יעדער פּויער זיין באָדן מיט זיינס אַן אייגן פערדל, ווי אין דער אַלטער היים: אַז דאָ אַקערט מען מיט טראַקטאָרן; אַז דאָ זענען נישטאָ די פּוילישע וועגן, וואָס נאָכן דורכפאָרן אַ געוויסע צאָל קילאָמעטער, האָט מען גע־מוזט אָנקומען צום קאָוואַל אָדער סטעלמאַך; אַז דאָ גליטשן זיך דאָס ביסל וועגענער אויף גלאַטיקע כבישים". און דער אויספיר זייערער איז געווען, אַז דאָ וועט ער אין דאַרף קיין פּרנסה נישט האָבן.

זייערע ווערטער האָבן זיך געלייגט ווי בליי אויף זיין נשמה. אָבער ער האָט זיי נישט אַרויסגעוויזן זיין אומרו. בערקע האָט זיך דערטראַכט, אַז וואָס עס וועט פאָרקומען איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, קאָן ער נישט וויסן, אָבער ער, בערקע אַליין, זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער קוזשניע — דאָס נישט!

בערקע האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: „ראשית כל — האָט ער גע־

טענהעט — זענען מיר שמידן און סטעלמאַכער, און פוןביידע אַרבעטן קאָן מען נאָך עפּעס אַרויסציען, אפילו ביי דער קליינער צאָל פערד און וועגנער. צווייטנס — אַז פיר פאָר הענט און, פאַרוואָס טאַקע נישט זעקס פאָר? — דו חוה, מיט אונדזער גיטלען, זענען דען קיין מענטשן נישט?"

„נישט ביי בערקען!" — האָט ער אויסגעשריגן און דאָס טליענדיקע פייערל אין זיינע אויגן איז גרעסער געוואָרן — „כ'בין נישט קיין שטאָטישער! כ'קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס שטאָטישע שפּינגע־דעגינגע־לעבן. דאָ איז אַלץ שפּינגע־דעגינגע: די מענטשן, דאָס עסן, די אַרבעט, אַלץ!" „שפּינגע־דעגינגע" האָט געהייסן ביי אים אַלץ וואָס איז שוואַך, נישט מאַסיוו.

* * *

נאָך פינפאיי־צוואַנציק יאָר זיין פונאַנדערגעשיידט — האָבן ביידע שוועסטער דורכאויס געוואָלט זיין נאָענט איינע צו דער אַנדערער.

בערקע האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס: — „פאַר די פאָר גרייצער" — האָט ער געזאָגט — „וועסטו שטענדיק קענען צופאָרן צו דיין שוועסטער אין שטאָט אַריין און אויך זי, די שוועסטער דיינע, וועט דאָס קאָנען טאָן, אויב זי וועט דיך וועלן זען. זאָג, חוה, וואָס וועלן טאָן אונדזערע דריי בנים אין דער שטאָט? אפשר אויסזוכן פאַר זיי עפּעס אַ לייכטע אַרבעט, האַ? מאַכן זיי פאַר „מאַכערס", אַ שטייגער: אַ היטל־מאַכער, אַ שאַכטלמאַכער, אַ פאַסקעמאַכער, אָדער אפשר גאָר אַ זייגער־מאַכער?" — האָט ער יעדעס מאָל מיט חוזק אַקצענטירט דאָס וואָרט „מאַכער". מיטן גרעסטן ביטול האָט ער גערעדט וועגן „זייגערמאַכערס", געהאַלטן, אַז זיי עסן אומזיסט ברויט...

„דו ווילסט מיר זאָלן ווערן שטאָטישע מענטשן, האַ? חוה, פינקע וועט אפשר מיט דער צייט ווערן אַ „פאַקיט", זיצן גאַנצע טעג מיט דער פען אין דער האַנט, עסן דינע „סאַנדוויטשעס" און ליידן אויף „מע־רידן. און דו וועסט ווערן אַ שטאָטישע, קאָכן אין קליינע טעפּעלעך און גיין צוויי מאָל אין דער וואָך צום דאָקטער און, איך וועל זיך אַרומדרייען

מיט קלאָרע ווייכע הענטלעך און שלינגען פילן צום אַפּעטיט... הערסט, חוה — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן, און ס׳האָבן זיך דערביי צעזשאַרעט די גליענדיקע פייערלעך אין זיינע געדיכט־באַברעמטע אויגן — איך וועל פון מיינע זין נישט מאַכן קיין „מאַכערס״. איך בין אַן „אַנטיסעמיט״ אויף זיי... אויף די אַלע, וואָס קענען אין לעבן נישט אָנעמען ביים עק, ביי דער שווערער זייט, און אַז מען דאַרף אַמאָל דערלאַנגען אין דער צורה אַריין — מאַכן זיי פּיס, אויב זיי באַווייזן נאָר...״

* * *

אין איינעם אַ טאָג האָט בערקע אַ זאָג־געטאָן צו זיין ווייב: „חוה, מאַך זיך גרייט! אין צוויי טעג אַרום פאַרלאָזן מיר די שטאָט. מיר פאָרן אין אַ דאָרף ווו כ׳האָב געזען שטיין אַן אַלטע קוזשניע, וואָס מען דאַרף זי נאָר אַ ביסל אונטערקאָווען. נעבן דער קוזשניע איז פאַראַן אַ הייזל און אַרום — אַ שיין שטיקל ערד. אַז מירן זיך אַ נעם־טאָן מיט די זעקס פּאָר ידיים, וועט די ערד אונטער אונדז ברענען... מירן פאַרזעצן קרויט, קאַרטאָפל, פאַרזייען ווייסן רעטעך, מייערן, ציבל און, דו, חוה, וועסט ווידער קאָכן נישט אין קיין קליינע טעפּעלעך, נאָר אין טעפּ, וואָס עס נוצן די שטאָטישע, צו וועש... איי, האָט מען אַ מאָל געקאָכט און געגעסן ביי יאַנקל שמיד, דעם טאַטן מיינעם! — הערסט חוה? — אַ זעקס־קילאָ־דיק ברייטל איז ביי אונדז פאַרשווונדן־געוואָרן פון טיש־אַראָפּ, צווישן אַ יאָ און אַ ניין...״ —

בערקעס שווער־באַברעמטע אויגן, האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ טליי־ענדיק פייערל ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם טאַטנס הויז:

— הערסט, חוה? — ווען ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָען אין דרויסן, זענען שוין אויפן טיש געשטאַנען אַזעלכע־אָ שיסעלעך — האָט ער מיט דער האַנט געמאַכט אַ ברייטן קרייז. פון די קאַרטאָפל מיט די געקנופּטע קליסקעס מיט מילך, האָט געזעצט אַ געדיכטע פּאַרע און, חברה האָט געשוויצט און געריפּעט. איי, חוה, האָבן מיינע ברידערלעך געקאָכט אַראָפּלאָזן!... הערסט, חוה. די מאַמע מיט די שוועסטער זענען מיד גע־

וואָרן פון שיילן די קאַרטאָפל... מירן ליב געהאַט זיך גוט אונטערצוקאָווען.
מירן אָבער געקאָנט אויך אַ נעם־טאָן ביים שווערן עק...

* * *

ווייט אַרויס דעם דאָרף, האָט אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייט אָפּ־געקלונגען דער ריטמישער מעטאַלענער געקלאַנג פון שווערע האַמער־קלעפּ איבער אַ קאָוואַדלע. קופּער־רויטע גופים און שטאָל־אָדערדיקע הענט באַוועגן זיך, הייבן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ, וואַרפנדיק זייערע שאָטן־פלעקן אויף די ווענט פון דער קוזשניע, וואָס איז באַלויכטן פונעם טליענדיקן זשאַר אויף דער רושטע. חוה שטייט נעבן בערקען און רעדט אין אים אַריין, וויל נאָך מאַכן דעם לעצטן פּרווו אים איבערצוצייגן, אַז מען וואָלט כאָטש דאָס יונגסטע קינד, דאָס מוזיניקל, געדאַרפט אָוועקגעבן צו אַ לייכטערע אַרבעט. דאָס טליענדיקע פייערל אין בער־קעס אויגן ווערט גרעסער:

— „זאָג מיר, חוה, ווי לאַנג וועסטו זיך אַרומדרייען ווי אַ בלאָז־זאַק און אָכצן און יאָכצן?! האָסט דיך אפשר אָנגעהויבן שעמען מיט די קאָוואַליעס? האַ? — האָסט אפשר חרטה אויפן שידוך? וואָס? דו הערסט, חוה?! לאָז אַרויס די „קאַנאַריקלעך" פון קאָפּ! נישט ביי בערקען!"

דערהערט די לעצטע ווערטער זיינע „נישט ביי בערקען" האָט חוה פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן יעדעס ווייטערע וואָרט. זי ווויינט שוין מיט אים, ביז הונדערט און צוואַנציק — דרייסיק יאָר...

— אַ נו, קום נאָר אַריין — האָט בערקע אַרויסגעשריגן דורכן קוזש־ניע־פענצטערל צום פעלד צו, ווו פינקע מיטן מיטלסטן זון האָבן זיך געפּאָרעט ביים באָדן — קום שוין שנעלער, בר־מצוהניק, בנאָק מיינער!"

— „וואָס, טאַטע?" — איז פינקע שטיין געבליבן אין דער טיר.

— אַ נו, ווייז נאָר דער מאַמען דיינע פויסטלעך!"

נישט פאַרשטייענדיק וואָס דער טאַטע וויל פון אים, רוקט פינקע אונטער די צוויי פויסטן גלייך אונטער דער מאַמעס נאָז.

— „נו, ווי מיינסטו, חוה? — צי מאַכט ער נישט אַ ביסל שיטערע

זייף פון יעדן פון דיינע שוועסטערס קינדער? האַ? דו גיב אָבער אַכטונג אויף אים — ס׳איז צו מיר דערגאַנגען, אַז דער תכשיט שלעפּט אַרויס פּאָדקאָוועס פון דער קוזשניע און ווייזט פאַר די חברים זיינע קונצן, ווי אַזוי מען ברעכט און מען בייגט זיי מיט די הוילע הענט... חוה! וועסט מיר פון דעם קינד נישט מאַכן קיין „מאַכער״, נישט ביי מיין לעבן. נישט מיין עלטער זיידע, נישט מיין זיידע און נישט מיין טאַטע זענען געווען פון אָט די... אַלע זענען זיי געווען שמידער און אויך פּינקע וועט זיין אַ שמיד. דאָס לעבן „מאַכט״ מען נישט. דאָס לעבן מוז מען נעמען אָט אַזוי, מיט צוואַנגען, מיט שמידן דאָס אייזן — ווי לאַנג עס גליט...

אינעם שוין־פאַרווישטן אַרום פונעם אָוונטיקן טונקל־בלאָ, אין וועלכן ס׳האָט זיך איינגעעשניטן אַ רויט בלוטיק אויג פונעם קוזשניע־פענצטערל, האָט זיך נאָך דערטראָגן דער געקלאַנג פון די לעצטע האַמער־קלעפּ אויף אַ קאָוואַדלע.

דער פּוסטעלניק

נאָך מיט אַ צייט פריער, איידער ס'האָט זיך אויף די שטאָטישע לוחות באַוויזן מיט פעטע גרויסע שריפט די לאָזונג „פון שטאָט אין דאָרף" — האָט זיך שוין גבריאל ליפשיץ אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַר־לאָזן די שטאָט און אַריבערפעקלען זיך מיט ווייב און קינדער אין אַ מושב — ווערן אַ דאָרף־מענטש. אמת, אַ ביסל צו שפּעט — האָט ער צו זיך געזאָגט — אָבער אַלץ בעסער ווי מיט איינמאָל צו פאַרלייקענען דאָס, אין וואָס איך האָב אַלע יאָרן געגלויבט. עס האָט אים סוף־כל־סוף באַ־הערשט אַ געפיל פון פאַרדראָס און בושה פאַר זיך אַליין: ווי אַזוי האָט ער געקאָנט ער אַ פאַר־מלחמה'דיקער פאַרטיי־אַקטיוויסט, אַן אידעאַליסט, וואָס האָט יעדע פרייע מינוט געווידמעט זיין ענערגיע און מי, צו העלפן איינפלאַנצן צווישן די יידישע יוגנט פון זיין שטעטל אין פוילן, די פאַר־שטענדעניש און ליבע צו ערד־אַרבעט און צו ארץ־ישראל; פאַר זיי אויפ־געקלערט, אַז נאָר דאָרט, אין ארץ־ישראל, וועלן יידן ווערן אַ נאָרמאַל פאָלק — זאָל אַליין פלוצים נעמען און זיך באַזעצן אין שטאָט.

אַז דאָס האָט אויך געטאָן די גאַנצע „חברה" מיט וועלכער ער איז געזעסן אין אַ בערגען־בעלזענער קיבוץ — איז נישט קיין פאַרענטפער — האָט ער געטראַכט — ווייל אין דער מערהייט זענען זיי געווען קאָניוקטור־קיבוצניקעס, וואָס יעדער פון זיי איז געפאָרן מיט זיינע באַזונדערע פלענער און אויסרעכנונגען, אָבער ער, גבריאל, ער זאָל ווי זיי זיך קלאַמערן אָן די מו־ערן פון שטאָט?... וואָלט ער כאָטש געהאַט סטאַביל אַרבעט — וואָלט ער נאָך געקאָנט זיין פאַרענטפערט...

* * *

געוווינט האָט גבריאל ליפשיץ, נישט אין דער שטאָט גופא, נאָר אין

איינע פון אירע אונטערשטע שכונות ווו דער רוב איינוווינער איז באַשטאַנען פון נייע און האַלב־נייע עולים. געווען זענען די געסלעך שמאָלע, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ, מיט ענג־צוזאַמענגעפּרעסטע נידעריקע אַלטע הייזלעך מיט הילצערנע גאַניקלעך און מיט אַ סך שטיינערנע טרעפּ; הייזלעך ווו די זונשטראַלן האָבן זיך געמוזט אויסקעמפן אַ וועג, כדי צו קאָנען אַריינדרינגען דורך אַ פענצטער...

גבריאל האָט נישט איינמאָל געוואָלט אַנטפּלעקן פאַר זיין דבורהן זיינע טראַכטענישן. נישט איינמאָל, ווען ער האָט זי בעתן מיטאָג־עסן זייטיק באַטראַכט און זי געזען זיצן אַן אָפּגעצערטע, אַ פאַרצוקטע — ביים פאַר־יכטן העמד און הייזלעך פאַרביידע יונגלעך, אָדער איבערגעבויגן איבער אַ באַליע וועש — האָבן זיך די ליפּן זיינע געגומען באַוועגן ווי ביי אַ פיש... געוואָלט מיט איר רעדן וועגן דעם, נאָר — ס׳איז גאָר נישט אַרויסגעקומען און — ער האָט ווידער אָפּגעלייגט אויף אַ צווייט מאָל...

געווען איז עס אין אַ געוויסן אָוונט, בעתן עסן דעם מאָגערן איבערגעוואַרעמטן מיטאָג, האָט ער פּלוצים ווי צו זיך אַליין אַ זאָג־געטאָן אין דער שטוב־אַריין: אויך היינט האָב איך גאָרנישט דערלעדיקט, מען הייסט ווידער קומען מאָרגן״...

דבורה, וואָס איז געשטאַנען איבערגעבויגן ביים אויסרייבן דעם טאָפּ פון עסן, האָט מיטן אָרעם אַ שאַר־אַרויף־געטאָן די האָר, וואָס זענען איר אַ־ונטערגעפאַלן צו די אויגן, און געבליבן שטיין אַ ווײַלע אומבאַוועגלעך, מיטן פּנים אויסגעדרייט צום טישל ווו גבריאל איז געזעסן.

ס׳האָט זיך מיטאַמאָל שאַרפער געהערט דאָס זשומען און קלאַפּן מיט די פליגעלעך פון אַ גרויסער גרינלעכע פליג אָן די שויבן פונעם פאַרמאַכטן פענצטער. — ווי מיינסטו, גבריאל — האָט זי איבערגעריסן די געדריקטע שטילקייט — צי איז טאַקע ווי „זיי״ זאָגן וועגן דאָרף און מושב? קומען טאַקע מענטשן צוריק צו לויפן פון דאָרט?

— כ׳מיין, אַז ס׳איז נאָכנישט אַלץ אינגאַנצן אַזוי ווי מען זאָגט... און וואָס שייך וועגן דעם צוריקלויפן — איז מען אַמאָל צוריקגעלאָפן פון די שענסטע און בעסטע ערטער, וואָס מען זעט היינט אין לאַנד... און

געשאַפן איז דאָס אַלץ געוואָרן אַ דאַנק די וואָס זענען געבליבן — די עקשנים....

— ווי מיינסטו, גבריאל, וועט עס נישט אַמאָל פאַר דיר, כ׳מיין, פאַר אונדז... זיין צו שווער? ווי קומען מיר צו ערד?...

— כ׳מיין דבורה, אַז שווערער ווי דאָס שטיין ביי דער לשכת־עבודה און קוקן אויף דער פקידה מיט אויגן פון אַ הונגעריקן הונט — קאָן דאָרט נישט זיין... געוויס וועט עסביים אָנהייב גאָרנישט לייכט־זיין... ס׳וואַקסן אונדז אָבער אונטער צוויי זין — פיר הענט!...

* * *

ווען צו גבריאלן האָבן אָנגעהויבן צו קומען מעקלער און קונים אויף זיין דירה, איז דער סוד פון זיין גרייטן זיך צו פאַרלאָזן די שטאָט און גיין אין דאָרף — געוואָרן אויס סוד, און וועגן דעם „משוגעת״, וואָס גבריאל האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ־אַריין, האָט מען גענומען רעדן אין אַלע שטובן ביי זיינע שכנים. ווער, עס האָט געזאָגט, אַז גבריאל „שעכט אָפּ אָן אַ מעסער״ זיך און זיין ווייב און קינדער, ווער: „אַז אַ מענטש גייט זיך אַריינלייגן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנק בעט אַריין״ און ווער: ווי אַזוי קאָן אַ מענטש פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט און זיך אַוועקלאָזן אין אַ „העק״ אין אַ „פּוסטיניע״ גראָבן מיט דער נאָז די ערד... און — איידער וואָס־ווען, איז גבריאל אין אַ העלן מיטוואָך געקרוינט־געוואָרן מיטן נאָמען דער „פּוסטעלניק״...

מער פון יעדן איינעם, האָט די ידיעה וועגן גבריאלס „גיין אין דאָרף״ אויפגעבראַכט זיין יוגנט־חבר אין שכון פונעם אַנטקעגנדיקן הויז, מנשהן ראַטווין — אַ געוועזענער קאָרקן־מאַכער, וואָס די גאַנצע עטלעכע יאָר זינט ער איז געקומען אין לאַנד אַריין און געטאָן שוין אַלץ אינדערוועלט — איז ער געבליבן אַ „דוחק־אַרבעטער״.

אָט דער יוגנט־חבר, מנשה ראַטווין, וואָס צוזאַמען מיט גבריאל ליפשיץ, איז ער האַרט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געוועזן אויף הכשרה אין איין און דעם זעלבן קיבוץ — האָט זיך איצט „געלייגט אין־דער־לענג און אין־דער־ברייט״ אַרויסצושלאָגן פון גבריאלן דעם „בזשיק״, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין מוח..

יעדעס מאָל, ווען מנשה איז געקומען צו אים אין שטוב אַריין אָדער אים אָנגעטראָפן אין גאַס, פלעגט ער אים אָפּשטעלן מיטן זעלבן „פּזמון״: באַזין זיך גבריאל, ווי לאַנג ס׳איז נאָך צייט, ווי לאַנג דאָס נאַרישקייט איז נאָכנישט געוואָרן אָפּגעטאָן!... זאָלסט דיר נעמען אין קאָפּ אַריין, וואָס איך זאָג דיר׳ אויף פאַרלאָזן די שטאָט, איז די טיר אַ ברייטע, אָבער אויף צוריק זיך אַריינצובאַקומען אין איר — איז זי זייער אַ שמאָלע...

* * *

כמעט אַלע איינוווינער פונעם געסל זענען אַרומגעשטאַנען דעם לאַסטאויטאָ אויף וועלכן ס׳איז שוין געווען אַרויפגעלאָדן גבריאלס האָב און גוטס. אויף די סאַמע העכסטע פאַרקנופּטע פּעק מיט בעטגעוואַנט. זענען מיט צעפּלאָמטע, צופּ־ידענע פּנימער האַלב־געלעגן — ביידע יונג־לעך. דערשוויצטע און אַ ביסל צעטראָגענע, זענען ביים לאַסטאויטאָ גע־שטאַנען גבריאל מיט זיין דבורהן און, געדריקט אָן אַ שיער אויסגע־שטרעקטע הענט.

ווען ביידע זענען שוין געזעסן אויף דער מאַשין און דער מאָטאָר האָט שוין גענומען טורקאָטען, איז אַ פאַרסאָפּעטער, און איין אָטעם, אָנ־געלאָפן מנשה. דריקנדיק פעסט זיין האַנט, האָט גבריאל פּאַטעטיש אויס־גערופן צו די אַרומשטייענדיקע שכנים:

כ׳וויל האָפן, אַז אין דער גאָר נאָענטער צייט וועט קומען דער טאָג, ווען נישט איינער פון אייך און ספּעציעל דו „פּ־אַקטישער״ מנשה — האָט ער אַ באַדייטונגספולן ווונק־געטאָן צו זיין יוגנט־חבר — וועסט זיך סוף־כל־סוף באַזינען, מיר נאָכקומען, זען און זיך איבערצייגן ווי אַזוי אַ „פּוסטעלניק״ האָט אין דער „פּוסטקע״ אַריינגעבערענגט לעבן...

די מאַשין האָט לאַנגזאַם זיך גענומען באַוועגן באַרג־אַרויף דורכן שמאָלן געסל. ס׳האָבן געפאָכעט הענט און זיך געהערט אויסרופן:

אין אַ מזלדיקער שעה! מיטן רעכטן פוס! אַ ברכה און הצלחה!

שטייענדיק מיט פאַריסענע קעפּ צום באַרג־אַרויף ווו די מאַשין איז פאַרשוונדן געוואָרן, האָבן אַלע שכנים מסכים־געווען:

— אַ „פּוסטעלניק״ — אָבער דער בעסטער שכן — אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד...

געצעלע

גערופן האָט מען אים פאַרצויגן, געצעלע — צוליב זיין כמעט יינגלשע פיגור: אַ קליינער, אַ מאָגערער, באַוועגלעך ווי אַ וועווריק, און מיט אַ פּאָר גרויסע אַרומלויפנדיקע און תמיד זוכנדיקע אויגן.

ווען געצעלע איז געקומען אין לאַנד אַריין אַלס עולה חדש, האָט אים דאָס מאָל צוגעשפּילט און ער האָט עפּעס אויף אַ קונציקן אופן זיך גלייך אַריינבאַקומען אויף אַן אַרבעט־פּלאַץ. פון אַלע רעדוקציעס, וואָס זענען במשך פון זיין ערשטן אַרבעטס־יאָר פאָרגעקומען אין דער אונטערנעמונג, האָט ער זיך פלינק אַרויסגעגליטשט מיט זיין קוועקזילבערדיק פיגורל און — אַזוי אַרום געוואָרן סוף־כל־סוף אַ קבוע׳ניק.

געוואָרן אַ קבוע׳ניק, האָט געצעלע אָנגעהויבן אויסנוצן יעדע געלעגנהייט צו קאָנען אַריינכאַפּן נאָך אַ פּאָר איבערשעה, פּרעמיעס אָדער צווייטע שיכטן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען און באַוואונדערט נישט נאָר פונוואַנען עס נעמט זיך ביי דעם מענטשעלע כוח צו אַרבעטן איבערשעהען און צווייטע שיכטן, נאָר פונוואַנען עס נעמט זיך בכלל אין דעם גופל כוח צו אַרבעטן. — מיין כוח — פלעגט ער זאָגן צו די אַרבעטער — נעמט זיך פון ענערגיע און פון שטאַרקן ווילן, וואָס שנעלער אַרויסצוגיין פון דער מעברה און צוקומען צו אַ שטיקל מענטשלעכע וווינונג.

צוגעקומען צו אַ מענטשלעכער דירה אין דער נייער שכונה, האָט געצעלע פאַרקאַטשעט די אַרבל און אויסגענוצט יעדע פרייע שעה און יעדן רוטאָג — אויף איינצואָרדענען אַרום זיין וווינונג אַ שטיקל גאָרטן. ס׳האָט נישט גענומען קיין גאַנץ יאָר, ווי אין זיין גאָרטן, וואָס איז שוין געווען אַרומגענומען מיט אַ גדר־חי און באַשטאַנען פון אַ פּופּצן פאַרשיידענע פרוכטביימער. — זענען געוואַקסן כלערליי גרינסן, און איז געוואָרן אַ משק עזר אין וועלכן ס׳האָט אויך נישט געפעלט קיין לול מיט אַ

צוויי צענדליק הינער מיט אַ ריזיקן האָן פון די מוצלבות.

אַז די אַרבעטער האָבן מיט געצעלען אָנגעהויבן איינטענהן און אים זאָגן: נו, געצעלע, איצט, אַז דו ביסט שוין אַן איינגעאָרדנטער, וועסטו שוין מן הסתם אויפגעבן דאָס אַרבעטן איבערשעהען, פּרעמיעס און צווייטע שיכטן, — זע נאָר ווי דו זעסט שוין אויס! ביסט דאָך שוין אַ שאָטן פון אַ מענטש, אַ פּאָר גייענדיקע הויזן...

האָט געצעלע אויף דעם אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכל אויף זײַן אויסגעמאָגערט פּנים:

— נאָך נישט אַלץ דערליידיקט, נאָך נישט אַלץ — נאָך דאָ זייער וויכטיקע זאַכן אויסצופירן — דאָס דאַרף נאָך דויערן אַ פּאָר יאָר — דערנאָך וועט מען זיך קאָנען אַ ביסל אויסרוען.

אין וואָס עס זענען באַשטאַנען די וויכטיקע זאַכן, האָט ער נישט געוואָלט מגלה־זיין; געוואָלט אַלעמען שטעלן פאַר אַ געשעענעם פאַקט: נאַט, זעט וואָס געצעלע קאָן!...

כאָטש ער האָט שוין עטלעכע יאָר געוווינט אין דער שכונה, און אין אַלע אַרומיקע געסלעך האָט מען געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן דאָ אַ געצעלע — האָט אים כמעט קיינער, פּערזענלעך נישט געקענט, נישט געוווּסט ווי ער זעט אויס און וואָס פאַראַ סאָרט מענטש דאָס איז.

אַז ס'איז פאַראַן אין דער שכונה אַ געצעלע, האָט זיך די ערשטע דערוווּסט די צרכניה, און פון איר — אַלע איינוווינער.

אין דער צרכניה האָט מען געוווּסט, אַז „איר" געצעלע האָט ליב אַ שטיקל שמאַנטקעז; אַז „איר" געצעלע האָט ליב אַן אויסגעבאַקן ברויט: אַז ער האָט ליב מאַרנירטן הערינג; אין דער צרכניה האָט מען אויך געוווּסט, אַז „איר" געצעלע שטייט־אויף ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, און אַז ער וועקט אַלעמען איבער מיט זיינע אונטערגעקאָוועטע אַרבעטשיך.

און וואָס האָט מען אין דער צרכניה נישט געוווּסט?!

מען האָט אפילו געוווּסט, אַז פאַר די דריי קינדער זיינע, איז ער גרייט צו גיין אין פייער אַריין; אַז, וועגן זיין עלטסטן יונגל, וואָס איז נאָך קיין גאַנצע צוועלף יאָר נישט אַלט — טראַכט ער שוין, מאַכט פּלענער צו שיקן אים אין טכניון און מאַכן אים פאַר אַן אינזשיניער, און אַז פון

דעם צען־יעריקן מיידעלע וויל ער מאַכן אַזוינס און אַזעלעכס, וואָס ער אַליין האָט נאָך וועגן דעם נישט קיין קלאָרע פאָרשטעלונג...

אויב געצעלע האָט אָבער געהאַט אַמאָל פּאַרדרוס פון דעם וואָס ער קאָן נישט לייענען און שרייבן — האָט עס אים איצט געשמייכלט:

— זאָל די וועלט זען, ווי אַזוי אַ ייִד, וואָס קאָן נישט לייענען און נישט שרייבן — האָט אויפגעהאָדעוועט און דערצויגן אַזעלכע קינדער... זאָל אויך דער פעטער משה און די מומע שיינדל, וואָס פלעגן אים אין דער אַלטער היים צושיקן אויף יעדן פּסח און סוכות אַ קנאַקנדיקן פינף דאָלער־שטיק, זען, אַז געצעלע קאָן זיך, נישט נאָר אָן עצה געבן אָן אַמעריקע, נאָר קאָן אויך האָבן קינדער אינזשינירן און עפּעס ענלעכס...

* * *

מיט האָפערדיקע אויגן האָט די געצעליכע געקוקט אויף אירע קינדער און געוועבט אין אירע געדאַנקען בילדער פונעם צוקונפטיקן נחת...

אַזוי זענען געלאָפן טעג, וואָכן און אַ סך חדשים. געצעלע האָט ווייטער מיט עקשנות זיך געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות אָן די איבערשעהען, פּרעמיעס און צווייטע שיכטן, ביז... ביז ער איז איינמאָל געווען געצווונגען צו פאַרלאָזן די אַרבעט מיט דריי שעה פריער פאַרן פאַרענדיקן זיין טאָג־שיכט.

— כ׳בין עפּעס היינט, נישט מיט אַלעמען, האָט ער געזאָגט צו די פאַרוווּנדערטע אַרבעטער פון זיין קבוצה — קאָן זיין אַז איך דאַרף זיך אַ ביסל דורכשלאָפן, אויסרוען — עפּעס פיל איך אַ שטאַרקע מידקייט — מאָרגן, גלויב איך, וועט אַלץ זיין ווי געווען.

ס׳איז אַדורך נישט איין מאָרגן און געצעלע האָט זיך צו דער אַרבעט נישט צוריקגעקערט.

נאָך אַ קורצער צייט קראַנק־זיין, האָט ער געמוזט אויפגעבן נישט נאָר אַלע זיינע פּלענער, נאָר אויך דעם געדאַנק פון אַמאָל נאָך קעי׳ען אַרבעטן.

* * *

שטיל איז געווען אַרום געצעלעס הויז.

דעם ריזנהאָן פון די מוצלבות, וואָס פלעגט קרייען העכער און שטאַר־קער פון אַלע אַנדערע הענער, האָט מען שוין פון לאַנג געשאָכטן.

עס האָט זיך שוין מער פון זיין שטוב נישט געהערט דער אַלאַרם־גע־קלאַנג פונעם וועקזייגער, וואָס פלעגט זיך רייסן אין די פריע פאַרטאָגן ווי אַ צערייצטער הונט אויף דער קייט. פון געצעלעס פענצטער האָט זיך אין דער נאַכט־פינצטערניש מער נישט דורכגעשניטן דאָס ערשטע פייערל און ס'האָבן אין דער פרימאָרגן־שטילקייט מער נישט אָפּגעשלאָגן אויפן ליידיקן כביש — געצעלעס אונטערגעקאָוועטע אַרבעטשיך.

אין איינעם אַ טריבן ווינטער־פאַרנאַכט, ווען דאָס צימער אין וועלכן געצעלע איז געלעגן, איז שוין פול־געווען מיט בלאָלעך־גראָ, האָט ער מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, צוגערופן צו זיך זיין ווייב, און פרייכנדיק געזאָגט צו איר:

— זיך צו גרויס פאַרנומען — געוואָלט זיך אַליין אַריבערשפּרינגען...

יאָ... — איצט האָב איך בלויז איין פאַרלאַנג, איין שטאַרקן ווילן — כ'וואָלט כאָטש געוואָלט דערלעבן, זיי צו זען אַלס פּשוטע אַרבעטער. געוווען זענען עס, זיינע לעצטע ווערטער.

אַ נייער וועג־אַרבעטער...

ווי מיט פייערדיקע ריטער האָט די זון געשלאָגן איבער דער ערד.

אינדערמיט, צווישן צוויי רייען אויסגעלייגטע הויפנס שטיינער פון פאַרשידענער גרייס, האָבן זיך געזעצן איינגעבויגענע, ברוין־פאַרסמאַליעטע, גלאַנציק־פייכטע רוקנס און נאַקנס פון אַ גרופּע וועג־אַרבעטער.

איבער די געבויגענע רוקנס און נאַקנס, האָבן זיך געזעצן די שפּיצן פון זייערע „טעמבעלעס" און דאָס הייבן און אַראָפּלאָזן זייערע אַרבעט־כלים.

פון צייט צו צייט, האָט זיך דאָ איינער, דאָ אַ צווייטער, אויסגעגלייכט, אויסגעקנאַקט די גלידער און, אָפּווישנדיק דעם שווייס פונעם שטערן, פּנים און האַלדז — אַרויסגענומען פון אַ שאָטנדיק באַהעלטעניש אַ „דזשאַרע", זי אויפגעהויבן איבערן פאַרוואָרפענעם קאָפּ און געלאָזט לויפן אַ דין זיל־בערן שטראָמל, וואָס איז בויגנדיק גלייך געפאַלן צווישן די פונאַנדערגע־שפּרייטע פאַרטרוקנטע ליפּן — בעת דער גאָרגל מיט די זייטיקע בויך־מוסקולן האָבן מיט אַ זשעדנער הנאה זיך באַוועגט אַרויף און אַראָפּ..

טעג, וואָכן און חדשים, מעטער נאָך מעטער און קילאָמעטער נאָך קילאָמעטער, האָבן די האַלב־נאַקעטע געשטאַלטן זיך גערוקט פאָרויס דורך דער אַשיק־גראָער פאַרשטיינערטער וויסטעניש, וואָס איז ווו נישט ווו געווען שיטער באַוואַקסן מיט ווילדע, מאָכיקע גראָזן און פאַרקריפּלטע קאַרליקביימלעך.

נאָכפאָלגנדיק דער ריכטונג פונוואַנען ס'האָט זיך דערטראָגן דאָס כסדרדיקע הילכיקע טורקאָטען פון קאָמפּרעסאָרן, ווו ס'האָבן געאַרבעט די מינירער און „פעלזן־בייסער", האָבן זיי זיך, דאָ געהויבן, דאָ געגידערט, זיך געשלענגלט און זיך ווידער געהויבן איבער דער ווילדעניש פון די בראשיתדיקע בערג־מאַסיוון. ווי פון אַ כישוף־שטעקן, האָט זיך הינטער

די טריט פון די וועג־אַרבעטער געגומען שלענגלען, הייבן און נידערן, אַ לאַנגע גראָלעך שוואַרצע טאַשמע פון אַ צעוואַרעמטן פרישן סמאָלע־ריח, וואָס האָט געגלאַנצט אונטער דער שרפהדיקער זון.

ווען דאָס ווייטע טורקאָטען פון די קאָמפּרעסאָרן האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, האָט עזריאל, אַ מיטל־יעריקער תימנער מיט אַ שיטער שוואַרץ־געקרויזלט בערדל — אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד דעם שווער־וואַ־גיקן האַמער, אַרויסגענומען פון דער הויזנטאַש אַ נאָזטיכל אין וועלכן ער האָט, בעת דער אַרבעט, געהאַלטן זיין האַנטזייגערל, און איינקוקנדיק זיך דערין מיט זיינע פעפּיקע אויגן, אַ זאָג־געטאָן אין אַ האַלדזיקן עברית:

— יאַ חביבי, נאכל אַרוחת־צהרים!

די ווערטער זענען געזאָגט־געוואָרן צום פרישן מענטש, וואָס איז היינט אינדערפרי געוואָרן צוגעשטעלט צו עזרילן, ער זאָל אים צווייזן, אַריינ־פירן אין דער אַרבעט.

— אָט דאָ וועלן מיר זיך אָוועקזעצן עסן! — האָט ער מיט זיין טונקל־ברוינער אָדערדיקער האַנט, אָנגעוויזן הינטער אַ פעלזנשפּיץ, ווו ס׳האָט זיך אויסגעלייגט אַ שטיק שאָטן.

— ווי רופט מען דיך, חביבי? האָט ער פלוצים, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאָנט — זיך געווענדעט צום פרישן אַרבעטער און, מיט זיין ביינערדיקן ווייזפינגער — אים אַריינגעטייטלט אין דער ברוסט.

— איגנאַץ, איגנאַץ — איז געקומען אַ קורצער ענטפער.

— לא, לא חביבי! שם פרטי שלך? האָט ער אים ווידער אַריינגע־טייטלט מיטן ווייזפינגער אינעם ברוסטקאַסטן.

— איגנאַץ שוויטשאַנטסי קאָמיען — האָט זיך דער אַרבעטער באַמיט דייטלעך און קלאָר אַרויסצורעדן זיין נאָמען און פאַמיליע־נאָמען.

מה?! מה?! איז דאָס שאַרפשטריכיקע, טונקל־אַליווע פּנים פונעם תימנער געוואָרן נאָך מער אָנגעצויגן, זיינע פאַרטרוקנטע ליפּן האָבן זיך גענומען באַוועגן ווי זיי וואָלטן וועלן נאָכזאָגן, נאָר פאַר קיין פאַל נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען מיט זיין האַלדזיקער אויסשפּראַך — דעם משונה־דיק שווערן און לאַנגן נאָמען...

— וואָס, דו מאַכסט מיט מיר שפּאַס, חביבי? האָט ער לסוף אַ פרעג־

געטאָן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל און מיט אַ לייכטן שאָטן פון פאַרדרוס. אָבער זעענדיק פאַר זיך אַן ערנסט פּנים מיט נישט־פאַרשטייענדיקע אויגן — אַ זאָג־געטאָן:

— ס'האָבן שוין ביי אונדז געאַרבעט אַ סך „שכנזים", נישט אַלע האָבן געהאַט אינגאַנצן יידישע נעמען פון דער תורה; געווען אַזעלכע ווי: הערשעלע, בערעלע, פישעלע, יאָסעלע, אָבער „איגנאַץ"! און דערצו נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז נישט מעגלעך מיטן מויל אַרויסצורעדן!...

— דאָס איז שוין אינגאַנצן נישט יידיש!...

— יצחק, יצחק איז מיין נאָמען! — האָט זיך דער פרישער אַרבעטער געכאַפּט, וואָס דער תימנער האָט אים געזאָגט, און קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, — שווער אַראָפּגעלאָזט זיך אינעם אויסגעשפּרייטן שאָטן הינטערן פעלזיקן אָפּהאַנג.

— מאָדנע מענטשן די „שכנזים"! — האָט זיך דער תימנער וועג־אַרבעטער נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן. צו וואָס דאָס פאַרטוישן די נעמען פון די אבות, און דערצו נאָך פון אַזאַ טייערן נאָמען ווי יצחק?!

פאַמעלעך און געמיטלעך האָט ער גענומען אַריינשניידן אין אַ גע־גלייזט שיסעלע, אַ גרין פעפערל, אַ פּאָמידאָרל מיט אַ גרינער אוגערקע, צוגעוואָרפן דערצו עטלעכע זיתים — האָט ער דאָס אַלץ זאָרגפעליק אויס־געמישט, אַרויפגעגאָסן אַ ביסל בוימל פון אַ קליין אָפּטייקפלעשל, זיך אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד מיטן שיסעלע צווישן די פיס, און גענומען בנעימותדיק עסן.

פלוצים האָט ער געלאָזט הענגען אין דער לופט דעם ליידיקן לעפל און געעפנט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן אויפן פרישן אַרבעטער:

— וואָס איז מיט דיר יצחק? פאַרוואָס עסטו נישט? האָסטו נישט מיטגעבראַכט מיט זיך? האָט ער מיט פאַרלעגנהייט און באַדויער אים אַ פרעג־געטאָן. עס מיט מיר! — האָט ער דאָס שיסעלע אַ שטעל־אַוועק געגעבן צווישןביידן, און אים אויסגעשטרעקט אַ שטיק אָפּגעשניטן ברויט.

האַלטנדיק אָנגעלענט דעם צעהיצטן נאָסן קאָפּ אָן דער קילבלעכער שטיינערנער וואַנט אונטערן פעלזיקן אָפּהאַנג, האָט יצחק שלאַבעריק אַרויסגעשטאַמלט:

— לא, לא... כ'האָב צו עסן, אָבער כ'קאָן נישט... כ'וואָלט נאָר געטרונקען, די הענט און די פיס זענען מיר שווער געוואָרן — נישט צום אויפהייבן. און אָט דאָ אָרום — האָט ער אָנגעוויזן לענגאויס דעם רוקן — פיל איך אַ שטאַרק ברענגג.

—, דאָס טרעפט ביי זייער אַ סך. ווער ס'האָט נישט געאַרבעט ביי אַזעלכע אַרבעטן, — דעם פאַלט די אַרבעט זייער שווער און ער קרענקט זי איבער — די ערשטע עטלעכע טעג. דאָס איז אויך געשען מיט מיר. שפּעטער געוווינט מען זיך לאַנגזאַם צו צו איר — האָט דער תימנער מיט באַדוי'ער געשאָקלט מיטן קאָפּ.

איך? — אַ ניין... כ'גלויב נישט... — האָט יצחק געענטפערט, און ווי אַ שולדיקער אַראָפּגעלאָזט דעם בליק צו דער ערד.

— יאָ, נישט אַלע מענטשן זענען גלייך. געווען דאָ ביי אונדז אַזעלכע, וואָס האָבן געאַרבעט ביז אַ צוויי־דריי וואָכן, נישט אויסגעהאַלטן און — אַוועק. פאַראַן ביי אונדז אויך אַזעלכע, וואָס אַרבעטן שוין דערביי עטלעכע חדשים און, פאַראַן אפילו מענטשן ביי אונדז, וואָס אַרבעטן שוין ביי דער דאָזיקער אַ־בעט אַ צענדליק יאָר. איינער פון זיי איז אַזויווי דו, אַ „שכנזי". ער אַרבעט שוין איצט אויף דער פּרעסמאַשין, ער איז צוגעטרעטן אַרבעטן אין זעלבן חודש וואָס איך.

— וואָס האָסטו געטאָן „דאָרט", יצחק? האָט ער אים מיטאַמאָל אַ פרעג־געטאָן, און אָנגעוויזן מיטן טונקעלן ביינערדיקן פינגער אינדערוויט צו דער זייט פון ים.

— האַ, „דאָרט"? האָט יצחק אויך אַ ווייז־געטאָן מיטן פינגער אין דער זעלבער ריכטונג — „דאָרט" בין איך געווען אַ שניידער, געאַרבעט מיט אָט אַזאַ קליין נאָדעלע — האָט ער פאַרן תימנער וועג־אַרבעטער דעמאָנסטרירט, ווי אַזוי ער האָט געצויגן די לאַנגע פעדים...

— ביסטו דאָך טאַקע ווי אונדזער הערשעלע, דער וואָס אַרבעט איצט אויף דער פּרעסמאַשין, אויך געווען „דאָרט" אַ חיט. ביסט אפשר אויך, ווי ער, פון וואַרשע? האָט זיין אַליוו פּנים זיך קינדעריש צעשמייכלט, און אויפגעדעקט צוויי רייען געזונטע ברייטע ציין.

— יאָ, כ'בין טאַקע פון וואַרשע! און מער מיט די אויגן און פינגער

ווי מיטן מויל — מיט גרויס נייגעריקייט געּנומען אויספרעגן, ווער עס איז דער דאָזיקער הערשעלע.

עזריאל האָט יצחקן לאַנג נישט געלאָזט וועגן דעם נאָכטראַכטן. ער האָט אַרומגענומען זיין מויל מיטביידע האַנטפלאַכן און גע־נומען הויך רופן: בא הנה, הערשעלע!! יש כאן בן־עיר שלך, גם כן חיט!!

פון דער זייט, ווו ס׳האָט געשוואַרצט און געגלאַנצט אונטער דער זון אַ פריש שטיק כביש אויף וועלכן ס׳האָט גערוט אַ גרויסער פ־עס מיט שווערע וואַלצן, — האָט זיך מיט שנעלע טריט דערנענטערט אַן אָפּגע־ברענטער מיטלוווקסיקער אַרבעטער, נאָענט צו די פערציק, און איידער יצחק האָט נאָך באַוויזן זיך איינצוקוקן אין זיין פּנים, האָט יענער, ביים ערשטן בליק וואָס ער האָט געטאָן אויף אים — אַריינגערוקט אים זיינע האַרטע פעסטע דלאָניע, און פון גרויס איבע־אַשונג אַ געשריי־געטאָן: „איטשעלע פּאַסטריגע״, ווי קומסטו דאָ אַהער?!

יצחק האָט זיך טיפער איינגעקוקט אין דעם אָפּגעברענטן לענגלעכן פּנים מיטן שמאָלן קרומלעכן נעזל און שטיפעריש־אַרומטאַנצדיקע אויגן און — זיך געכאַפּט קושן מיט זיין אַלטן יוגנט־חבר.

— האַ, שוין לאַנג אין לאַנד, איטשעלע?!

— שוין איבער אַ האַלב יאָר.

נו, ווי גייט עס? נו יאָ, כ׳פאַרשטיי... אַז דו ביסט געקומען אַהער צו אונדז... — — יאָ, צופיל שניידער ביי יידן, יעדער צווייטער פון פוילן — אַ שניידער...

— כ׳האָב דיך גלייך דערקענט, איטשעלע, האָסט זיך ווייניק־וואָס געענדערט, נאָר די אויגן ביי דיר, עפּעס ווי פאַרזשמורעט, און דאָס פּנים בלאַסער. האַ, די נאָדל האָט אַרויסגעצויגן די פאַרב?...

— און ביי דיר, ווי איך זע, זענען שוין די שלייפן פאַרשנייט...

— וווּנדער זיך נישט ברודערל, צען יאָר אויפן כביש — „עטאָ טעביע ניע פאָל ליטראָ וויפּיט״! צווייטנס, בין איך דאָכט זיך, אַ דריי־פיר יאָר עלטער פון דיר — אַוועק אַ ביסל יערלעך!...

— האַ, געדענקסטו דאָס רוסישע ליד? — האָט הערשעלע ווילעריש אונטערגעוווּנקען; געדענקסטו ווי מיר פלעגן אין אַלמאַ־אַטאַ זינגען: „מיר

ציען נייע וועגן״, נאָר דעמאָלט האָבן מיר בלויז געצויגן לאַנגע פעדים... אָבער דאָ... זעסטו אָט די אַלע פיל־קילאָמעטערדיקע כבישים, וואָס שלענגלען זיך ווייט אַוועק? — האָט ער אַ ברייטן פיר־געטאָן מיט דער האַנט איבער דער אַרומיקער לאַנדשאַפט — כמעט אין יעדן קילאָמעטער איז געווען מיין האַנט!.....

— דו רעדסט וועגן יאָרן פון אַרבעט און וועגן אַ סך קילאָמעטער, און איך... כ׳האָב היינט בלויז געאַרבעט אויף געציילטע מעטער... און דער טאָג איז מיר נאָך אַזוי לאַנג!...

— פאַרצווייפל נישט! לאַט־לאַט „אי פריוויקניעש״... פאַרשטיי מיך ברודערל: עס גייט נישט בלויז אין קענען „געבן די פעל״... עס גייט אויך זייער אַ סך אין קאָנען אויפנעמען, זען און טראַכטן וועגן אָט דעם אַלעמען — אַנדערש ווי ביז איצט...

פון ווייטנס האָט זיך מיטאַמאָל צעהילכט דער טורטור־גערויש פון די קאָמפּרעסאָרן. אַלע זענען אַוועק אויף זייערע אַרבעטפּלעצער.

יצחק האָט זיך באַמיט אויפצוצווינגען געהאָרכזאַמקייט זיינע מידע גלידער — נישט געוווינטע צו אַזאַ־אָט אַרבעט... און אין זיין צעהיצטן מוח האָבן זיך געראַנגלט אַנטשלאָסנקייט מיט וואַקלעניש, און צווייפל — מיט גלויבן.

דעם טאַטן מיט דער מאַמען

דער אויפנעמזאַל פון מכס, פאַר די פּאַסאַזשירן אין חיפהער פּאָרט, האָט געזשומעט און געראַיעט ווי אין אַ בינשטאָק. צעיאַכמערטע, מיט ברייט־צעעפנטע אויגן און נייגעריק־אַרומלויפנדיקע בליקן, האָבן די נייע עולים, נאָכן דורכגיין די רעגיסטראַציע־פאָרמאַליטעטן, געוואַלט יעדער איינער צו זיין האַנטבאַגאַזש, וואָס איז שוין געשטאַנען אויסגעשטעלט לויטן אַלף בית אַנטקעגן די לאַנגע טישן הינטער וועלכע, די מכס־באַאַמטע האָבן זיי אייליק בודק־געווען.

— האָט איר נאָך עפּעס געבראַכט? — האָט איינער פון די באַאַמטע, פון געוווינהייט אַ פרעג־געטאָן ביי אַ מאַן מיט אַ פרוי אין די פערציקער.

— יאָ, מיין טאַטן מיט דער מאַמען! — האָט דער מאַן געענטפערט.

דער באַאַמטער איז געבליבן פאַרן נייעם עולה שטיין מיט פאַרוווּנדערטע אויגן און מיט אַ האַלב־אָפן מויל...

נאָר איידער ער האָט באַוויזן תופס־צו־זיין דעם עולהס ענטפער — האָבן שוין פון טיש־אַראָפּ, פון הינטער אַ שוואַרץ־באַרעמלט שייבל אַראָפּגעשמייכלט צוויי פאַר יידיש־פאַרזאָרגטע אויגן, וואָס האָבן ווי גע־זאָגט: „אויך מיר זענען ענדלעך אַהערגעקומען”...

ער דער טאַטע, איז געזעסן אַ יום־טובדיקער;ביידע שפּיצן פון זיין זאַרגפעליק־צעקעמטער גראָלעכע באָרד, האָבן רחבותדיק גערוט אויף די אַטלאַסענע „ווילאָגן” פון זיין טוכענער שבתדיקער קאַפּאָטע, און זי, די מאַמע... מיט אַ פרישׁ אויפגעקעמט קאַרבירט שייטל, און מיט אַ ביז צום האַלדז־פאַרמאַכט קלייד, באַנייט מיט טאַשמעלעך און פליטערלעך, און באַהאָנגען מיט בראָשקעלעך, שפּילקעלעך, און מיטן כלה־זייגערל אַרום איר האַלדז — האָט געשיינט, און אויסגעזען, ווי אַ מחותנתטע...

דער מכס־באַאַמטער האָט אַ לענגערע ווײַלע באַטראַכט דעם עולהס

טאַטע־מאַמע און האַלב אינדערשטיל, ווי ער וואָלט אים אָנפאַרטרויט אַ סוד, אַ זאָג־־געטאָן:

— אויך איך האָב „דאָרט" געלאָזט אַזעלכע טאַטע־מאַמע... אָבער איר האָט מער מזל געהאַט — איר האָט כאָטש זייער, פאָטאָגראַפיע...

איך בין נישט געווען דער איינציקער, וועמענס אויגן ס'זענען געוואָרן צוגעשמידט צום באַגלאָזטן בילד פון די צוויי שוין־פאַרשוווּנדענע געשטאַלטן פון יידישע טאַטע־מאַמע — פון פאַרשוווּנדענע יידישע שטעט און שטעטלעך אין פוילן.

אונטער די קלאַנגען פון אַ ווינער וואלס

אַ לייכט. גלעטנדיק פרילינג־ווינטל האָט געווייעט אינעם שטאָטישן גאָרטן און געמאַכט שויבערן די גרין־רייפע בלעטער פון די געדיכט־־צע־צווייגטעביימער. אינדערלופט האָט זיך אינעם בין־השמשות געטראָגן אַ זיסלעך־פאַרשיכורנדיקער ריח פון די אַרומיקע פאַרביקע בייטן, און די זון, ווי אַ גרויסע פייער־קויל — האָט זיך געגליטשט אַראָפּ צו מערב צו, און באַגאָסן דעם גאַנצן אַרום מיט פורפור און קופּעררויט.

צווישן די וואָס האָבן באַזעצט די גאָרטן־בענק און געגאָסן פון פרישע לופט און געמיטלעכקייט — האָט זיך אויך געפונען איזידאָר בערמאַן.

יעדן פאַרנאַכט קומט ער דאָ אַהער און זיצט אָפּ אַ שעה־צווי אינעם זעלבן ווינקל פונעם גאָרטן; זיצט אַ גלייכגילטיקער, אַ שווייגנדיקער, נישט אויסבייטנדיק מיט קיינעם קיין וואָרט און, קוקט מיט זיינע טריבע אומעטיקע אויגן — איבער אַלץ און איבער אַלעמען, ערגעץ ווייט אַוועק... און אַז די אָוונט־טונקלקייט פאַלט צו — שטייט ער לאַנגזאַם אויף פון דער באַנק און שלייכט זיך ווי אַ שאָטן, צום אַרויסגאַנג.

* * *

ווי אַלעמאָל — האָט זיך פונעם גאָרטן־קאַפע־הויז געהערט דאָס שפּילן פונעם אָרקעסטער; געשפּילט איין נומער נאָכן אַנדערן און — פּלוצים אויפגעשפּילט אַ באַקאַנטן ווינער וואַלס. איזידאָר, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ גלייכגילטיקער צו דער מוזיק, אָדער, זיך אינגאַנצן נישט צוגעהערט צו איר, — האָט מיטאַמאָל אַ ציטער־געטאָן, אויפגע־שפּיצט אַן אויער, און אָנשפּאַרנדיק דעם שטערן אויף דער אונטערגע־לייגטער האַנט אויף דער באַנק־אָנלען — אַ פאַרטראַכטער זיך פאַרקוקט

אַראָפּ צו דער ערד, ווי ער וואָלט דערזען נעבן זיך אַ גרוב אין וועלכן ס׳איז באַגראָבן דאָס נעכטיקע, דאָס אַמאָליקע...

די קלאַנגען פונעם ווינער וואַלס האָבן איזידאָרן לאַנגזאַם גענומען טראָגן אויף די פליגל פון זכרון — צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט; צוריק צום לעבן, געטראָגן אים איבער יבען, לענדער, שטעט און לאַגערן... ביז — צו זיין געבורטשטאָט, געסל און הייפל ווו יעדער ווינקל און יעדער שטיין איז אים געווען אַזוי באַקאַנט און אייגן. געפירט אויף צוריק צום ווייטן „נעכטן״ — האָבן אין זיין מוח גענומען אויפטויכן אָפּגעריסענע שטיקער פון זיין דורכגעלעבט לעבן; שטיקער וואָס האָבן ווי קורצע פילמלענטעס גענומען פאַר אים כאַאָטיש פאַרביישוועבן: אָט איז די היים, טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער; אָט איז ער צווישן אַ כאַפּטע צעשפּילטע קינדער אינעם הייפל ווו ער האָט פאַרברענגט זיינע קינדעריאָרן, און אָט, זעט ער זיך אויף דער שול־באַנק צווישן שילער און לערער... און אַזוי פאַרטראָגן, האָט ער מיטאַמאָל גענומען הערן נישט דעם אָרקעסטער פונעם גאָרטן־קאַפע־הויז, נאָר דעם רוסישן מיליטערישן אָרקעסטער אין זאַקסישן גאָרטן אין וואַרשע... און ער, איזידאָר, אַ יונג יינגל, שטייט דאָרט ביים ראַנד פונעם וואַסערל און קוקט ווי מאַיעסטעטיש עס שווימען אויף אים אַרום די שניי־ווייסע שוואַנען, וואָס שטעלן פון צייט צו צייט זיך פּלוצים אָפּ, ווי אין טיפער פאַרטראַכטקייט און, ציען אויס די העלדזער, ווי די פרעג־צייכנס... שטייט ער, איזידאָר, און שלינגט מיט די אויגן דעם גאַנצן אַרום, וואָס שפּיגלט מיט אַלע פאַרבן זיך אָפּ אין גרינלעכן, ציטערדיקן וואַסערפלאַך און, ער הערט מיט זיין אויסגעשפּיצט אויער זיך איין אינעם ווינער וואַלס. אַ בליק איבער דער אָפּצוימונג צו דער מיליטערישער אָרקעסטער און... ער זעט פון דער צווייטער זייט אסתרן, נאָך אַלס מיידל; זעט אירע טונקעלע קאַרשן־אויגן, ווי זיי שמייכלען צו אים אַזוי זיס און מילד אַריבער... די מונדירטע מיליטערלייט פון אָרקעסטער נעמען ביסלעכווייז צערינען און — אויף זייער אָרט דערזעט ער יידישע קלעזמאָרים... נישט אויף בלאָז־אינסטרומענטן שפּילן זיי, נאָר אויף פידעלעך איבער וועלכע עס שוועבן אַרויף און אַראָפּ גלאַנציקע בויגנס מיט זילבער־ווייסע פעדים... דאָס

רונדע וואַסערל און אַלץ אַרום מיטן גאָרטן אינאיינעם נעמט צערינען, אַוועקשווען ווי לייכטע וואַטענע וואָלקנס און... ער געפינט זיך גאָר אויף זיין אייגענער „הוטשנע" חתונה מיט זיין אסתרן... אויף זיין, אויף איזידאָרס פאַרלאַנג, שפּילן די קלעזמאָרים אויך זיין באַליבטן ווינער וואַלס, וואָס די קלאַנגען זיינע טראָגן זיך דורך די ברייט־צעעפנטע פענצטער פון דער שטאַרק־באַלויכטענער וווינונג — אין דער שטילער גאָס אַרויס...

* * *

געפלאָסן איז איזידאָרס לעבן, ווי געפורעמט נאָך זיינע טרוימען, נאָך זיינע פאַרלאַנגען, די יאָרן זענען געלאָפן רויק, געמיטלעך, אָן דער מינדסטער אויפטרייסלונג אין זיין פאַמיליע־לעבן. זיין אסתר האָט אים געבוירן דריי געזונטע שיינע קינדערלעך מיט גרויסע שוואַרץ־סאַמעטענע אויגן. אַלע דריי — קאָפּיעס פון זיין אסתרן.

אינדרויסן איז שוין פאַר־נאַכטלעך טונקל. די געבלומטע טיולענע פאָרהאַנגען אינעם עסצימער זענען פאַרוקט. מיט געמיטלעכקייט איז אויסגעפילט דאָס צימער אין יעדן ווינקעלע: אַ שטיל־באַהאַלטן ליכט פאַלט פונעם מאַטן מילך־ווייסן זשיראַנדאָל־טעלער אויפן באַגלאָזטן טיש, דורך וועלכן עס זעט זיך פון הינטער׳ן גלאָז אַפּער — דער שיין־געבלומטער האַפט פונעם קרעמען־טישטוך — זיין אסתרס האַנטאַרבעט; ער — אין אַ טיפן באַקוועמען אָנלענשטול — לייענט אַ צייטונג... אַנטקעגן, זיצט אַ יונגע, אַ חנעוודיקע פרוי מיט סאַמעט־שוואַרצע גלאַט־פאַרקעמטע האָר פאַרלייגט אין אַ „וואַלעק" — זיין אסתר, שטריקנדיק אַ סוועטערל; דאָס יונגסטע קינד, אַ מיידעלע, זיצט נעבן דער מאַמען און מאָלט עפּעס מיט וואַסערפאַרבן; דאָס מיטלסטע, אַ יונגל מיט אַ שאַרפן פייערדיקן קאָפּ, דער בעסטער שילער אין זיין אָפּטיילונג — זיצט ביי אַ באַזונדער טישל, פאַרטיפט אין זיינע שול־אויפגאַבן; דורך דער פאַרמאַכטער טיר פונעם קינדערצימער הערן זיך קלאַנגען פון אַ פידל — דאָס מאַכט דער עלטערער זון זיינע פידל־איבונגען און — מיטאַמאָל — אָן אימהדיק געזשום און אַ גרויל־אָנוואַרפנדיק געוויי; מוראדיקע דעטאָנאַציעס און אויפרייסן ווי די ערד וואָלט צעריסן־געוואָרן אויף שטיקער — גרייט אַלץ

איינצושלינגען אין אירע אינגעווײדן... אַט, האָט זיך דאָס גאַנצע הויז אַ וויג־געטאָן און, ריזיקע פייערצונגען, געמישט מיט געדיכטע שוואַרצע רויכוואָלקנס — טראָגן זיך צום הימל... און — איידער איזידאָר האָט נאָך באַוויזן צו באַנעמען, וואָס אַרום איז פאָרגעקומען — האָט ער זיך דערזען הינטער שטעכלדראָט... צווישן טויזנטער יידן, אויסגעשטעלט אין איין ריי מיט זיין פרוי און קינדער... און אַנטקעגן זיין געזיכט — אַ לאַנגער מונ־דירטער דייטש מיט אַ שוואַרצן אָדלער, און מיט אַ האַקן־קרייץ אויף זיין אַרבל; דער דייטש האָט מיט אַ ווייזפינגער, ווי מיט אַ שפּאַנע פון אַ רויב־פויגל — קעגן די אויף טויט־צעשראָקענע מענטשן־מאַסע ווילד געהאַלטן אין איין ברילן: קינדער — הערויס! פראַועז — לינקס! מענער — רעכטס! און — איזידאָר האָט זיין אסתרן מיט די קינדער מער שוין נישט געזען...

* * *

אַ פרעמדע האַנט האָט אַ לייכטן פיר־געטאָן איבער איזידאָרס אַקסלען:

— וואָס איז מיט אייך, אדון?

איזידאָר האָט אַ ציטער־געטאָן, אויפגעהויבן זיינע פאַרויטלטע אויגן, וואָס האָבן געשטעקט טיף צווישן זיינע איינגעפאַלענע גראָע שלייפן, מיט אַ בלאָנדזשענדיקן בליק געקוקט אויפן פרעמדן מאַן און, אָן אַ וואָרט צו ענטפערן — זיך אויפגעשטעלט און, ווי אַ שאָטן אַרויסגעשלייכט זיך פון גאָרטן...

דער ווילן צום לעבן...

דער זייגער איז שוין ניין אין אָוונט. די שוועסטער, וואָס האָט איבער־גענומען דעם נאַכט־דיזשור אין דער כירורגישער אָפּטיילונג, גייט פון צימער צו צימער, בעט אַרויס מיט מוטערלעכער שטרענגקייט די קראַנקע, וואָס זענען פון אַנדערע נומערן געקומען צו „גאַסט" צו זייערע ליידנס־חברים און, זי לעשט אויס די עלעקטרישע ליכט.

— געננוג אויף היינט! קראַנקע מוזן רוען! — זאָגט זי, און — פאַר־לאָזט דאָס צימער.

די קראַנקע, וואָס קומען יעדן פאַרנאַכט באַזוכן איינער דעם אַנדערן, כדי זיך אַ ביסל דורכשמועסן וועגן דער טאָג־נייעס פון דער אָפּטיילונג און וועגן דעם וואָס עס הערט זיך „אינדרויסן", אין דער גרויסער וועלט — שלייכן זיך געהאַרכזאַם שטיל אַרויס — יעדער אין זיין נומער. דאָס זענען מערסטנס אַזעלכע קראַנקע, וואָס האַלטן נאָך פאַר דער אָפּעראַציע און זוכן זיך צו „פאַרעדן", פאַרגעסן, אַז צומאָרגנס דאַרפן זיי „גיין" אויפן „טיש"... אָדער אַזעלכע, וואָס זענען שוין איבערגעקומען און האַלטן שוין ביים ווערן אויסגעשריבן.

אין דער גאַנצער אָפּטיילונג בלייבט בלויז ברענען אַן אייניציק לעמפּל אינעם לאַנגן קאָרידאָר, און אַ שטיי־לעפּל מיט אַ בלאָלעכן אַבאַזשור אינעם אויפנעם־צימער ווו עס געפינט זיך דער נאַכט־דיזשור. עס טרעט אַריין די נאַכטיקע שטילקייט אין וועלכער עס הערט זיך בולטער דאָס פאַרשטיקטע שטילע קרעכצן פון איינצלנע קראַנקע, און שאַרפער ווערן יעדער קלונג צו דער שוועסטער. סודותפול קלאַפּן אָפּ איבערן לאַנגן קאָרידאָר אירע שטילע טריט. זי שוועבט פון צימער צו צימער און העלט־אויף אין דער טונקלקייט, מיט איר ליכטיק ווייסן לבוש.

בכדי צו פאַרזיכערן אַ רויקע נאַכט פאַר די קראַנקע, האָט די שוועסטער

פאַרן פאַרלעשן די ליכט, געמאַכט אַ מאָרפיום־איינשפּריצונג דעם „פּאָפּ־לערסטן" און כמעט, שטענדיקן קראַנקן פון דער כירורגישער אָפּטיילונג — דעם יונגן, ביי דרייסיק יאָרן איראַקישן ייד — יוסף רחמים. אָן דער איינשפּריצונג וואָלט ער אין דער נאַכט מיט זיינע גרויליקע געשרייען און שוידערלעכן געוויין, צעטראָגן" די גאַנצע אָפּטיילונג.

אין דער קאַרטאָטעק פון שפּיטאָל, טראָגט די קראַנקהייט פון רחמים אַן אויסטערלישן נאָמען: „בירגער־קראַנקייט" — נאָכן נאָמען פון איר אַנטדעקער ד״ר בירגער. די קראַנקהייט באַשטייט אין דעם, וואָס דאָס בלוט הערט אויף צו דערגיין צו די סוף גלעלנקען און עס קומט אָפּט צו דעם, אַז מען מוז דעם קראַנקן אַמפּוטירןביידע האַנטפּלאַכן און די פוסטריט.

מיטן אויפהעלן פונעם פאַרטאָג, ווען די פריש־אָפּערירטע שלאָפן ענדלעך איין, נאָך אַ נאַכט פון שווערע שמערצן און קאָשמאַרן, און אין דער אָפּטיילונג טרעט אַריין אַ טיפע שטילקייט — ברעכט פּלוצים אויף דאָס שאַרף־שניידיקע קול פון יוסף רחמים:

— אחות! אחות!! אחות זריקה!!

דער רוף, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ געבעט, ווערט וואָס ווייטער אַלץ העכער, פאַרצווייפלטער און גייט איבער אין אַ יאָמערן:

— אתם לא יהודים! אין לכם רחמנות! תנו לי זריקה או שתרעילוני!! (איר זענט נישט קיין יידן!! איר ווייסט נישט פון רחמנות!! גיט מיר אַן איינשפּריץ אָדער סמט מיך אָפּ!!) לסוף קומט אַ מבול פון קללות אויף דער גאַנצער וועלט...

די שוועסטער באַמיט זיך אים איינצונעמען מיט אַלע מיטלען און רעדט צו אים ווי צו אַ קליין קינד:

— עוד מעט חביבי... עוד מעט... אסור לתת לפני הזמן... (נאָך אַ ווײַלע ליבער... נאָך אַ ווײַלע... מען טאָר נישט געבן פאַר דער צייט...).

אָבער זייער זעלטן גיט זיך איין דער שוועסטער אים צו באַרויקן.

נאָך דעם ווי מען האָט אים נאָך פילמאָליקע אָפּעראַציעס אַמפּוטירט ביידע פוסטריט און דריי פינגער פון דער רעכטער האַנט, איז ער איינמאָל, בעת דער טעגלעכער אינספּעקציע פונעם הויפּט־כירורג — אויסגעבראָכן פאַר אים מיט אַ יאָמערלעכן געוויין: — צי וועט איר מיך אַזוי אברימוויז צעשניידן

ביזן אויסהויכן די נשמה?! און אַז דער הויפּט־כירורג האָט אים פאַרזיכערט אַז ווייטער ווי ביזן פאַרלירן די סוף־גלעלענקען, גייט עס נישט..." און אַז ער וועט בלייבן לעבן — האָט אַ גרויסע באַרויקונג אויסגעלייטערט זיין פּנים... ער האָט שלום געמאַכט מיט אַזאַ „לעבן" און גענומען רויק קוקן אויף זיין גאַנצער לינקער האַנטפּלאַך און די נאָך־פאַרבליבענע צוויי פינגער פון זיין רעכטער האַנט — ווי אויף זיינע צייטווייליקע, קורצע לעבנס־באַגלייטער...

גאַנץ אָפט, נאָך דער מאָרפיום־איינשפּריצונג, דערפילט ער מיטאַמאָל אַ זייער שטאַרקן דראַנג צום לעבן און, אַן אויפּברויז פון עראָטישע פאַרלאַנגען. בלעטערנדיק מיט דער נאָך געזונטער לינקער האַנט, די אילוסטרירטע פראַנצויזישע זשורנאַלן, וואָס זיין שרה ברענגט אים — ווערט ער מיטאַמאָל ווי אַנגעצונדן און ער נעמט ליידנשאַפטלעך קושן יעדעס האַלב־נאַקעטע פרויענבילד און, שרייען מיט ווילדער אַנטציקונג: — איזה יופי! איזה יופי!...

היינט האָט ער ווידער — צום וויפלסטן מאָל שוין — גענומען איבער־דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע און, זי אילוסטרירט מיט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס וואָס ליגן, כמעט שטענדיק, אויף זיין שפּיטאָל־שענקעלע „איר זעט — האָט ער גענומען איינס פון זיי אינדע־האַנט — דאָ בין איך געווען נישט נאָר אַ מענטש מיט אלע גלייך, מיט הענט און פיס, נאָר אַ גוטער ספּאָרטמאַן, באַקומען אפילו אַן אויסצייכענונג אין „ווייט־שפּרונג".

—אָט אין יענער צייט — דערציילט ער ווייטער — האָט זיך מיין שרה אין מיר פאַרליבט; זי איז געווען אַנטציקט פון מיין שלאַנקן גוף און פון מיינע פלינקע פיס... און געזאָגט האָט זי מיר: אַזוי ווי איך, וועט דיך קיינער נישט ליבן! וועסטו מיר זיין טריי — וועל איך דיך ממש אויף די הענט טראָגן... דאָ, האָט זיך רחמים פּלוצים געטאָן אַ דעק אָפּ. און ווייזנדיק זיינע ביידע רונד־פאַרענדיקטע פיס, ווי ביי אַ טיש — אויסגעבראָכן אין אַ ברייט ווילד געלעכטער:

„האַ־האַ־האַ!!! וועט זי מיך איצט טאַקע אַרומטראָגן!...

ער איז שטיל געבליבן, באַטראַכט אַ ווײַלע די אַרומיקע קראַנקע און ווי מיט אַ זיגעריש־צולהכעיסדיקן בליק גענומען אין דער האַנט אַריין

אַ צווייט בילד:

— אָט דאָ זענען מיר נאָך דער חופּה — הא, אַ שיין פּאָרל געווען!

— סך הכל מיט זעקס יאָר צוריק...

— און אָט בין איך, — ווייזט ער אָן אויף אַ דריט בילד — מיט מיין פרוי און דעם צווילינג אויף ביידע מיינע אָרעמס. דאָס איז געוואָרן אַראָפּגענומען נעבן דער אַפּוואַרטנדיקער טעקסי, בעת זי האָט פאַרלאָזט די געבורט־אָפּטיילונג פון אָט דעם זעלבן שפּיטאָל.

— יאָ — ציט ער ווייטער — כמעט מיט צוויי יאָר שפּעטער בין איך צום ערשטן מאָל אַנגענומען געוואָרן אינעם זעלבן שפּיטאָל אין אָט דער כירורגישער אָפּטיילונג. געשען איז עס עטלעכע וואָכן נאָך דעם, ווי כ'האָב פּלוצים דערפילט שמערצן אינעם דיקן פינגער פון רעכטן פוס, וואָס האָט באַקומען אַ בלאָלעכן קאָליר. דער דאָקטאָר וואָס האָט מיך אין יענע וואָכן באַהאַנדלט, האָט מיך דעמאָלט איבער־געוויזן דאָ אַהער, ווו מען האָט מיר, צוליב מורא פאַר אַ בלוט־פאַרגיפטונג, באַזייטיקט דעם פינגער. נאָך אַ קורצן אויפהאַלטן זיך אין דער אָפּטיילונג, בין איך אויסגעשריבן געוואָרן. די ווונד האָט זיך אָנגעהויבן פאַרהיילן און כ'האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרגעסן וועגן דער גאַנצער פּאַסירונג.

— מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. האָב איך מיטאַמאָל דערפילט אַ ווייטיק אינעם פינגער, וואָס נעבן דעם באַזייטיקטן און — מען האָט מיר נאָך פילמאָליקע זאָרגפעליקע אונטערזוכנגען, באַזייטיקט אויך דעם צווייטן פינגער...

רחמים בלייבט אַ ווײַלע שטיל, אָבסערווירט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק די אַרומיקע, און זיינע אויגן בליצן אויף, ווען ער גיט מיט אַ טאָן פון זעלבסט־אָנערקענונג. הויך אַ זאָג: — דעמאָלט איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, וואָס האָט מיך נישט אָפּגענאַרט: אַז דער גאַנצער פוסטריט, איז מער נישט מיינער... אַהיים האָט מען מיך שוין נישט אָפּגעשיקט. מען האָט מיך געהאַלטן אין איין שניידן... ביז מען האָט מיר טאַקע אָוועקגע־נומען דעם גאַנצן פוסטריט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט מען מיך ענדלעך אויסגעשריבן. כ'האָב מיט דערלייכטערונג, אפילו מיט צו־פרידנקייט, אויפגענומען דעם קערפּערלעכן פאַרלוסט — אַבי נישט צו

פילן מער די שרעקלעכע ליידן און די טראַכטענישן וועגן טויט... כ'האָב אָנגעהויבן גיין אויף קוליעס און געטראַכט וועגן באַשטעלן אַ פּראָטעזע. מיין שרה האָט מיך געטרייסט, אַז סזענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע און, אַז מען קאָן דערמיט דערלעבן ביז הונדערט און צוואנציק — און איך בין צופרידן געווען, וואָס כ'לעב אויפדערוועלט, קאָן זען מיין ווייב און קינדער און, בין פּאַמעלעך צוריק אַריין אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן.

* * *

ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פון אַ גלאָק, וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז ס'הייבט זיך אָן דער באַזוך. הײַנט איז דינסטיק, זיין שרה מיט די קינדער פלעגן אים באַזוכן צוויי מאָל אינדערוואָך. לעצטנס קומט זי בלויז יעדן דינסטיק...

רחמים זיצט אַ פריש־ראַזירטער — מיטן בליק צו דער טיר. אויף דער שוועל באַווייזט זיך אַ יונג ברונעט ווייבל מיט שמאָלע, אויגן־שניטן, מיט גרויסע געגילדעטע אוירינגען אין די קליינע ראָזלעכע אויערן. זי איז אָנגעטאָן אין אַ לייכט זומערדיק געבלימט קליידל און פירט מיט זיך צוויי קליינע ברוין־אָפּגעברענטע יינגעלעך מיט געקרויזלטע פעך־שוואַרצע האָר. ביידע זענען אָנגעטאָן אין רויטע טריקאָ־הייזלעך מיט ווייסע העמדלעך, ביידע זענען פון איין גרייס, און ענלעך צו זיך ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

בעת איר איבערטרעטן די שוועל, האָבן זיך מאַן און ווייב באַגריסט מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ און מיט אַן אומרויק־הילפלאָזן שמייכל. זי האָט ארויסגעלייגט אויף זיין שפּיטאָל־שענקעלע די פרישע פראַנצויזישע זשורנאַלן, אַ בייטל מיט אויבסט און זיסוואַרג, און אַרויפגעזעצט אויפן בעט ביידע קינדער. צווישן פּאָרפאָלק האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער שמועס. מיטאַמאָל איז שטיל געוואָרן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און גענומען אַ פאַרטראַכטע קוקן דורכן פענצטער אַרויס.

ביז צום קלאַנג פון גלאָק וואָס האָט אָנגעזאָגט, אַז די באַזוך־צייט האָט זיך געענדיקט, האָט רחמים געהאַלטן אין איין גלעטן און קושן ביידע קינדער, זיך אויסגעפרעגט וועגן זייערע חברים, וועגן זייערע שפּילע־

רייען, און צו זיי פאַלגן דער מאַמען און בענקן נאָך אים.

ווען שרה האָט אַראָפּגענומען פון בעט ביידע קינדער און זיך גע־גרייט צו פאַרלאָזן דאָס צימער, האָט רחמים מיטאַמאָל אָנגעשטעלט אויף איר צוויי שאַרפע אויגן און מיט היץ אַ זאָג־געטאָן: — הערסט שרה, מאָרגן וועט מען מיך ווידער שניידן!...

שרה האָט מיט איר אומהיימלעכן שמייכל אַרום די מוילווינקלען אַ קוק־געטאָן אויף אים און, אַראָפּלאָזנדיק אירע טונקעלע אויגן — אים שטיל געזאָגט:

— כ׳בין מתפלל פאַר דיר, מיין מאַן.

רחמימס אויגן האָבן אַ בליץ־געטאָן און ער האָט זיך ווידער ברייט און ווילד צעלאַכט:

— האַ־האַ־האַ! הי־הי־הי! מיין מאַן! מיין מאַן! פאַר וועמען בין איך אַ מאַן! פאַר וועמען בין איך אַ פאָטער! צו וואָס דאַרף מיך איבער־הויפּט ווער?! אָבער כ׳וועל לעבן, כ׳וועל לעבן!...

מיט ברייט־אויפגעריסענע פאַרצווייפלטע אויגן, האָט די יונגע פרוי גענומען הינטערווייַלעכץ זיך צוריקרוקן צו דער טיר.

די שוועסטער, וואָס איז בעת דער גאַנצער סצענע געשטאַנען אין אַ זייט ביים איינגאַנג און אַלץ בייגעוווינט — האָט זי גענומען הינטערן אָרעם, און אַרויספירנדיק זי אין קאָרידאָר — איר מיטפילנדיק שטיל געזאָגט:

— איר מוזט אייך שטאַרקן, איר זענט אַ יונגע מוטער פון צוויי קינדער, זעט איר דען נישט? — האָט זי אַ דריי־געטאָן מיטן ווייזפינגער אַרום איר מות... זעט איר דען נישט, אַז ער איז נישט אינגאַנצן בסדר...

איר לייבלעכע שוועסטער

אויסבאַהאַלטן מיט אירע צוויי יינגלעך ערגעץ אין אַ זייטיק פּראָנ־צויזיש דאָרף, האָט גיטל באַוויזן איבערצולעבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

פון דער אַמאָל גרויסער משפּחה פון טאַטע־מאַמע מיט ניין ברידער און שוועסטער, איז גיטל, אַחוץ איר עלטערע שוועסטער, לאה, וועלכע געפינט זיך שוין יאָרן אין אַמעריקע — געבליבן די איינציק לעבן־געבליבענע.

ווען גיטל האָט זיך אין די ערשטע טעג נאָך פראַנקרייכס באַפרייונג, ווי אַ פרייער מענטש זיך באַוועגט איבער די פּאַריזער גאַסן, האָט זי פּלוצים דערפילט איר גרויסע פאַראיינזאַמקייט. דערפילט עס נאָך שטאַר־קער, ווי בעת זי איז מיט אירעביידע קינדער געווען אין איר באַהעלטע־ניש, ווו יעדער „מאָרגן" איז געשטאַנען הינטער אַ גרויסן פרעגצייכן...

געשען איז דאָס אינעם מאָמענט, ווען זי האָט וואַנדערנדיק איבער די גאַסן, זיך מיטאַמאָל געזען שטיין נעבן דעם הויז ווו זי האָט געוווינט בעת דעם אַריינמאַרש פון די דייטשע חיילות. דערזען דאָס פענצטער אויפן פערטן שטאָק, דורכן וועלכן זי האָט צום לעצטן מאָל געזען איר מאַן אויף דעם אַנטקעגנליגנדיקן טראָטואַר — בעת ער, מיט נאָך עטלעכע יידן זענען אויף אַ ברוטאַלן אופן געוואָרן אַריינגעשטופּט אין אַ טונקל־בלאָען אויטאָ...

נישט געפינענדיק מער קיין שום פריינט און באַקאַנטע פון די פאַר־מלחמה־יאָרן — איז גיטל ביי דער ערשטער מעגלעכקייט, אָפּגעפאָרן מיט אירע צוויי יינגלעך קיין ארץ־ישראל. געקומען אין לאַנד אַריין, איז גיטלס ערשטע זאַך געווען — זען מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך צו פאַר־בינדן מיט איר לייבלעכער שוועסטער לאהן אין אַמעריקע.

נאָך אַ האַלב יאָר צייט האָט זי ענדלעך דערהאַלטן פון דער שוועס־

טער, דעם לאַנג אויסגעקוקטן בריוו, און אַ פּעקל שפּייז און קליידער.

לייענענדיק דעם לאַנגן בריוו מיט די אָנפּראַגן וועגן דער מאַמען און וועגן איר מאַן און אַנדערע נאָענטע פאַמיליע־מענטשן, וועלכע לאה האָט שוין ווייניק־וואָס געדענקט — האָט גיטל די באַשריבענע בלעטלעך דורכגענעצט מיט וואַרעמע טרערן פון אירע קורצזיכטיקע אויגן.

אַ גרויסע טרייסט, האָט איצט גיטל געפונען אין איר שוועסטערס רעגולער־באַקומענע בריוו מיט די צוגעשיקטע פּעקלעך, וועלכע זענען איר זייער שטאַרק צונוצגעקומען...

דער איינציקער טרוים גיטלס איז איצט געווען: ווען עס זאָל אַזוי איינפאַלן איר שוועסטער, לאָהן, צו מאַכן אַ באַזוך אין לאַנד, ווי עס טוען עס אַ סך יידן פון אַמעריקע; ווי גליקלעך וואָלט זי געווען ווען זי קאָן זי זען פאַר אירע אויגן, זי אַרומהאַלדזן און אויסוויינען זיך פאַר איר...

* * *

נאָך לאַנגע חדשים פון גיטלס אָפטע אָנצוהערנישן, אַז ס'וואָלט געווען פאַר איר דאָס גרעסטע גליק, ווען זי, לאָה, וואָלט זיך געקאָנט אַ ביסל אַראָפּכאַפּן קיין ארץ־ישראל — איז געקומען די פריילעכע בשורה, אַז דעם צווייטן חודש, מיט דער און דער שיף, פאָרט זי אַרויס מיט איר מאַן אויף אַ „טור" איבער „יוראָפּ" און וועלן פאַר איינוועגס, באַזוכן אויך ישראל.

גיטל איז געווען אין זיבעטן הימל. צו איר גליק איז גאַר קיין גרענעץ נישט געווען...

שוין אַכט טעג פאַרן טערמין איז דאָס צימערל געווען אַן אויסגעקאַ־לעכטס. עס האָט געשפּיגלט אין יעדער ווינקעלע. וואָס נאָר אַ לייטיש טישטעכל אָדער געבלימט סערוועטל — האָט עס פאַרדעקט די אָרעמקייט אין שטוב.

לכבוד דעם אָנקומען פון דער שוועסטער, האָט גיטל באַנייט אַ נײַ געבלימט קאָפּטיכל וואָס האָט איר פאַרטרעטן אַ שייטל און, אויך פעסט־געהאַלטן די זילבערנע פאַסמעס האָר, וואָס האָבן זיך מיט עקשנות געריסן

צום פריצייטיק געקאַרבטן שטערן.

צום באַגעגענען דער מומען, האָט זי אויך מיטגענומען אירע צוויי יינגלעך. איינער פון אַ יאָר צען און דער צווייטער פון אַ יאָר צוועלף.

ביידע — אין נייע היטעלעך און אין קלאָר־געוואַשענע ווייסע העמדלעך, און מיט אויסגעפוצטע אַלטע שיכלעך, וואָס האָבן אויסגעזען צו גרויס פאַר זייערע פיסלעך. ביידע האָבן זיי געהאַלטן אין איין גלייכ־מאַכן די שוואַרצע, עטוואָס געדרייטע פאהלעך, וואָס זענען געווען פאַר־לייגט הינטער די ראָזלעכע, קלאָר־אויסגעוואַשענע אויערן.

גיטל האָט אין געדאַנק כסדר געזען דעם אָפּגערעדטן סימן, וואָס איר שוועסטער האָט איר פאַרן אַרויספאָרן איבערגעגעבן: זי וועט האַלטן אין איין האַנט אַ גרויסן, רויטן, לעדערנעם דאַמענטאַש פון וועלכן עס וועט אַרויסשטעקן אַ טייל פון אַ טיולענעם בלאָען שאַל, און אין דער צווייטער האַנט וועט זי הויך האַלטן גיטלס „פּיקטשע״ און מיט איר פאָכען ביז־ דערלופט.

* * *

גיטל איז אין חיפהער פּאָרט געשטאַנען ווי אויף הייסע קוילן און אינגאַנצן געפיבערט... אַנגעזאָגט די יינגלעך זיי זאָלן, למען השם, האָבן אין זינען דעם סימן, וואָס די מומע האָט אָנגעגעבן, און — די מינוטן פון דערוואַרטונג האָבן אויסגעזען צו זיין פאַר איר אַן אייביקייט...

פלוצים האָט ביים אַרויסגאַנג פון צאָלאַמט אַ בלענד־געטאָן עפּעס רויטס אין דער האַנט פון אַ פרוי — יאָ, אַ רויטער דאַמענטאַש פון וועלכן ס׳איז אַרויסגעהאַנגען אַ שטיק פון אַ בלאָען, טיולענעם שאַל, און אין דער צווייטער הויך־אויפגעהויבענער האַנט — אַ פאָטאָ־בילד. יאָ, אַלע סימנים!... אָבער... דאָס זאָל זיין איר שוועסטער?!

פאַר אירע אויגן האָט זי דערזען אַן עלעגאַנט־גיקליידטע, נאָך פּריש־אויסזעענדיקע פרוי פון וועלכער ס׳האָט געבליאַסקעט און גע־פינקלט אַ מאַסיוועַר, גאָלדענער אַרעמבאַנד, אַן עלעגאַנטער דאַמען־זייגער און צוויי ווערטפולע רינגלעך, וואָס האָבן מיט געהיימע פייער־לעך אַראָפּגעוווּנקען פון איר ווייסער, געפלעגטער האַנט.

גיטל איז שטיין־געבליבן אַ פאַרבליפטע... ווי געוואָלט זיך צוריק־

ציען. אין דעם מאָמענט האָט אויך די פרוי אָנגעשטעלט איר בליק אויף גיטלס שמאָל, מאָגער געזיכט, מיט די פּאַסמעס גראָע האָר, וואָס האָבן זי ענלעך־געמאַכט צו דער מוטער, וועמענס „פּיקטשעס" לילי האָט דערהאַלטן פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה...

אָט דאָס זאָל עס זיין איר יינגערע שוועסטער גיטל?!... האָבן אירע אויגן געפרעגט.

— גיטל?! — האָט זיך דערהערט אַ פריילעך פאַרוווּנדערטער אויסגעשריי. אַ בלאָסע, אַ ציטערנדיקע, האָט גיטל געמאַכט אַ קליינעם שפּאַן צו דער שוועסטער צו, און אַרויסגעשטאַמלט מיט אַ מאָדנער פאַר־לוירנקייט:

— דאָס ביסטו...

— יאָ, לילי, לאה... דיין שוועסטער. וואָס דו קאָנסט כמעט נישט...

די לייבלעכע שוועסטערן זענען זיך געפאַלן אויף די העלדזער און זיך לאַנג געקושט. בלויז איינצלנע טרערן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון גיטלס אויגן, און דאָס — גאַנץ אַנדערע... די אָנגעזאַמלטע ט־ערן וואָס זי האָט זיך געגרייט אויסצוגיסן פאַר איר שוועסטער לאָהן, זענען געבליבן קלעמען אין איר האַרץ.

— אָט דאָס זענען זיי, דיינע צוויי יינגלעך? — האָט „לילי" אויף אַ קלאָסקעוואַטן, נישט יידישן יידיש געפרעגט און, זיך פאַרנומען צו די צוויי יינגלעך — זיך צעקושן מיט זיי.

די צוויי יינגלעך האָבן זיך האַסטיק צוריקגעצויגן פון די אויסגע־שטרעקטע נאַקעטע אָרעמס פון דער „אישה".ביים עלטערן יינגל איז פון דער האַסטיקער באַוועגונג דאָס היטעלע אַראָפּגעפאַלן פונעם קאָפּ און די צוויי פּאַהלעך האָבן זיך פריילעך צעווייעט אינדערלופט.

אַז דער הויכער, דיקער הער מיט די גרויסע זונברילן און פאַרוואָרפענעם פּאָטאָ־אַפּאַראַט איבערן אַקסל, האָט זיך הויך צעלאַכט פון דער סצענע — האָט זיך גיטל געכאַפּט, אַז דאָס איז אוודאי איר שוואָגער און, זי האָט מיט פאַרלעגנהייט אַריינגעלייגט אירע מאָגערע,ביינערדיקע פינגער — אין זיין פולער, פליישיקער האַנט...

אַריינגעזעצט זיך אין אַ טעקסי, זענען אַלע אָפּגעפאָרן אַ היים צו

גיטלען. „לילי״ האָט דעם גאַנצן וועג געהאַלטן פעסט אַרומגעאָרעמט איר שוועסטער און כסדר אין איר אַריינגערעדט און געבראָקט מיט ענגלישע ווערטער, וואָס גיטל האָט נישט פאַרשטאַנען.

וואָס מער „לילי״ האָט גערעדט, אַלץ שטאַרקער האָט גיטל אָפּגע־פילט דאָס פרעמדע ווינטל, וואָס האָט אויף איר געבלאָזן...

אין גיטלס ציכטיק־אויפגערוימט צימערל, ביים געדעקטן טיש מיטן היימיש־געמאַכטן קוכן און פלעשל „ראשון לציון״ — האָבן די געסט זיך באַמיט צוזאַמענרעדן. לילי־לאה, האָט גענומען אויסלאָדן אירע שוואַכע זכרונות וועגן דער מאַמען, ווי דורכלויפנדיק, דערציילט וועגן פאָטער, זיך נאָכגעפרעגט וועגן איר שוועסטערס לעבן מיט איר מאַן אין פראַנקרייך; אויף די פעטערס און מומעס אין שטעטל פון אַמאָל; נישט פאַרגעסן אויך דעם שטאָט־משוגענעם. פאַר וועלכן זי פלעגט שרעקלעך מורא האָבן און לסוף — איבערגעגאַנגען אויף דעם, פון וואָס און ווי אַזוי זי, גיטל לעבט מיט די קינדער און — צוגעזאָגט, אַז אַזוי שנעל ווי זי וועט קומען צוריק קיין אַמעריקע, וועט זי גלייך זען עפּעס צו טאָן פאַר איר, אַז זי זאָל קאָנען צוקומען צו אַ לייטישערע דירה, און ווי ווייט מעגלעך — איר אַרויסהעלפן.

ביים אַוועקגיין, האָט איר די שוועסטער איבערגעלאָזט צוויי הונדערט פונט און זי פאַרבעטן צו קומען צו איר, אין דריי טעג אַרום, פון אַכט ביז עלף פאַרמיטאָג אין האָטעל ווו זי וועט איינשטיין, ווייל מאָרגן, האָט זי געזאָגט, איז זי פאַרנומען אויף אַ „פּאַרטי״ און איבערמאָרגן מאַכן די טוריסטן אַ „טור״ איבער דער „קאַנטרי״

מיטן מאָמענט ווי „לילי״ איז געקומען, האָט גיטל מיטאַמאָל פאַרלוירן איר איינציק־נאָענטן מענטש — איר לייבלעכע שוועסטער לאהן...

אַ צוריק פאַראיינזאַמטע, מיט אַ ווידער דריקנדיקער פוסטקייט אַרום זיך, האָט זי אין דער נאַכט־שטילקייט, אונטערן טיק־טאַק פונעם אַלטן וועקזייגער און דעם ריטמישן אָטעמען פון אירע צוויי ייִנגלעך — דורכגעווייקט איר קישן, מיט אירע הייסע טרערן, וועלכע האָבן געזאָלט ווערן אויסגעגאָסן פאַר איר לייבלעכער שוועסטער לאהן — נאָך פונפאונדרייסיק יאָר זיין פון איר פונאַנדערגעשיידט...

זיך אַנטוישט

ווען אַרטור לייבציגער איז דורך דער אויסגאַנגטיר אויסגעשטיגן פונעם אויטאָבוס, איז ביינישׂ טייטלער, גראָד איינגעשטיגן דורך דער איינגאַנגטיר און, זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער.

מיטאַמאָל האָבן זיך ביידנס בליקן צוזאַמענגעטראָפן און ביידע האָבן איינצייטיק, איינער צום אַנדערן, ווי אויסגעשריגן פון פאַרוואונדערונג: „האָ! ווער מען זע איך דאָ?!" און — צוויי הענט האָבן זיך דורכן פענצטער פעסט געדריקט...

דריקנדיק די האַנט פון זיין יוגנט־חבר ביינישׂ, האָט אַרטורס בליק זיך אָ ווײַלע אָפּגעשטעלט אויף ביינישעס גאָלדענעם „שאַפהאַוזען" און פון ביינישעס האַנט — פאַרשנדיק, זיך אַ גליטש־געטאָן איבער זיין פּנים...

— שוין לאַנג אין לאַנד? זיך שוין אַרומגעקוקט? אַ שמעק געטאָן? עפּעס איינגעפּעדעמט? — האָט אַרטור פאַראייננמאָל פאַרשאָטן ביינישן מיט פראַגן.

— שוין זעקס וואָכן, נאָך גאָרנישט באַוויזן... כ'זוך... אָבער...

דאָ האָט דער אויטאָבוס אַ ריר־געטאָן פון אָרט און אַרטור לייבציגער

* * *

האָט נאָך באַוויזן אַריינשטופן אין דער האַנט פון זיין יוגנט־חבר זיין וויזיטקאַרטע און נאָכצושרייען אים, אַז ער דערוואַרט אים היינט צו נאַכט־מאָל ביי זיך, און אַז זיין טיר ווערט שטענדיק שטיין פאַר „אים" אָפן...

פאַ־לייגט אַ פוס אויף אַ פוס און מיט אַ פאַרוואָרפענעם גלאַט־פאַר־קעמטן פאָמאַדירטן קאָפּ האַר אויפן אַנלען פונעם ווייך־געבעטן פאָטעל, איז אַרטור לייבציגער געזעסן אַ צופרידן־פאַרקלערטער און געקוקט אויפן רויך פון זיין שמעקנדיקן ציגאַר, און זיך דערמאָנט, בעת מעשה, מיט וואָס פאַראַ לייכטקייט ער איז געשטיגן אַלץ העכער און העכער.... און דאָס אַלץ — צו פאַרדאַנקען זיין פלינקן קאָפּ און שאַרפן „ניוך". אדרבא, זאָלן זיי איצט קומען, זיינע אַמאָליקע חברים, — וועט מען זען, ווער ס'איז דער חכם און ווער ס'איז דער נאַר...

אָפּקלאַפּנדיק מיט אַ שנעל פון זיינע אויסגעבעטע ראָזלעכע פינגער דעם אַש פונעם ציגאַר איבערן אַשבעכער, האָט זיך אַרטור לייבציגער פאַרקוקט אויף דער דיקער גאָלדענער רינג פונעם מיטלסטן פינגער, און זיך פלוצים הויך צעלאַכט מיט אַ שמאַלציק געלעכטערל, וואָס האָט מאָדנע, אומהיימלעך, אָפּגעקלונגען צווישן די פיר ווענט פונעם גרויסן לייכט־מעבלירטן צימער... ס'האָט זיך אים דערמאָנט, ווי נאָך אַ געלונגענעם מסחר מיט זיינס אַ פּריש־געקומענעם שטאָטישן, ווען ס'האָט „שטאַרק ווייגעטאָן דער קאָפּ"... האָט ער אים, אַן „אייגענעם", געטאָן אַ טובה און — ביי אים אָפּגעקויפט די רינג מיט די פינקלענדיקע שטיינדלעך — פאַר אַ פערט־חלק פון זיין ווערט...

זיין פלינקער קאָפּ און גוטער „ביוך", האָבן אים אויך אונטערגעזאָגט, אַז פונעם אומגעריכטן צוזאַמענטרעף מיט זיין יוגנט־חבר ביינישׂ טייטלער, וואָס דאַרף צו אים קומען אין אַ שעה אַרום — וועט שוין אַרויסקומען אַ שטיקל משׂא ומתן, און אפשר וועט ער אויך אים, קאָנען טאָן אַ שטיקל „טובה" און פאַר „שיטער געלט" — ביי אים אָפּקויפן דעם גאָלדענעם „שאַפּהאָוזען"...

* * *

פאַ־ענדיקט דעם פיינעם זאַטן אָונטברויט, האָט אַרטור לייבציגער אויסגעשטרעקט צו זיין יונגט־חבר ביינישׂ טייטלער אַ לענגלעך שאַכטעלע און געבעטן אַ „ציי־טאָן" פון זיינע שמעקנדיקע ציגאַרן און, דערביי, אים גלייך אַ פרעג־געטאָן, צו וואָס ער, ביינישׂ, טראַכט זיך צו נעמען.

— וואָס הייסט, צו וואָס? — האָט ביינישׂ איבערגעפרעגט און — אויסגעשטעלט אויף אַרטורן אַ פּאָר נאַיווע אויגן. — וואָס קאָן איך שוין זאָגן, צו וואָס?!... — כ'בין דאָך ערשט געציילטע וואָכן אין לאַנד! — איבעריקנס — בין איך גרייט זיך צו נעמען צו וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן... —

אַרטורן האָט ביינישעס ענטפער נישט באַרויקט. — איך מיין — האָט ער אים אויפגעקלערט — אין וואָס פאַראַ מסחר אָדער אַנדערע ביזנעס,

דו רעכנסט זיך אַריינצולאָזן? וואָס פאַראַ אַרטיקלען דו זוכסט, אָדער צי האָסטו מיט זיך עפּעס געבראַנגט צום פאַרקויפן? — ביסט דאָך מן הסתם געקומען מיט געוויסע פּלענער!

אַ ברייטער קלאָרער שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף בייבישעס פּנים און, אַרויפלייגנדיק צוויי אויסגעאַרבעטע האַרטע דלאָניעס אויפן טיש־אַרויף — אויסגעשאָסן מיט אַ האַרציק געלעכטער:

הי־הי־הי, האַ־האַ־האַ!! — אָט דאָס, אָט דאָס בלויז, האָב איך צו פאַרקויפן!

— האָסטו, הייסט עס, נאָר דעם „שאַפּהאָוזען" צו פאַרקויפן?! — האָט אַרטור לייבציגער געקוקט אים גלייך אין די אויגן־אַריין.

— ניין, דאָס פאַרקויף איך נישט פאַר קיין שום געלט! — האָט בייבישן אַ שלאָג־געטאָן דאָס בלוט אין פּנים אַריין... — דאָס איז אַן אָנדענק נאָך מיין אומגעקומענער פרוי!... אָט דאָס פאַרקויף איך: די הענט מיינע. די הענט!...

* * *

ווען דער אדון אַרטור לייבציגער האָט צומאָרגנס נאָכן פרישטיק זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין פלינקן קאָפּ און שאַרפן „ניוז" אין גאַס אַרויס, האָט ער נישט פאַרגעסן פאַרן אָוועקגיין אָנזאָגן זיין בערטען, אַז טאָמער וועט זיך דער „נעכטיקער" נאָכאַמאָל באַווייזן, זאָל זי אים אויפנעמען אַזוי, אַז ער זאָל פאַרשטיין, אַז ער האָט נישט מער נאָך וואָס צו קומען...

אַ רעגיסטרירטער בריוו

שמואל דוד איז געשטאַנען ביים פענצטער און מיט אַן אומעטיקן בליק פון זיינע קורצזיכטיקע אויגן כּסדר אַרויפגעקוקט צום נידעריק אַראָפּגעלאָזטן הימל, וואָס איז מיט טונקל־גראָע כּמאַרעס שוין עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד געהאָנגען איבער דער מעברה. ער האָט צוגעפּלעטשט זיין נאָז און שטערן צום פייכטלעך־קאַלטן גלאָז און נישט געפילט ווי ער ווישט מיט זיין שאַרסטקער באָרד, די דינע ריטשקעלעך רעגנוואַסער, וואָס האָבן זיך אַדורכבאַקומען דורך די זייטן פונעם נישט פּאַרקיטעוועטן פענצטער.

יעדעסמאָל ווען דער שלאַקסרעגן שטעלט זיך אויף אַ געוויסער צייט אָפּ, און אויף זיין אָרט צעלאָזט זיך אַ שניידיקער ווינט, וואָס נעמט רייסן די פּאָלעס פון די אוהלים און די פּאַפּע־דעקונג פון די צריפים און בדונים, — שטעלט זיך שמואל־דוד אַוועק פאַרן פענצטערל באַטראַכטן דעם הימל, ווי אַ צוגעשמידטער, שטייט ער אַזוי אַ לענגערע צייט און זוכט אינדערהויך: אפשר וועט זיך פּאָרט אין דער געדיכטער טונקל־גראָער געפּאַנצערטקייט ערגעץ עפענען אַ שפּעלטל — אַן אָנדייט אויף אַן אויסלייטערונג. אָבער אומזיסט — דער הימל נעמט ווערן נאָך מער אָנגעברוגזט, די בלייערנע גראָקייט, — נאָך טונקעלער; גרויסע שווערע טראָפּנס נעמען ווידער קלאַפּן אויפן דינעם פּאַפּע־דאַך; לאָזן זיך אַ־אָפּ אין לאַנגע וואַסערשטרייפלעך און, ער, שמואל דוד, טרעט מיט אַ שווערן זיפץ אָפּ — צוריק אין דער טונקעלער גראָקייט פונעם בדון...

* * *

— ס׳האָט זיך דאָס מיטאַמאָל אַ רוק אָן געטאָן... — דאָס איז קוים דער אָנהויב... — און די שטוב איז אָן אַ פּ־וטה...

נאָך אַ לענגערער פּויזע:

— ווי אַזוי קומט מען עס אַדורך דעם ווינטער?...

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן אי צו זיך אַליין, אי צו זיין שיינדל־אסתרן, וועלכע איז געלעגן אָן איינגעקאָרטשעטע אין די קליידער אויפן שמאָלן סוכנות־בעטל איבערגעדעקט מיט אַ צעריבענער קאָלדרע פון וועלכער ס'האָבן אַרויסגעקוקט וואַטע־סציפּלעס.

יעדער אָפּגעהאַקטער זאַץ, וואָס איז געקומען פון דער זייט פון פענצטער, האָט זיך, ווי מיט דער שאַרפקייט פון אַ מעסער איינגעשניטן אין איר האַרץ... שמואל־דוד, בטבע אַ גוטער האַרציקער מענטש, האָט חלילה נישט געמיינט זיין שיינדל־אסתרן צו ערגערן, נאָך מער פאַרביטערן איר געמאַטערט לעבן, בפרט נאָך היינט, ווען זי פילט זיך נישט מיט אַלעמען — קריגט ער אויף איר רחמנות און זוכט מיט וואָס עס איז, צו טרייסטן זי:

— אָט האָבן מיר מיט צוויי יאָר צוריק, גאָט צו דאַנק, חתונה־געמאַכט אונדזער נעכעלען. אברהמל אַרבעט שוין אין תל־אביב, האַלט זיך אַליין אויס, שוין אַ מענטש פאַר זיך... ער דאַרף נאָר טרינקען אַ סך מילך און עסן פעטע זאַכן, וועלן אים די לונגען פאַרגאָסן ווערן און דאָס הוסטן וועט אַריבער... — ווערסט זען, שיינדל־אסתר, מירן אים נאָך פירן אין אַ מזלדיקער שעה אונטער דער חופה, און אַז גאָט וועט געבן געזונט און יאָרן, וועלן אויך די צוויי קונדסים אָנהויבן צו פאַרדינען און ס'וועט מיטאַמאָל ווערן לייכטער מיט דער פּ־נסה...

ר'האָט קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם לעצטן זאַץ, האָבן אויפסניי גענומען קלאַפּן שווערע טראָפּנס אין די שייבלעך אַריין און, אַ פרישער שלאַגסרעגן האָט שנעל־שנעל גענומען קלאַפּן אין די בדון־ווענטלעך און איבערן הוילן דעכל — אַקוראַט ווי מען וואָלט דערויף געשאָטן מיט אַרבעס.

ווי אויפגעריסן פונעם ווינט, האָט זיך מיטאַמאָל די טיר געגעבן אַ ראַשיקן פראַל־אויף, און דורכגעווייקטע ביזן לעצטן פאָדעם, זענען ביידע קונדסים אַריין אין שטוב און מיט הונגעריקע אויגן זיך אַ לאָז־געטאָן צום האַלבן ברייטל אויפן טיש.

אָפּגעריסן מיטן שטימפּיקן מעסער אַ שטיק ברויט, זענען זיי צוגע־גאַנגען צו דער פּתילה אויף וועלכער ס'איז געשטאַנען אַ צוגעדעקט טעפּל, און האָבן שטייענדיק גענומען „באַארבעטן" דאָס ביסל שוין אייז־קאַלטע געקעכץ, וואָס איז געבליבן פון מיטאָג.

שײנדל־אסתרס טרויעריקער בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אירע ביידע ייִנגלעך. ווען זיי זענען ביידע פאַרטיק געוואָרן מיט דער עבודה ביים טעפּל, זענען זיי צו צום „קריגל מיט דאָקומענטן", איבערגעקערט עס אויפן טיש און גענומען אַרויסקלויבן און סאָרטירן די אָנגעזאַמלטע בריוו־מאַרקעס.

דאָס קריגל אָן אַן אויער און מיט אַן אָפּגעהאַקט העלדזל, איז געשטאַ־נען אויף אַן אַלט־פרענקישער קאָמאָדע און געדינט פאַר אַן אַרכיוו פון אַלערליי פּאַפּירלעך און קוויטלעך, וואָס פלעגן אָנקומען פון פאַרשידענע משרדים און אינסטיטוציעס, און ס'האָט דערפאַר באַקומען דעם בכבודיקן נאָמען „דאָס קריגל מיט די דאָקומענטן"... בעת די ייִנגלעך האָבן אַלץ אַרויסגעשאָקלט אויפן טיש־אַרויף, האָט זיך שמואל־דודן געוואָרפן אין די אויגן דאָס קוויטל וואָס ער האָט געפונען ביי דער טיר פון שטוב מיט עטלעכע טעג צוריק, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער לשכה. זייענדיק דעמאָלט אין אַ געדריקטער שטימונג, האָט ער עס, אָן איבערצולייענען אַרייַנגעשטופּט אינעם קריגל. פון דערפאַרונג האָט ער שוין געוווּסט, אַז די אַלע פּאַפּירלעך און קוויטעלעך זענען קיינמאָל נישט פאַר זיין טובה, אַז שטענדיק איז דאָ אין זיי עפּעס אַ צושריפט „חייב לשלם" אָדער: לסלק את הסכום תוך..." איצט האָט ער עס ווידער גענומען אין דער האַנט אַריין, און דורכלייענענדיק עס מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, האָט ער אויסגעפונען, אַז עס האַנדלט זיך דאָ גאָר, וועגן קומען אין דער פּאָסט אָפּנעמען אַ רעגיסטרירטן בריוו.

— טע־טע־טע! אַ רעגיסטרירטן בריוו גאָר?! פאַר אונדז אַ בריוו?!

— האָט שמואל־דוד, נישט אָפּרייסנדיק די אויגן פונעם קוויטל, נישט געקאָנט זיך אָפּוווּנדערן.

— אַ־וואַ! און עס ליגט שוין אַזוי עטלעכע טעג צווישן די „דאָקו־מענטן" און גיי זיי אַ נביא, אַז צו אונדז וועט קומען אַ רעגיסטרירטער

בריוו! ער האָט זיך גלייך געוואָלט לאָזן צום אויטאָבוס און — פאָרן צו דער פּאָסט, אָבער דאָס איז אוממעגלעך געווען צוליבן שטאַרקן פּלייץ־רעגן, וואָס האָט פאַרגאָסן די וועגן צו דער תחנה. קאָנענדיק קוים צוימען זיין גרויסע נייגעריקייט, און באַווירקט פון אַן אַרויסגעשווומענער פאַר־נעפּלטער אומקלאָרער האָפענונג אויף עפּעס.... אַן עפּעס אָן ממשות — האָט שמואל־דוד גענומען ושפ־ייזן פאַרביי שיינדל־אסתרס בעטל, און הויך אויפן קול נאָכצוטראַכטן פון וועמען עס קאָן זיין דער רעגיסטרירטער בריוו — אַז זינט ער איז צוריקגעקומען פונעם ווייטן סיביר קיין פּוילן, און פון דאָרט, דאָ אין לאַנד אַריין — האָט ער נישט אָפּגעפונען קיין איינעם פון זיינע נאָענטסטע און אויך נישט פון ווייטערע קרובים.

— אפשר פון אַמעריקע? — איז אים איינגעפאַלן — כאָטש ער אַליין האָט נאָך פון דאָרט קיין איינציק בריוול נישט באַקומען, נאָר זיינע עלטערן פלעגן פון צייט צו צייט דערהאַלטן פון דאָרט בריוו פון עפּעס קוזינען, מומעס און ווייטע פעטערס.

אויך שיינדל־אסתר איז געוואָרן אַ ביסל אויפגעמונטערט, מיטגע־ריסן מיט זיינע נאָכטראַכטענישן. זי האָט אַוועקגעשאַרט אַ ביסל פון זיך די קאָלדרע, זיך אויפגעזעצט האַלב אונטערשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנ־בויגנס אָן קישן, און גענומען אים צוהעלפן אויסגעפינען פון וועמען עס קאָן אַלץ זיין דער רעגיסטרירטער בריוו.

— אפשר גאָר פון אירע ווייטע קרובים? און — זי האָט גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער, אַלע אירע גליד־שוועסטערקינדער, מומעס און עלטער־פעטערס, וואָס אויב זיי לעבן נאָך, — דאַרפן זיי זיך געפינען אויף יענער־זייט ים.

* * *

דער פלייצרעגן האָט זיך סוף כל סוף אָפּגעשטעלט. אינעם בדון האָט זיך געהערט דאָס געשמאַקע שנאָרכן פוןביידע ייִנגלעך און דער שמועס צווישן שמואל־דודן און זיין שיינדל־אסתרן. ביידע האָבן אין שיכות מיטן רעגיסטרירטן בריוו — פאַנטאַזירט און געשפּינט ליכטיקע

האפענונגען: — אפשר גאר א שטיקל ווייטע ירושה, און מען זוכט קרובים?
א קשיה אויף א מעשה! — מען האט שוין געהערט אזעלכעס...

* * *

צומארגנס איז דער באגינען אויפגעגאנגען א העלער, א זוניקער. קוים באוויזן אפצודאווענען און עפעס איבערכאפן, איז שמואל־דוד אן אויפגעלייגטער אוועק צו דער פאסט און זיך אוועקגעשטעלטווארטן ביז מען וועט זי עפענען. באקומען דעם בריוו, איז ער מיט שנעלע טריט אוועק צו דער אויטאבוסן־סטאציע.

אריינקומענדיק אין בדון איז ער גלייך צו צום פענצטער און גענר־מען באטראכטן דעם קאנווערט פון אלע זייטן. אן אומגעדולדיקע פון דערוואַרטונג, האט זיך שיינדל־אסתר אויפגעזעצט, אנגעשפארט דעם קאפ אן דער וואנט און אנגעשטרענגט געקוקט אויף שמול־דודס פנים פאר־קרימט אין א ווייטיקלעכער גרימאסע, עס האט אים עפעס א צופ־געטאן ביים הארץ — זיין פאטערלעך פארגעפיל האט אים אבער אונטערגעז־זאגט, אז דער בריוו טראגט אין זיך גארנישט קיין גוטס...

— הערסט, שיינדל־אסתר, דער בריוו איז דאך גאר פון אונדזער נעכעלען פון חיפה!

מיט ציטערדיקע פינגער האט ער אויפגעריסן דעם קאנווערט און גענומען לייענען:

ליבע עלטערן.

זייט מוחל פארן צער וואס איך פארשאף אייך מיטן דאזיקן בריוו. שוין פון לאנג געוואלט אייך שרייבן וועגן דעם, נאר זיך אלץ אפגעהאלטן — אלץ געגלויבט אז ער וועט זיך באזינען און אנדערש ווערן... נישט געוואלט אייך אנטאן עגמת־נפש און אלץ געדריקט די גאנצע צייט אין זיך... כ׳קען שוין אבער נישט מער!... ווער האט דאס געקאנט וויסן? אלע זענען דאך מיך און אייך, מקנא־געווען: א יונגער שיינער בחור, א גוטער פארדינער, נעמט מיך ארויס פון אן א־עמער שטוב, ווי איך שטיי און גיי... אויך דו, מאמע, האסט מיר געזאגט, אז מיין גרויסער נדן, איז מיין שיין פנים און מיינע זיבעצן יאר... אז מיט יעדן יאר וואס וועט פארגיין, וועט דער דאזיקער נדן אלץ קלענער ווערן... כ׳באשולדיק אייך

חלילה נישט — איר האָט געמיינט מיין גוטס, און אויך איך האָב געגלויבט אַז כ׳וועל לעבן מיט אים גליקלעך און אפשר אייך אויך קאָנען העלפן... דאָס איז שוין איצט אַ פאַרגאַנגענער חלום... — שוין אַ לענגערע צייט ווי ער האָט דורך פאַרשידענע תּרוצים, אַנגעהויבן אַלץ אָפטער צו פאַר־ברענגען אויסער דער שטוב — זיך אָפּגעפּונען עמעצן... און אויף מיינע געוויינען, מיר פאַרגעוואָרפן אַז כ׳לייד אויף אייפערזוכט־משוגעת... אָבער איצט, האָט ער זיך שוין אפילו אויפגעהערט צו היטן פאַר מיר און זיך צו פאַרענטפערן... די ברירה, זאָגט ער, איז ביי מיר...

ליבע עלטערן, אויסער פאַר אייך — האָב איך נישט פאַר וועמען זיך אויסצורעדן... — שרייבט מיר גלייך וואָס איך האָב איצט צו טאָן מיט צוויי פּיצלעך קינדער ביי דער האַנט?...

כ׳וואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף אייער ענטפער.

אייער טאָכטער נעכע.

נאָך יעדן אַרויסגעלייענטן זאַץ, האָט שמואל־דודן אַלץ מער גענומען שטיקן אין האַלדז און זיין פּנים איז אַלץ בלאַסער געוואָרן...

שיינדל־אסתּר האָט די גאַנצע צייט פון זיין לייענען, זיך געהאַלטן אין איין קנייפּן אירע נאָכגעלאָזטע באַקן־זעקלעך איבער וועלכע ס׳האָבן זיך אומאויפהערלעך געקייקלט גרויסע, הייסע טרערן... געענדיקט לייענען דעם בריוו, האָבן זיךביידע אַ לענגערע ווײַלע אָנגעקוקט מיט אַ שטומער פאַרלוירנקייט.

— וואָס האָב איך געטאָן, וואָס האָב איך געטאָן! — האָט שמואל־דוד פאַרצווייפלט איבערגעריסן די פיינלעכע שטילקייט. אַ וואָך צייט אָפּגע־האַלטן אַ בריוו, וואָס דאָס קינד קוקט אויס מיט ליכט אַן ענטפער אויף אים! — וואָס וועט זי טראַכטן, וואָס?!

— נו יאָ, וואָס שטייסטו און די גאַפּיעסט — טוט שיינדל־אסתּר אַ זאָג מיט אַ צעבראָכן האַרץ. — נעם זעץ זיך גלייך ענטפערן, אַז זי זאָל גלייך קומען מיט די קינדער. מירן פערטלען אונדזער לעצטן ביסן, וועך, אויב נישט טאַטע־מאַמע, ווער?... מיט מיין בלוט און פליש זאָל זיך קיינער נישט וואַרפן!...

אין דער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אינעם בדון, האָט זיך בלויז

געהערט דאָס סקריפּען פון אַ פעדער, וואָס שמואל־דוד האָט געפירט מיט אַ ציטערדיקער האַנט איבערן פּאַפּיר.

* * *

שפּרייזנדיק מיט האַסטיקע טריט צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע מיטן בריוו אין דער האַנט, האָט שמואל־דוד צו זיך אין דער שטיל גערעדט:

— באַלד געטראַכט, ווי קומט צו מיר אַ רעגיסטרירטער בריוו? ווער וועט זיך דאָס פּלוצים ערגעץ־ווו אינעם צווייטן עק וועלט, דערמאָנען אָן אַ שמואל־דודן, און אים שיקן אַ רעגיסטרירטן בריוו?!...

די שפּיל פון גורל

מיטשלעפּנדיק פאַר דער האַנט אַ העל־בלאָנד ייִנגעלע מיט אַ פּאָר גרויסע בלאָע אויגן, איז מרימס מיידעלע מיט אימפּעט אַריין אין שטוב אַ פאַרפּלאָמטע:

— דו זעסט, אמא — האָט זי אָנגעוויזן אויפן יונגעלע — כ׳האָב שוין אַ חבר חדש! — אויך פון אונדזער גנון!

אָנפּאַסנדיק אויף אַ קליענטין אַ קליידל, האָט מרים, מיט פאַרפּ־עסטע ליפּן אָנגעזעצטע מיט שפּילקעס — נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר טעכטערלס פרייד און אויך נישט אויף איר נייעם חבר.

ווען די קליענטין איז אַוועק און מרים האָט אויף עטלעכע מינוט איבערגעריסן איר אַרבעט, כדי אַוועקצורוימען די שטיקלעך סחורה, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן איבערן בעט — האָט זי ווי צופעליק, געכאַפּט אַ בליק אויף איר טעכטערל מיט איר נייעם חבר, וואָס זענען געזעסן פאַרטיפט אין אַ שפּילעריי — אין אַ ווינקל פונעם צימער. אָפּשטעלנדיק זיך מיטן בליק אויפן אומבאַקאַנטן יונגעלע, איז מרים געבליבן ווי אַן עלעקטריזירטע צוגעשמידט צום אָרט און דאַכ בלוט האָט איר האַסטיק אַ כוואַליע־געטאָן צום האַרץ.

געגצלעך אַזוי, מיט דער ענלעכקייט פון איין ט־אָפּן וואַסער צום אַנדערן, האָט אויסגעזען איר אומפאַרגעסלעך זונעלע בעניעק, וואָס איז אינעם שוין באַפרייטן פוילן, אין נידער־שלעזיען, געשטאָרבן אויף טיפוס. געשען איז דאָס סך הכל אַ חודש נאָכדעם, ווי איר מאַן יורעק, איז פאַרב־דיק מיט דער באַן „אַ קוק צו טאָן" אין זיין געבורט־שטעטל, ווו ס׳איז געבליבן שטיין אומבאַרירט אַ ירושה־הייזל — אויפן וועג אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן דורך „אַקאָוצעס" און אכזריותדיק דערמאָרדעט געוואָרן.

אָט אין די געציילטע רגעס, באַטראַכטנדיק דאָס בלאָס־הויטיקע, העל־

בלאָנדע ייִנגעלע, האָט מרים ווידער אין געדאַנק דורכגעלעבט אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, ווען זי האָט אין אַ סוף־האַרבסטיקן, גראָען פרי־מאָרגן צוזאַמען מיט איר מאַן, פאַרקליידעטע אַלס קריסטלעכע דאָרפס־מענטשן — אַרויסגעשלייכט זיך פון וואַרשע, וואָס איז שוין געווען באַזעצט דו־ך די דייטשן. דערמאָנט זיך, ווי זיי האָבן זיך געשלעפּט אויף אַ פויערישׂ פורל קיין פּראַגע, כדי אָפּצופאָרן קיין מאַלקין און פון דאָרט, איבערן „נייטראַלן פּאַס״, קיין סאָוויעט־רוסלאַנד.

אין אָט די געציילטע רגעס פון דערמאָנונג, האָט זי, ווי אויף דער וואָך, ווידער דערפילט אויף זיך די דורכשפּיזנדיקע בליקן פון די באַגעגנטע, דייטשישע זשאַנדאַמעריע־פּאַטראָלן און געסטאַפּאָ־לייט.

זי האָט ווידער דערזען פאַר זיך דעם גיהנום פון „נייטראַלן פּאַס״ וואָס האָט זיך געפונען בלויז געציילטע מעטער פון דער געלעכצטער באַפרייונג און, ווי גליקלעך זי איז דעמאָלט געווען, ווען ס׳האָט זיך זיי איינגעגעבן צו אַנטרינען פון פוילן, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אָפּגיין אין בלוט — אונטער די שווער־באַנאָגלטע שטיוואַלעס פון די דייטשישע אַרמייען. פאַר מרימס אויגן האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דאָס צוריקקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד, און ווי שפּע־טער — אַ צוזאַמענגעבראָכענע, מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט, און מיט פרישע מאַטערנישן און פּלאָגענישן — האָט זי זיך געשלעפּט קיין דייטשלאַנד, וווּ נאָכן אַרומוואַלגערן זיך איבער פאַרשידענע טראַנזיט־לאַגערן — איז זי לסוף אָנגעקומען דאָ אַהער.

מיט איר איינגעבוירענער טרייבקראַפט, האָט מרים, קומענדיק אין לאַנד אַריין, זיך ווידער גענומען אַריינרייסן אין לעבן. — אויפבויען עס פונדאַסנייע און פאַרזיכערן פאַר זיך, מיט איר איינציק קינד — איר היינט און איר מאָ־גן. פאַר אירע לעצטע, פעסט־פאַרקניפּטע עטלעכע פונט, האָט זי זיך איינקוואַרטירט אין אַ צימער ביי אַן אַלט קינדערלאָז פּאָרפאָלק, און איינהאַנדלענדיק „זינגערס״ אַן אַלטע, אָפּגענוצטע ניימאַשין, האָט זי ביים הויז־איינגאַנג אויפגעקלאַפּט אַ ווייס שטיק קאַנטאָן מיט אַ באַקאַנטמאַכונג געשריבן מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות:

די קוואַליפיצירטע וואַרשעווער שניידערין „מרים״ מאַכט די בעסטע

ארבעטן צו צוגענגלעכע פרייזן!

אָנגעקלאַפּט די „רעקלאַמע", האָט זי זיך געלאָזט גיין פון שטוב צו שטוב אינעם געסל — זיך רעקלאַמירט און ווערבירט קליענטינס...

אָט דער צופעליקער, בלויז אויף אַ רגע געוואָרפענער בליק אויפן העל־בלאָנדן יינגעלע, האָט אַרויסגערופן אין איר, אַלע אירע איבערלעבונגען זינט דעם אויסברוך פון דער גרויזאַמער פאַרניכטונגס־מלחמה.

ווי אַ צווילינג־ברודער אויף נישט אונטער־צושיידן פון איר אומפאַרגעסלעכן בעניעק, — האָט אויסגעזען דאָס בלאָנדע יינגעלע: די זעלבע גרויסע, עטוואָס פאַרטיפטע בלאָע אויגן; די זעלבע דינינקע בלאָע אָדערלעך איבער די בלאַסלעכע עטוואָס אָנגעדראָלענע אויגן־זעקלעך און, דאָס זעלבע אויסגעטעאַקטע נעזל און מײלעכל. נישט קאָנענדיק זיך באַהערשן, האָט מרים דעליקאַט אַרונטערגערוקט איר ווייזפינגער אונטער זיין גאָמבעלע, אונטערגעהויבן זיין קעפל און אַריינקוקנדיק מיט ליבע און מוטערלעכע צאַרטקייט אין זיינע בלאָע אויגן — אים ליבלעך אַ פרעג־געטאָן:

— ווי רופט מען דיך, יינגעלע?

— דוביק!

מרים האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן פון אים די אויגן; זי האָט געגלעט זיינע דינע העל־בלאָנדע הערעלעך, אים אַ קוש־געטאָן אין שטערן — ווי זי פלעגט עס טאָן מיט איר בעניעקן און, אים ווייטער ליבלעך געפרעגט:

— וועסטו קומען, דוביק, יעדן טאָג זיך שפילן מיט מיין מיידעלע?

— יאָ, כ'וועל קומען, שטענדיק קומען — האָט דאָס יינגעלע דרייסט געענטפערט.

— הער־סט רייזעלע, — האָט זיך מרים נישט געקאָנט באַהאַלטן מיט אירע געפילן — דוביק זעט אינגאַנצן אויס ווי דיינס אַ ברודערל...

— זאָל ער זיין, אמא, מיין ברודערל!! זאָל ער זיין מיין ברודערל!! האָט דאָס מיידעלע אונטערשפרונגענדיק און לוסטיק פאַטשנדיק מיט די הענטלעך, זיך געבעטן:

אויף מרימס פנים האָט זיך באַוויזן אַ טרויעריקער שמייכל און, אַ

פאַ־טראַכטע — שטיל געענטפערט:
— זאָל ער זיין, זאָל ער זיין...

* * *

נאָך עטלעכע טעג פון דובעקס באַווייזן זיך אין איר שטוב, האָט זיך מרים צו אים אַזוי צוגעבונדן, ווי זי וואָלט קיינמאָל אָן אים נישט געווען. דאָס יונגעלע האָט אָפּגעפּילט מרימס צוגעבונדנקייט און ליבע צו אים און, איר אָפּגעצאָלט מיטן זעלבן — גערופן זי אמא און, ווי רייזעלע — דרייסט געפאָדערט פון איר אַלץ, צו וואָס ער האָט נאָר געהאַט אַ פאַרלאַנג...

אַ שטענדיק פאַרפאָרעטע מיט דער שטוב־ווירטשאַפט, שניידעריי און קליענטינס, איז מרימען נישט איינגעפאַלן צו וועלן דערגיין וועמענס דאָס יינגעלע איז. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אַ קינד פון פּליטים־צוגעקומענע מענטשן אין געסל. זי האָט אים דאָ פריער קיינמאָל נישט געזען. אַז עס איז איר שוין יאָ אַמאָל דורכגעלאָפן דורכן געדאַנק צו געבן וועגן אים אַ פרעג ביי די שכנים אָדער אים אַליין — פלעגט איר אַן אומפאַרשטענדלעך געפיל אָפּהאַלטן פון דעם; זי פלעגט דאַן באַהערשט ווערן פון אַ מורא, אַז דערמיט קאָן זי אַמאָל צונישט־מאַכן דעם יינגלס אַריינקומען צו איר...

* * *

ס'איז סך הכל אַ יאָר צייט, ווי זעליג איז דאָ פון פראַנקרייך אַהער־געקומען מיט זיין דריי־יאָריק יינגעלע בערקע.

מיט עפּעס מער ווי מיט צוויי יאָר צוריק, פאַרן אַהערקומען אין לאַנד אַריין, האָט ער דאָרט באַגלייט צו איר אייביקער רו, זיין פרוי געניע.

בערקע איז שוין זעליגס דריטע קינד. זיינע ביידע ערשטע קינדער זענען געוואָרן אַוועקגעריסן באַלד נאָך זייער אָנקומען מיטן עשאַלאָן פון בעלגיע קיין אוישוויץ. אויף אַ וואונדערלעכן אופן האָבן זעליג און זיין געניע, פונאַנדערגעשיידטע אין פאַרשידענע לאַגערן — זיך ווידער

אָפּגעפּונען אין דעם שוין־באַפרייטן פּוילן. פון די עלטערן, שוועסטער און ברידער, וואָס גאַנץ... קענן פון דער מלחמה איבערגעבליבן, האָט זי איצט קיינעם נישט געפונען. אויך זעליג, וואָס האָט מיט זיינע עלטערן, אַ סך יאָרן געוווינט אין בעלגיע, האָט קיינעם פון זיין גרויסער צאָל קרובים נישט געפונען. נישט קענענדיק פאַרבלייבן אויף דער ערד, וועלכע איז געוואָרן דורכגעזאַפּט מיטן בלוט פון זייערע טייערסטע, האָבן זעליג און גאַניע אויסגעוואַנדערט צוריק קיין בעלגיע און פון דאָרט, קיין פראַנקרייך, ווו עס איז זיי געבוירן־געוואָרן זייער בערקע.

* * *

אויף פאַרן אַריינגאַנג אין דעם אַלט־חרובן צוויי־שטאָקיקן הויז, וואָס אין סאַמע עק פונעם געסל ווו מרים האָט געוווינט, איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ „רעקלאַמע". געווען איז זי אין דער פאָרם פון אַ לענגלעך־ברוינלעכן קאַרטאָן מיט אַן אָנגעצייכנטער האַנט, וועמענס צו־לאַנגער ווייזפינגער האָט אַריינגעוויזן טיפער אין הייפל־אַריין, און נעבן דער האַנט — אַן אויפשריפט מיט אַ גרינער גריפעל:

— „דאָ ווערן אָנגענומען אַלערליי מעכאַנישע און שלאָסער־אַרבעטן" און אונטערן אויפשריפט — אַן אָנגעצייכנטע פליישמאַשינקע, אַ פּרימוס און אַ הענגשלאָס מיט אַ שליסל.

אָט אין דעם הייפל, אַנטקעגן דעם אַריינגאַנג אין הויז, אין אַ קעלערל, וואָס ליגט מיט זעקס טרעפּלעך נידעריקער פונעם באָדן, האָט זעליג געהאַט זיין ווערקשטעל. כדי דער קליענט זאָל גלייך אַריינטרעפן, זענען אויף ביידע פונאַנדערגעעפנטע, רויט־געפאַרבטע טירן געהאָנגען אַן אמתדיקע פליישמאַשינקע, אַ ראָד פון אַ וועליסאָפּעד, און אַן אַלט פאַר־זשאַווערט קעפל פון אַ ניימאַשין.

* * *

געשען איז דאָס אין אַ געוויסן פאַרנאַכט, ווען דוביק האָט זיך לענ־גער ווי יעדעסמאָל פאַרשפּילט מיט מרימס מיידעלע און נישט געהערט

ווי דער אבא זיינער, זעליג, רופט אים.

מרים האָט אפילו יאָ געהערט דאָס רופן בערקען, נאָר ס׳איז איר נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס מיינט מען דוביקן. די קינדער פונעם געסל האָבן שוין אָבער יאָ געוווּסט ווער ס׳איז בערקע. דאָס קליינוואַרג האָט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם פריש־געעפנטן ווערקשטעל אינעם הייפל, און זיי פלעגן דאָרט שעהענווייז אָפּזיצן אויף די טרעפּלעך פונעם קעלערל און, מיט נייגער זיך צוקוקן ווי זעליג פיילט, שווייסט, און צע־נעמט וועלאָסיפּעדן און אַנדערע זאַכן, אויף פּיץ־פּיצלעך...

זיי, דאָס קליינוואַרג, האָט זעליגן אָנגעוויזן ווו זיין בערקע געפינט זיך.

אַז זעליג האָט אין דער אָפענער טיר ביי מרימען, נישט דרייסט דערקלערט איר ווער ער איז און וועמען ער זוכט ביי איר — האָט מרים אַ לייכטן ציטער־געטאָן, געבליבן ווי אָן לשון, אָבער באַלד געקומען צו זיך, און אויפשטעלנדיק זיך פון דער מאַשין — מיט אַ ברייטן פריינטלעכן שמייכל אַ זאָג־געטאָן:

— אַז איר זענט שוין יאָ דער טאַטע פון אָט דעם יינגעלע, טאָ קומט שוין טאַקע ווייטער און שטייט נישט אינדרויסן.

ביי די זייטן־שפּיצן פון זעליגס שוואַרצע, דין־פאַרשווירענע וואָנצעס, האָט זיך באַוויזן אַ שעמעוודיקער שמייכל און ער האָט אין פאַרלעגנהייט אַרויסגעשטאַמלט:

— כ׳גיי נאָך אינעם אַרבעטס־פאַרטוך, נישט גאַנץ ריין...

— נו, נו, כ׳בין נישט אַזאַ גרויסאַרטיקע, צו מיר קאָנט איר אויך אַזוי אַריינקומען, מיט שמוץ פון אַרבעט איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען! האָט זי מיט אַ ברייטן „בבקשה״ אַ פיר־געטאָן מיט דער האַנט און מיט אַ דרייסטן, אָנגענעמען בליק, וועלכן ס׳איז שווער געווען נישט צו האָרכן — איינגעלאַדן זעליגן צום טיש.

— מיך רופט מען מרים, — האָט זי זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט, — און ווי רופט מען אייך?

זעליג האָט פון מרימס פרייער באַנעמונג זיך פאַרלוירן און מיט אַ נישט דרייסטער שטילער שטים געענטפערט:

— זעליג, כ׳האָב דאָ עפּעס אַ שטיקל ווערקשטעל אין עק פונעם געסל.

— אויב אַזוי, זאָגט מיר, אדון — האָט זיך מרים צו אים געווענדעט ווי צו אַן אַלטן גוטן פריינט — פאַרוואָס רופט איר אייער יינגעלע בערקע, אַז לויט ווי ער זאָגט, הייסט ער גאָר דוביק?

— יאָ, דאָס איז אין עברית, דוביק — אַזוי רופט מען אים אין גנון — דוב איז אין יידיש בער, און מיין פרוי פלעגט אים נאָר רופן בעני.

— בעני, בעני?! — האָט מרים איבערגעחזרט און איר שטים האָט געציטערט... — אַזוי פלעג איך דאָך אויך מיינעם רופן, בעני, בערעלע...

זעליג האָט זי אָנגעקוקט אַ פאַרוואונדערטער, נישט פאַרשטאַנען דעם מיין פון אירע ווערטער און, נישט געהאַט גענוג דרייסטקייט זי איבער־צופרעגן, וואָס זי האָט געוואָלט דערמיט זאָגן.

אַ קורצע ווײַלע האָט געהערשט אַן אומקלאָר שטילשווייגן. מרים האָט זעליגן ווי דורכגענומען מיט האַלב־פאַרזשמורעטע אויגן. דער פרויען־אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז אָט דער נישט דרייסטער סימפּאַטישער מאַן מיט די מילד־קלאָרע אויגן־ווייסלען און קערש־שוואַר־צע אַפּלען, — איז אַן אַ פרוי און — ווי אַ בליץ, איז אין מוח איר דורכ־געלאָפן אַ דרייסטער געדאַנק, וועלכער האָט זיך גענומען שנעל פונאַנ־דערוויקלען:

— דאָס איז דאָך דער טאַטע פון אָט דעם יינגעלע, פון דוביקן וואָס קומט אַריין צו איר אין שטוב, און איז איר געוואָרן אייגן ווי פלייש פון איר פלייש און בלוט פון איר בלוט... — אפילו דער נאָמען דער זעלבער — בעני... — דאָס האָט דער צופאַל אים אַריינגעבראַכט אין איר שטוב, און אַ דאַנק אים — באַקענט זיין פאָטער... דאַרף זי דעריבער זען, אַז דער דאָזיקער צופאַל זאָל זיך נישט בלויז דערמיט פאַרענדיקן...

באַלד אָבער האָט אַ צווייטע שטים אין איר, געפרעגט:

— ביסטו טאַקע זיכער, אַז דער דאָזיקער מאַן איז אָן אַ פרוי? צי ביסטו זיכער, אַז אויך ער וועט איינשטימען אויף דעם? און צי קאָן מען בכלל אין איין מינוט באַשליסן וועגן אַ זאַך, ביי וועלכער אַ סך זענען שוין געוואָרן אָפּגעבריט, אפילו נאָך אַ לענגערער באַקאַנטשאַפט?

ווי אויף צו געבן זיך אליין אן ענטפער, האט זיך מרים נאך שטאר־קער איינגעקוקט אין זעליגן און א לייכטער שמייכל האט א פלאטער־געטאן איבער אירע מויל־ווינקלען, א שמייכל פון א קאטעגאָרישער באשטעטיקונג — זיכער, הונדערט פראצענט זיכער...

דערפילנדיק אויף זיך מרימס דורכדרינגלעכן בליק און שמייכל, האט זיך זעליג, פון גרויס פארלוירנקייט פארויטלט ווי א יונג מיידל, און ווי אנגעשטעקט פון איר — זיך אויך צעשמייכלט...

— ווי קומט דאס צו אייך אזא בלאנד מלאכל? איר זענט דאך א טונקל־ברונעטער? — האט מרים איבערגעריסן דאס שווייגן.

זעליג האט לייכט אפגעהוסט און נאך א טיפן זיפץ שטיל געענטפערט:

— יא, אט אזוי, אזוי אינגאנצן ווי מיין בערקע, האט אויסגעזען מיין פרוי, וועלכע כ'האב פארלוירן אין פראנקרייך.

— און אזוי, ווי אייער בערקע, האט אויסגעזען מיין אימפארגעסלעך זונעלע בעני, וועלכן כ'האב פארלוירן אינעם שוין־באפרייטן פוילן, סך הכל איין חודש נאכן אומקומען פון מיין מאן — האט מרים געענטפערט מיט א געבראכענער שטים און, ס'איז ווידער אריינגעטרעטן די געדריקטע שטילקייט.

* * *

ווען זעליג איז אין עטלעכע טעג ארום, געקומען צו מרימען אהיימ־נעמען זיין בערקען און דערציילט איר, אז ער איז געצוווּנגען זיין יונגעלע אריינגעבן אויף א געוויסער צייט אין א מוסד — האט זי אויף אים אויסגעשטעלט א פאר גרויסע דערשטוינטע אויגן און קוים ארויסגע־שטאמלט:

פארוואס אזוי פלוצים, זעליג?!

— כ'האב באקומען א גרעסערע ארבעט, ווייט אויסער דער שטאט — האט זעליג געלאסן אויפגעקלערט. — מעגלעך, אויף עטלעכע חדשים... ס'וועט מיר אויסקומען ארויסצופארן פארטאגס און זיך אומקערן אין אוונט, אזוי אז...

נאָר דאָ האָט אים מרים איבערגעריסן, און דעצידירט אַ זאָג־געטאָן:
— ניין, זעליג, דאָ ביי מיר וועט ער בלייבן ביז איבער דער דאָזיקער צייט! איך וועל אים צוגלייך מיט מיין רייזעלען פירן יעדן טאָג צום גנון און וועל שוין אויך האָבן איבער אים די געהעריקע אויפזיכט — ניין, בעני בלייבט מיט מיר! און איר, זעליג... איר וועט אים קאָנען זען יעדן אָוונט ביי מיר דאָ... נישט אַזוי? — האָט איר מרים אַ פרעג־געטאָן און, מיט אַ לייכטן שמייכל — ליבלעך און באַפעלעריש אים אַריינגעקוקט אין די אויגן.
זעליג האָט נישט אויסגעהאַלטן איר בליק און געענטפערט פאַרלוירן:
— אוודאי... ס׳וואָלט נישט אויסגעמאַכט, אָבער כ׳מיין... צופיל באַלעסטיקונג פאַר אייך, פרוי...
— איר האָט געמוזט אַמאָל זיין אַ שלעכטער שילער, זעליג, — האָט מרים פאַרזשמורענדיק אַן אויג, אים שטיפעריש געדראָט מיט אַ פינגער — מיר האָבן זיך שוין אַזוי פיל אָנדערציילט וועגן אונדזערע איבערלעבענישן, און איר רופט מיך נאָך אַלץ „פרוי" און „פרוי", ווי כ׳וואָלט גאָר קיין נאָמען נישט געהאַט... וויפל מאָל האָב איך אייך שוין געזאָגט, אַז מיין נאָמען איז מרים, מרים קיר־שען־צווייג. איצט, גלויב איך, וועט איר שוין אפשר בעסער געדענקען.
קיר־שען־צווייג — קיר־שען־צווייג? — האָט זעליג, צוויי מאָל איבער־געחזרט דעם פאַמיליע־נאָמען, און טיף אַריינגעקוקט אין מרים׳ס פנים.
— פלעגט איר נישט אַמאָל, פאַר דער מלחמה און אויך אין אָנהייב פון דער מלחמה זיך איבערשרייבן מיט נאָענטע פאַמיליע־מענטשן אָדער קרובים אין בעלגיע?
מרים האָט אים אָנגעקוקט מיט אומרויק־פאַרשנדיקע אויגן:
— יאָ, כ׳האָב דאָך אייך דערציילט, אַז כ׳האָב געהאַט אין בעלגיע אַ שוועסטער, וואָס האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ יאָר־צוויי פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה און, אַז כ׳האָב ביזן היינטיקן טאָג קיין שום ידיעות נישט געהאַט פון איר.
— ווי איז געווען דער נאָמען פון אייער שוועסטער? — האָט זעליגס

שטים געציטערט.

— געניע, — ווי זי האָט געהייסן פון איר מאַן, איז מיר איצט אַרויס פון זכרון, עפּעס אַ מאָדנער פוילישער פאַמיליע־נאָמען.

— נישט אַמאָל ביאַלאַגוראַ?! האָט איר אייך נישט אונטערגעשריבן אין אייערע בריוו, מאַניע?! — האָט זעליג מיט אַ קרייד־ווייס פּנים און מיט פונאַנגעריסענע, צעטומלטע אויגן, אין איין אָטעם געפרעגט.

— יאָ, יאָ, זעליג! זאָגט שוין שנעלער, וואָס ווייסט איר פון מיין שוועסטער!! — האָט מרים מיט אַ פאַרענדערט געזיכט, זיך ביי אים געבעטן.

— דאָס איז דאָך מיין פאַרשטאָרבענע פרוי! מיין פרוי! די מאַמע פון אָט דעם יינגעלע!...

* * *

עטלעכע וואָכן נאָך דער אַנטפּלעקונג פונעם וווּנדערלעכן צופאַל — האָט זעליג פאַרלאָזט דאָס קליינע אַלקערל וואָס ער האָט פאַרנומען ביי אַ פאַמיליע, און געלאָזט אַריבערפירן זיין „האָב און גוטס — צו מרימען...

דער טויטער שטח

די היינטיקע, די „אַלטע קריה" האָט מיט נישט קיין סך יאָרן פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה — זיך אָנגעהויבן בויען פון מזרח צו מערב צו. מען האָט זי אָנגעהויבן בויען הינטערן רוקן פון די צעשפּרייטע בערגיק־צעכוואַליעטע העלע זאַמדן, אויף וועלכע ס'האָבן זיך דאָ און דאָרט געזען קליינע גרינע אינדזעלעך מיט ווילד־צעצווייגטע צונויפגעוואַקסענע קאַרליק־ביימלעך.

גערופן האָט מען דעם וויסטן ריזיקן פּלאַץ, דער „טויטער שטח". מען איז געווען ווי זיכער, אַז אויף די ימאיק־צעכוואַליעטע זאַמד־פעלדער, וואָס ליגן שוין אוודאי פון בראשית אָן — וועט קיין לעבן נישט אויפגיין.

האָבן די איינוווינער פון דער נייער קריה, ווו די הייזלעך זענען געשטאַנען מיטן רוקן צום „טויטן שטח" — אויפגעשטעלט פּאַרצוימונגען פון ברעטער, שטיינער, בלעכן, און פון וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט — כדי צו שיצן דערמיט די ערשטע שפּראָצונגען און פלאַנצונגען אַרום די הייזלעך.

ווען־ווען, נאָר די ווייסע־חברהניקעס, די קינדער פון די איינוווינער אַרום „טויטן שטח" — זענען די נישט־פריילעכע זאַמדן, מיט די קליינע גרינע אינדזעלעך — גראָד שטאַרק געפעלן. דאָ פלעגן זיי זיך שפּילן אין מלחמה, בויען טונעלן און זוכן אונטערערדישע אוצרות...

דאָס האָט דער ברוינער אַכט־יעריקער יונגאַטש, דאַני, מיט די קליינע לאַכנדיקע אויגן — אָנגערעגט אַלע אַנדערע קינדער, זיי זאָלן זוכן אין די טיפענישן פון די זאַמדן.

געווען איז דאַני דאָס עלטסטע ייִנגל פונעם לערער שטעטנער, וועמענס הייזל ס'איז געווען דאָס ערשטע פון דער ריי הייזלעך. די אידעע

פון זוכן אין די זאַמד־טיפענישן האָט זיך ביי אים געוומען פון די פאַר־שידענע דערציילונגען וועגן אונטער־ערדישע אוצרות, וואָס דער טאַטע זיינער פלעגט פאַר אים פאַרלייענען.

נאָך דעם ווי ער האָט איינמאָל בעת זיינע גראָבונגען צופעליק גע־פונען אַ פאַראָסטיקט בלעכן שאַכטעלע מיט עטלעכע קופּע־נע אויסלענ־דישע מטבעות — האָט מען אים איינמאָל בעת אַזאַ זוכעניש — קוים אַ לעבעדיקן, אַפּערגעשלעפּט פון אונטער אַ דיקער זאַמדשיכט, וואָס האָט אים איינגאַנצן צוגעדעקט...

אַז ס׳זענען אין דער קריה צוגעקומען פרישע קינדער, האָט מען אָנגעהויבן צובויען צימערן. אַז די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן און גרויס געוואָרן, האָבן די איינוווינער אָנגעהויבן זיך משדך־זיין צווישן זיך און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געבוי פון פרישע וווינונגען פאַר די פריש־צוגעקומענע יונגע פּאַרפעלקער. ווער ס׳האָט אויף זיין הייזל אַרויפגעצויגן נאָך אַ שטאָק, ווער עס האָט גענומען בויען אויף אַ פרישן מגרש און, די קריה האָט זיך גענומען אַלץ מער אויסשפּרייטן צו מערב, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ פּונקט, ווו דאָס פאַרויסרוקן זיך האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן.

די צייט איז נישט געשטאַנען. דעם לעו־ער שטעטנערס עלטערער זון דאַני, דער „אוצרות־זוכער", איז שוין געגאַנגען אין טכניון, ווו ער האָט שטודירט אויף בוי־אינזשיניער. פונעם קליינעם קוועקזילבערדיקן יאַטל איז געוואָרן אַ פעסט־געבויטער קרעפּטיקער מאַנספּערזאָן צו וועמען דער לעו־ער שטעטנער האָט געמוזט אַרויפקוקן... מיט נאָך מער פייער האָבן געגלאַנצט זיינע לאַכנדיקע אויגן, און זיין אָפּגעברענט לענגלעך פּנים מיט די בלוט־רויטע ליפּן און לייכט־אַרויסשטייענדיקע מאַנגאָלישע סקולעס, האָבן אויסגעדרוקט ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט.

* * *

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַסן־עליה פון די אייראָפּעישע און אַפריקאַנישע יידן, און איבער ימים האָבן שיפן געצויגן אין דער ריכטונג צו ישראל — האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד אָנגעהויבן אַ גרויסע

פּ־בערהאַפטע בוי־באַוועגונג. דאַני שטעטנער איז שוין דעמאָלט געווען אַ געענדיקטער בוי־אינזשיניער; געווען באַשעפטיקט ביי אַ גרויסער בוי־פירמע ערגעץ אין צפון פון לאַנד, און ווי פריער, ווען ער האָט נאָך שטודירט — אַהיימגעקומען בלויז אויף יעדן שבת, און אָפט — נאָך צוויי וואָכן.

אין באַגלייטונג פון עטלעכע אַרבעטער מיט מעסטאַפּאַראַטן און מיט לאַנגע רונדע שטעקנס מיט רויט און ווייס־נומערירטע סקאַלעס — זענען איינמאָל אַראָפּגעקומען אין דער קריה צוויי יונגע מענער מיט טאָפּאָ־גראַפישע מאַפּעס און פּלענער אין די הענט.

עטלעכע טעג זענען זיי אַרומגעגאַנגען איבער די בערגיקע זאַמדן און געקוקט דורך אויפגעשטעלטע מעסטאַפּאַראַטן, אויף די אָנגעשטעל־טע שטעקנס און עפּעס געצייכנט אויף די פונאַנדערגעראַלטע פּאַפּיר־בויגנס. נאָך זייער פאַרשווונדן ווערן, זענען איינמאָל אין אַ באַגינען, די קריה־איינוווינער געוואָרן איבעראַשט פון אַ מעכטיק מאָטאָרן־גערויש, וואָס האָט זיך פּלוצים דערטראָגן פון די בערגיקע זאַמדן פונעם „טויטן־שטח״.

ווי דאָס פאַרויסרוקן זיך פון שווערע טאַנק־קאָלאָנעס אין אַ אָנגריף אויף אַ אומבאַזיגבאַרער פעסטונג — האָבן זיך ריזן „בולדאָזערס״ און „סקרייפּערס״, אויסגעשטעלטע אין דער ברייט — זיך געדראַפּעט און געריסן זיך אַרויף צום העכסטן אָרט פון די ווייט־צעשפּרייטע, צעכוואַ־ליעטע זאַמדן. אַרויפגעקומען אינדערהויך, האָבן זיי מאַנעווורירט אין פּאַר־שידענע זייטן — אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. מאַשינען האָבן גע־שטויסן און געשאַרט די העלע זאַמדן אַלץ נידעריקער און נידעריקער און מאַשינען האָבן אַריינגענומען דאָס זאַמד אין זייערע ריזיקע שופלעס, אַוועקגעפירט עס ערגעץ און צוריק זיך באַוויזן — אויפסניי זיי אָנצופילן. אַזוי — אַ סך טעג און וואָכן.

ווען דאַני איז נאָך עטלעכע וואָכן נישט באַזוכן זיינע עלטערן אַהיימ־געקומען, האָט ער דאָס אָרט אַנטקעגן זיין פענצטער מער נישט דער־קענט. ס׳איז שוין קיין סימן נישט געבליבן פון די זאַמדן אַנטקעגן דער שורה הייזער ווו זיי האָבן געוווינט. אַרום האָט זיך געזען אַ גרויסע ליכטיקע ערדפלאַך גלייך ווי אַ טיש, און אין זיין צימער איז ווי ליכ־

טיקער געוואָרן, אָבער — נישט אויף לאַנג. ס׳האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פול־געלאָדענע לאַסטאויטאָס מיט געהילץ, און דער גאַנצער שטח אַרום איז אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג פול־געוואָרן מיט צוזאַמענגעקלאַפּטע הילצערנע פיר־עקן און ווינקלען נעבן וועלכע ס׳האָבן זיך פּאַראַלעל געצויגן אויסגעשניטענע ראָוועס צו גיסן פונדאַמענטן. דאָ און דאָרט זענען אויסגעוואַקסן מחסנים פאַר בוימאַטעריאַלן, אַרבעט־כלים און פּראָוויזאָרישע משרדים און, שנעל איז דער גאַנצער פּלאַץ אַרום פול־געוואָרן מיט ציגל, בלאָקן, ב־עטער, בלעכן, אייזנס, בערג מיט זיפּזיף און חצץ, און הויכע שטויסן צעמענט אין פּאַפּירענע זעק.

ווי מוראַשקעס האָבן אויפן גרויסן שטח אַרומגעווימלט גרופּקעס אַרבעטער. שוין פון ווייטנס האָבן זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון האַמערס, געגרילץ פון זעגן און געראויש פון בעטאָן־מאַשינען. דאָ און דאָרט האָבן געאיילט פאַרטועוע, פאַרחשבנטע בוימייסטערס, צייכענער און אַרכי־טעקטן מיט פונאַנדערגעוויקלטע ראָזלעכע פּאַפּירבויגנס.

פון טאָג צו טאָג איז אויפן געוועזענעם „טויטן שטח" געשטיגן דאָס לעבן. ווי פון אונטער דער ערד, האָבן אינדערלענג און אינדערברייט, גענומען וואַקסן אומצאָליקע ווענט, ביז... אין אַ ליכטיקן פרילינגטאָג, האָבן צום „טויטן שטח" גענומען ציען קאַראַוואַנען פון לאַסטאויטאָס מיט מעבל און פאַרשידענע זאַכן פון הויזלעבן געברויך, און צעגלעקלטע קינדערשע קולות האָבן אָנגעהויבן פול־מאַכן די לופט אין די נאָך־נישט־אַספאַלטירטע געסלעך פון דער נייער קריה, ווו פון קלאָרע שויבן פון ווייסע הייזער, האָבן צעשמייכלטע זונבליצן באַגעגנט די נייע איינוווינער.

ס׳זענען קוים פאַרביי עטלעכע חדשים און — לענג־אויס ביידע זייטן געסל, זענען שוין געשטאַנען פריש־פאַרזעצטע יונגעביימלעך שיטער־באַוואַקסענע מיט צאַרטע, נאָך שוואַכע בלעטלעך; אויף די נידעריק־אָ־ומגעצוימטע דשאס האָבן שוין געגרינט יונגע דינע גראָזן און, שוואַרץ־גלאַנציקע פריש־אַספאַלטירטע וועגן און שטעגלעך, האָבן ווי אַ נעץ דו־כגעפלאָכטן דעם געוועזענעם „טויטן שטח", און פאַרבונדן די נייע קריה מיטן הויפּט־כביש. אויף טעראַסעס האָבן זיך שוין געלופטערט כעפּיכער און בעטגעוואַנט, און אויף אָנגעצויגענע דראָטן האָבן אין ווינט

שוין געפלאַטערט קאָלירטע קינדערזאַכן.

כמעט אַלע דירות אין דער נייער קריה זענען שוין געווען באַוווינט — אויסער עטלעכע, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען די פּאַרטער־וווינונג אַנטקעגן פענצטער פון דאַני׳ס שטעטנערס צימער. אין דאָזיקן פיר־שטאָקיקן הויז, איז עס געווען די איינציקע וווינונג וועמענס טיר־און־פענצטער זענען כסדר געווען פאַרמאַכט און, דערפאַר — געצויגן דאַניס אויפמערקזאַמקייט.

איינמאָל, בעת דאַני איז אַהיימגעקומען, האָט ער אָנגעטראָפן זיצן ביים טיש צוויי אומבאַקאַנטע עלטערע מענטשן — אַ מאַן מיט אַ פרוי.

—דאָס איז מיין עלטסטער זון, דער מהנדס, — האָט די מאַמע זיינע אויף אים אָנגעוויזן. און דאָס, דאַני, זענען אונדזערע נייע שכנים פונעם הויז, וואָס היגטער אונדזער וווינונג — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף דעם עלטערן מאַן מיט דער פרוי.

דאַני האָט מיט נייגער באַטראַכט די שכנים און מיט אַ געוויסער אַנטוישונג זיי דערלאַנגט די האַנט. נאָכן אונטערהאַלטן זיך מיט זיי אַ קאַ־גע שעה צייט, האָט ער זיך פאַר זיי אַנטשולדיקט, אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער, זיך אַוועקגעזעצט ביים אָפענעם פענצטער און זיך פאַרטיפט אין אַ בוך.

מיטאַמאָל האָט זיין אויער אויפגעכאַפּט אַ סקריפּ פון אַ געעפנטער טיר אויף דער טעראַסע ביי די נייע שכנים. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם בוך און אָנגעצילט זיין בליק אַהין פון וואַנען ס'איז געקומען דער סקריפּ און — זיינע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אַ פּאָר פאַרוווּנ־דערטע גרינלעך־בלאָע מיידלשע אויגן אונטער געדיכטע שוואַרצע ווייעס.

ביידע, האָבן זיך פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש פאַרלוירן. אויפן מיידלס העל־אָליוון ערנסטן פנים, האָט אַ שפּיל־געטאָן אַ קוים באַמע־קבאַרע רויטלעכקייט, און אין דאַני׳ס מוילווינקלען האָט אַ פלאַטער־געטאָן אַ פאַרלעגנהייט־שמייכל. ער האָט זיך אָבער גלייך באַהערשט און זיך גע־כאַפּט, אַז קוים זענען שוין אירע עלטערן אַזוי נאָענט באַפריינדעט מיט זיינע — דאַ־ף ער זי, ווי אַ פרישן שכן, באַגריסן און — זיך ערנסט פאַר־נויגט פאַר איר. דאָס מיידל האָט מיט אַ לייכטן שמייכל אַ שאָקל־געטאָן

מיטן קאָפּ, לאַנגזאַם פאַרלאָזט די טעראַסע און פאַרשווּנדן־געוואָרן הינ־טער די געבלימטע פאָרהאַנגען.

דאַני האָט פון איר לייכטן שמייכל אַרויסגעלייענט, אַז זי מוז שוין אוודאי, דורך דער נאָענטקייט מיט זיינע עלטערן, ספּעציעל מיט זיין מוטער — אַ סך וויסן וועגן אים... ס'איז אים אויך איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז זי איז ספּעציעל צוריק אַריין אין שטוב — כדי צו קאָנען אים אומגע־שטערט אָבסערווירן — דורך די געדיכט־געבלימטע פאָרהאַנגען...

דער דאָזיקער געדאַנק, אַז ער ווערט, מעגלעך, אָבסערווירט פון איר — האָט אים אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. אַוועקגיין פון פענצטער האָט ער נישט געקאָנט; בלייבן זיצן, איז אים אויך נישט געווען באַקוועם... האָט ער ווידער איינגעגראָבן דעם קאָפּ אינעם בוך, אָבער נישט מסוגל־געווען צו בינדן אַ זאַץ מיט אַ זאַץ....

דאָס ווילד־פרעמדע מיידל וואָס ער האָט, סך הכל, געזען פאַר זיך בלויז געציילטע רגעס — האָט זיך אים אָנגעהויבן, ביזן דינסטן שטריך אירן, צו פאַרפיקסירן אין זיין מוח — אַקוראַט ווי זי וואָלט שוין פון לאַנג געווען אים גאָר נאָענט באַקאַנט.

דאַני האָט אין געדאַנק געפּרוּווט זי אַנטקעגנשטעלן מיט אביבהן. יאָ, אביבה מיט אירע דראָבנע לויכטנדיקע ציינדלעך און עטוואָס פאַריסענעם קליינעם נעזל, איז אַ ליב האַרציק מיידל, און איר אומגעהאָרכזאַמער גאָל־דיק־בלאָנדער צעפלאָסענער לאָק, וואָס רייסט זיך איר שטענדיק אַרונטער צום שטערן, מאַכט זי נאָך אָנציִענדיקער... אָבער „די", דאָס מיידל מיטן העל־אָליוון ערנסטן פּנים מיט דין־געשניצטע סובטעלע שטריכן און אַזעלכע אויגן... — זעט אויס צו זיין אַן אַנדערע... אַ נישט דורכשניטלעכע..

דאַניס מענערישקייט, וואָס האָט אויסגעדריקט גרויס ענערגיע און אַנטשלאָסנקייט — האָבן געמאַכט שטאַרקער קלאַפּן דאָס האַרץ פון דער צוואַנציק־יעריקער פעליציאַ, און אויפגעוועקט אין איר אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך אַ נאָענטן וואָס זאָל זיין אי שטאַרק, אי צאַרט, אַזאַ וואָס זאָל זי שיצן און ליבן און פאַרטרעטן איר טאַטע־מאַמע — וואָס זי האָט כמעט נישט געקענט און אַזוי וויניק זיי געפילט...

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט, ווען דאַני איז, ווי געוויינטלעך, געזעסן ביים

פענצטער און געלייענט אַ בוך, האָט זיך אויף דער טעראַסע פון אַנטקעגנ־איבערדיקן הויז באַוויזן די יונגע שכנה אָנגעטאָן אין אַ געבלימטן כינע־זייַדן שטוב־כאַלאַט.

זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן אָנלען און זיך פאַרקוקט אויף דער גלייכער, נייַע שורה הייזער־בלאָקן.

דאַני האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און געכאַפּט אַ קוק אין איר זייט. דאָס פרעמדע מיידל האָט אים איצט אויסגעזען צו זיין נאָך שענער און אָנציענדיקער. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געוואַרט זי זאָל זיך אויס־דרייען אין זיין זייט, כדי צו קאָנען זי באַגריסן, זאָגן איר אַ „שלום" און דער עיקר — כדי צו הערן איר שטים, בעת זי וועט אים ענטפערן...

— שלום גברת! — האָט ער, ענדלעך, צו איר אַריבערגעשריגן.

— שלום אדון! — האָט זי מיט אַן אָנגענעמער, קלינגענדיקער שטים געענטפערט און, דערבייַ אַ לייכטן, פריינטלעכן שמייכל־געטאָן.

— ווי געפעלט אייך דאָ אין דער נייער קריה? — האָט ער געפרוווט אָנקניפּן מיט איר אַ שמועס.

— זייער גוט! — האָט זי געענטפערט און זיך אַרומגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן צי דאָס וואָס זי זאָגט, איז ריכטיק...

— אין וועלכן קיבוץ געפינען זיך אייערע ביידע ברידער? — האָט דאַני סתם זי געפרעגט.

— איר מאַכט אַ טעות, אדון — איר מיינט אוודאי אייער נייעם שכנס, דעם אדון ביבערפעלדס ביידע זין? איך האָב נישט קיין ברידער, כ'האָב קיינעם נישט... — האָט זי ווי אָפּגעהאַקט.

וואָס הייסט?... ווי אַזוי?...

— ווי אַזוי, פרעגט איר? — פשוט, אַזוי ווי ס'האָט פּאַסירט אין די מלחמה־יאָרן, מיט אַ סך טויזנטער אַנדערע יידישע קינדער...

דאַני האָט דערפילט אין איר ענטפער, אַז ער דאַרף זי מער וועגן דעם נישט פרעגן...

— מעג איך וויסן, וואָס געהערן אייך אָן די ביבערפעלדס, אונדזערע נייע שכנים? — האָט דאַני זיך באַמיט צו פאַרשאַטענען די פריערדיקע פראַגע.

— סתם גוטע מענטשן מיט וועלכע כ׳האָב זיך באַפריינדעט מיט אַ האַלב יאָר צוריק, אַ קורצע צייט נאָכן אָנקומען אין לאַנד אַריין. אַ דאַנק זייער טאָכטער מרים, האָב איך דאַן גלייך באַקומען אַרבעט אַלס רעטושערין אין אַ פאָטאָגראַפישער אַטעליע און ווין איך זינט דעמאָלט ביי זיי.

— האָט איר אויך דאָרט, פון וואַנען איר זענט געקומען, געאַרבעט אַלס רעטושערין?

— מיט עטלעכע יאָר צוריק, און דאָס — בלויז אַ קורצע צייט. פאַרן אַהערקומען בין איך געווען סטודענטין אויפן פילאָזאָפישן פאַקולטעט.

— ווי כ׳פאַרשטיי, האָט זיך אייך דאָרט נישט שלעכט געלעבט, וואָס האָט אייך באַוויגן...

— כ׳פאַרשטיי וואָס איר ווילט מיך פרעגן — איז אים דאָס מיידל פאַרויס־געלאָפן: ס׳זענען פאַראַן „דאָרט" זאַכן, וואָס כאָטש מען דערזעט זיי קוים מיטן אויג און מען דערהערט זיי קוים מיטן אויער — דריקן זיי שווער אויף אייער מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע ווירדע... „דאָרט" האָט מען מיך גערופן פעליציאַ און דאָ רופט מען מיך צפורה. דאָ טראַכט איך נישט פון מיין יידישקייט — און דאָס איז גוט...

צווישן דאַניין און צפורהן האָט זיך פאַרבונדן אַ לענגערער שמועס, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז די טונקלקייט פון דער צופאַלנדיקער נאַכט האָט לאַנגזאַם פאַרווישטביידנס געזיכטער.

* * *

דאַני האָט באַדאַרפט אין אַ געוויסן טאָג אַריבערפאָרן אויף אַ צווייט אָרט אין צפון פון לאַנד, אויף אַ גרויסער נייער בוי־אַרבעט. אָבער מיט צוויי טעג פריער, פאַרן באַשטימטן טערמין, איז ער גערופן־געוואָרן צו גיין באַשיצן דאָס, וואָס איז שוין געוואָרן אויפגעבויט...

ווען דאַני האָט באַגינען זיך געזעגנט מיט דער היים, און נאָכן צעקושן זיך מיט טאַטע־מאַמע און מיט די ברידער זיינע — פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר — האָט אויך צפורה, שטיל, נישט אויפצוועקן די ביבערפעלדס — געעפנט די טיר און מיט גיכע טריט געלאָזט זיך גיין דורך דער לאַנגער, שמאָלער גאַס — אַהין ווו זי האָט זיך נאָך נעכטן אין אָוונט אָפגעשטימט

צו טרעפן מיט דאַנין.

דאַני איז אין יענעם ווינטערדיקן ערב־באַגינען אין דער קריה נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געזעגנט מיט זיינע נאָענטסטע און אַוועקגעאיילט ערגעץ־ווו....

צפורה האָט, ווי אַ קמיע, אַרומגעטראָגן אין איר בוזעם דאַניס אַ קליינע פאָטאָגראַפיע, וואָס זי פלעגט אין אומרויקע מינוטן צודריקן צום האַרץ און מורמלען: ווערסט צוריקקומען... מוזט צוריקקומען...

* * *

דאַני איז צוריקגעקומען, אָבער — נישט גלייך אין שטוב אַריין, נאָר אין אַ מיליטעריש שפּיטאָל, ווו ער איז נאָך אַ צייט ליגן — אַרויס פון לעבנס־געפאַר.

נישט לאַנג נאָכן ווערן אויסגעשריבן פון שפּיטאָל און אַהיימגעשיקט, איז דאַני געזעסן מיט צפורהן אויף ביבערפעלדס טעראַסע, און מיט דער פּראָטעזע אין אַ לעדערנע הענטשקע — צוגעהאַלטן אַ ראָזלעכן בויגן פּאַ־פּיר און מיטן ווייזפינגער פון דער צווייטער האַנט — געפירט איבערן געצייכנטן פּלאַן פון זייער וווינונג, וואָס דאַרף לויט זיין אויסרעכענונג, פאַרטיק־ווערן צוויי וואָכן פאַר זייער חתונה.

— אָט אין דער זייט — ווייזט ער איר אָן מיטן פינגער — אַז ס'וועט אונטערקומען קינדער... — וועט מען קאָנען צובויען נאָך אַ צימער. אַזוי איז עס אויך געווען ביי אונדז אין שטוב און אין דער גאַנצער קריה... יאָ צפורה, ס'גאַנצע לעבן באַשטייט פון בויען — ספּעציעל מיינס... דאָרט, ווו ס'איז דאָ לעבן — מוז מען בויען, און דאָרט ווו מען בויט — איז דאָ לעבן...

דער ערשטער מישלינג פון קיבוץ גלויות...

ווי איינגעפּאַסט אין אַ ברייטער און טיפער גרינלעך־ברוינער ראַם, זענען די געלבלעך־גרינע שטיינערנע הייזלעך פונעם געוועזענעם אַראַבישן האַלב־דאָרף און האַלב־שטעטל, געלעגן אינדערטיף פונעם טאָל, אַרומגענומענע מיט די בראשיתדיקע בערג־מאַסיוון.

אין דער שטילקייט פונעם אויפגייענדיקן בלאָלעכן פאַרטאָג, האָט דע־טורעמזייגער פון איינעם פון די קלויסטער־ס צופוסנס דעם מזרחדיקן באַרג — לויטער און מעלאָדיש אויסגעשלאָגן עטלעכע גלאָקן־קלאַנגען, וואָס האָבן מיט ווייכן אָפּקלאַנג זיך צעטראָגן איבערן טאָל.

אויסער די מאָנאַכן און נאָנעס וואָס האָבן באַוווינט די קלויסטערס, און אויסער עטלעכע אַלטע אַראַבקעס, און דעם פּאָליציי־פּאָסטן ביים אַריינפאָר־כביש, וואָס האָט זיך געשלענגלט באַרג־אַ־אָפּ צום טאָל — האָט זיך אונטן, אינעם ספק דאָרף, ספק שטעטל, קיין לעבעדיקער נפש נישט געפונען אונטער די איינגעשלאָסענע פלאַך־דאַכיקע הייזלעך.

מיטן אַרויסשווימען פון דער זון איבער די מזרחדיקע בערג־רוקנס איבער וועלכע ס'האָט אַ פלייץ־געטאָן מיט גאָלדיקער ליכטיקייט — האָבן זיך איבערן באַרג־אַראָפּ פונעם געשלענגלטן כביש באַוויזן אָנגע־פּראָפּטע לאַסטאויטאָס מיט נייע עולים, מיט נייע יידישע איינוווינער, אַרום זיי, איינגעשלאָפענע ווי אין הינערפלעט — האָבן זיך יעדן טאָג, דאָ און דאָרט ווידער צעעפנט טיר־און־פענצטער, און מענטשלעכער אָטעם, מענטשלעך קול — האָט אין זיי צוריק אַריינגעברענגט לעבן.

אינעם טאָל, ווו דאָס שטעטל איז אַ צייט לאַנג שוין געלעגן אין די נעכט איינגעטונקען אין געדיכטער פינצטערניש, האָבן איצט מיט יעדן טאָג, מיטן אָנקומען פונעם אָוונט, פון אַלץ מער הייזלעך געגומען אַרויס־

לייכטן דורך די פענצטער געלבלעך־רויטלעכע פײַערלעך פון נאַכט־לעמפּלעך, וואָס האָבן, מיטן וואַקסן פון דער נאַכט־פינצטערניש, אַלץ שאַרפער געוווּנקען אינדערוויַיט...

צווישן די נייע עולים, וואָס האָבן זיך דעם ערשטן טאָג אַראָפּגע־לאָזט מיט לאַסטמאַשינען צו די שמאָלע פאַרשטומטע געסלעך אין טאָל, האָבן זיך אויך געפונען „אברהם אבוני״ און די „מאַמע רחל״ מיט זייערע זיבן קינדער. מיט די דאָזיקע נעמען האָבן די עולים פון אייראָפּע, שוין אויף דער שיף — געקרוינט דעם טוניסער ייד אליהו בן כהן און זיין ווייב תרצה; זיך געהאַלטן פונדערווייטנס פון די „שוואַרצע״ און — געוואָרן דערפאַר אָפּגעצאָלט מיט פאַרהאַסטע בליקן און מיט אַן אומ־פריינטלעך געמורמל וועגן די „שיכנזים״, די „וואָס־וואָס״...

— אָט, מיט וועמען ס׳קאָן אונדז אַמאָל אויסקומען צו לעבן אין שכנות... — אָט האָסטו זיי אונדזערע יידישע ברידער, וואָס צוויי טויזנט יאָר געשיכטע האָט כמעט נישט אָנגערירט זייער הלבשה און לעבנסשטייגער — האָט סאַלעק גוטמאַן אָנגעוויזן זיין פרוי עוואַן, אויפן לאַנגן און שמאָלן אליהו און זיין ווייב תרצה, וואָס זענען איינגעהילטע אין גרויסע ווייסע טיכער פון צווייפלהאַפטער ריינקייט — געזעסן אויף דער שיפדעק צווישן זייערע זיבן קינדער — מיט באָרוועסע פאַרלייגטע פיס אונטער זיך. אליהו בן כהן איז געזעסן מיט אָפּגעדעקטע פונאַנדער־געשפּרייטע שפּיציקע קני; דאָס שטייפע טונקל־ברוינע קאָפּל, וואָס האָט דערמאָנט אַן איבערגעקערטן קוגלשאַרבן — פאַרוקט אין אַ זייט פון זיין גלאַטיק־אָפּגעשוירענעם ביינערדיקן קאָפּ; מיט הנאה געגלעט זיין לאַנגע גראָלעכע באָרד; שלוהדיק געפּיפּקעט זיין נאַרגילע, און פון אונטער די אַראָפּהענגענדיקע געדיכטע ברעמען — געוואָרפן זייטיקע בליקן צו זיין תרצהן, וואָס איז געזעסן אַ פאַרטועטע מיט פּוצן מיט אַ שפּיץ פון איר לאַנגן טוך — די ברייטע געזילבערטע רינגען וואָס איבער די קנעכלעך פון אירע באָרוועסע פיס, — בעת פון איר שטערנטיכל, איבער איר איינגעשרומפּן פּנים — האָבן אַראָפּגעפינקלט גאָלדענע און זילבערנע פעדים פון דער אויסגעהאַפטענער קרוין...

ווי דאָס האַרץ האָט אַלעקס גוטמאַנען אונטערגעזאָגט — אַזוי איז

געווען: די אשכנזים זענען אינעם פרישן וווינאָרט, אינעם ספק שטעטל, געווען אין אַ קליינער מינדערהייט. און כאָטש „אברהם אבינו" און די „מאַמע רחל" מיט זייערע זיבן קינדער האָבן זיך באַזעצט אין איינס פון די הייזלעך וואָס זענען געווען ווי אַריינגעוואַקסן אינעם באַרג ביים ראַנד פון כביש, און די גוטמאַנס האָבן זיך באַזעצט אין איינס פון די געסלעך אין טאָל — האָבן די גוטמאַנס באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט ווו די „שוואַרצע" האָבן „באַהערשט" דעם גאַנצן געביט... אָבער נישט אַזוי שנעל ווי עס רעדט זיך — טוט זיך. געטראַכט וועגן דעם, האָט סאַלעק גוטמאַן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג ער איז אַרומגעגאַנגען און געזוכט אויפן הימל אַ סימן פון פרנסה.

וואָס האָט אָבער אין אַזאַ האַלב־שטעטל האַלב־דאָרף געקאָנט טאָן אַזאַ מענטש ווי סאַלעק גוטמאַן, וואָס איז ביז צום מלחמה־אויסברוך געווען אין דער אַלטער היים אַ האַנדלס־אַגענט, און בעת דער מלחמה און אַ געוויסע צייט נאָך דער מלחמה — געווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַ „ספעץ" אין אַ זאַוואָד פון „וואַלענקעס" (ווויילאָק־שטיוול)?

געזען, אַז פון די מיטגעבראַכטע זאַכן וואָס ער פירט אָפּט אַוועק צום פאַרקויפן קיין ירושלים, וועט ער לאַנג נישט קאָנען שפּייזן אַ משפחה פון פינף מיילער, האָט סאַלעק גוטמאַן נאָך אַן ערנסט זאַכלעך דורכשמועסן זיך מיט זיין עוואַן — אויסגעפּועלט מען זאָל אים צוטיילן אַ פאַרלאָזט אַראַביש געוועלבל אויף צו עפענען אַ שפּייזקראָם.

מיטן ביסל שנעל־דערוואָרבענע העברעישע און אַראַבישע ווערטער און מיט דער מיטהילף פון די פינגער פון די הענט, האָבן די גוטמאַנס זיך גאַנץ גוט פאַרשטענדיקט מיט זייערע „שוואַרצע" קונים און, ביסלעכווייז געוואָרן מיט זיי גאַנץ נאָענט באַפריינדעט. אין צווישנצייט האָבן זיך אין זייערע שכנות באַזעצט עטלעכע משפחות פריש־אָנגעקומענע יידן פון פוילן און רומעניע און — די גוטמאַנס זענען געבליבן זיצן אויפן אָרט.

ס'איז אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר. די שפּייזקראָם מיט דער שילד „מכולת־גוטמאַן" איז שוין געווען איינגעאָרדנט און גוט באַקאַנט צווישן אַלע איינוווינער פונעם טאָל. סאַלעק און זיין פרוי עוואַ האָבן שוין גע־

קענט גאַנץ פריי רעדן עברית און אפילו אַראַביש. זייערע קינדער זענען געגאַנגען אין בית־ספר, געוואָרן גאַנצע „סאַברעס" און געהאַט חברים „שוואַרצע".

מיט דער צייט האָט זייער עלטסטער זון מרדכי — פריער מיעטעק — געענדיקט דעם „תיכון" און אַריין אַרבעטן אין אַ באַנק אין ירושלים.

זינט זמרה, „אברהם אבינוס" און די „מאַמע רחלס" אַכטע קינד, וואָס איז מיטן „עלית הנוער" געקומען אין לאַנד אַריין מיט אַ יאָר פריער פאַר זיי, האָט אַן אונטערגעוואַקסענע, אָנגעהויבן זיי פון צייט צו צייט באַזוכן — איז אין זייער שטוב פאָרגעקומען אַ גאַנצע איבערקערעניש: זייער אין באַרג־אַריינגעוואָקסן הייזל איז געוואָרן ריינער און לופטיקער; פון אליהו בן כהן און זיין ווייב תרצה איז געוואָרן אויס „אברהם אבינו" און „מאַמע רחל"; אליהו בן כהן און זיין ווייב תרצה האָבן אויפגעהערט אַרומגיין באָרוועס; ער האָט אָנגעהויבן טראָגן אויף זיך אַ שטיקל אייראָפּעישן מלבוש מיט אַן אַלטן געלבלעכן שטרויענעם הוט מיט אַ ברייטער אַראָפּגעלאָזטער ראַנד, אָדער אַ לייכט קליין קאַפּעלע; זיין תרצה, וואָס האָט נאָך זמרהס אַריינרעדן אין איר — ענדלעך אויסגעטאָן די ברייטע געזילבערטע רינגען פון די פיס און דאָס שטערנטיכל מיט דער געהאָפטענער קרוין — איז אַרומגעגאַנגען אין אַ געדיכט־געבלימט קלייד ביז די קנעכלעך, און אויך אין אַזאַ געבלימט קאָפּטיכל; דער בלינדער זון, וואָס האָט אויך דאָ געאַרבעט מיטן טאַטן ביי שטריקפלעכטן, האָט אָנגעהויבן טראָגן הויזן... איין מיידל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון כעמישע אויסאַרבעטונגען, די איבעריקע קינדער זענען געגאַנגען אין בית־ספר, און זמרה — נאָך אונטער די פליגל פון „עלית הנוער" — איז אָנגעקומען אין דער שולע פאַר דיפּלאָמירטע קראַנקנשוועסטער ביי דער „הדסה".

* * *

כמעט קיינער פון די איינוווינער אונטן אין טאָל, אויך די גוטמאַנס — האָבן נישט געוווּסט, ווער און וועמענס איז די מזרחישע טויזנט־חנעוו־

דיקע שיינקייט, וואָס פלעגט פון צייט צו צייט אַזוי פלוצים זיך באַווייזן אין די שמאָלע באַרגיקע געסלעך, און אַזוי פלוצים אויף אַ צייט ווערן פאַרשווונדן.

ווער־ווער, אָבער דער עלטסטער זון פון די גוטמאַנס, דער יונגער גאָלדיק־בלאָנדער באַנק־באַאַמטער מרדכי גוטמאַן האָט זי שוין יאָ גוט געקענט, ווי זמרה — אים.

באַקענט האָבן זיי זיך גאַנץ צופעליק, אין אַן אויספלוג צום אויבערשטן גליל.

שוין עטלעכע חדשים ווי די גוטמאַנס האָבן באַמערקט, אַז אין זייער עלטסטן זון קומט עפּעס פאָר אַ גרויסע ענדערונג אין זיין גאַנצער האַלטונג; עפּעס קומט ער לעצטנס זייער אָפט אַהיים שפּעט פון דער אַרבעט, איילט זיך תמיד, שווייגט מער ווי געוויינטלעך און — טאַטע־מאַמע האָבן אָפּגעפילט, אַז עס באַהאַלט זיך הינטער דעם אַ ליבע־געשיכטע, און באַשלאָסן האָבן זיי: אים גאָרנישט צו פרעגן, נאָר געדולדיק וואַרטן ביז דער „בלאָטער" וועט זיך אויסשטיין...

אויך זמרה, האָט מיט גאָרנישט דערמאָנט אירע עלטערן וועגן דעם, אַז זי „גייט" מיט אַ אשכנזי, אַ באַנק־באַאַמטן, וואָס זיינע עלטערן האָבן אונטן אין טאָל אַ „מכולת". זי ווייסט, אַז דאָס וואָלט ביי זיי געווען אַ גליק און אַ גרויס כבוד... — אָבער, צו וואָס זאָל זי רעדן — אַז זי ווייסט נאָכנישט ווי זיינע עלטערן וועלן קוקן אויף דעם?!...

לויט דעם ווי זמרה האָט דעם ערשטן טאָג פון איר באַקאַנטשאַפט מיט מרדכין, געשילדערט פאַר אים ווו אירע עלטערן וווינען און פון וואַנען זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין — האָט זיך מרדכי דערטראַכט וועגן איר שטאַנד און יחוס... אין זיין זכרון האָט מיט איינמאָל ווי אויפגעטויכט דאָס אויסזען פון „אברהם אבינו" און פון דער „מאַמע רחל" מיט די זיבן קינדער און, ס'האָט זיך אים דערמאָנט דער שטרענגער אָנזאָג פון זיינע עלטערן: זיך צו האַלטן פון זיי פונדערווייטנס...

אָבער וואָס פאַר אַ ווערט און באַדייטונג האָבן איצט געהאַט פאַר מרדכין „שטאַנד" און „יחוס" — אַנטקעגן זמרה'ס נעזל און מויל פון ייעלכן ס'האָבן אַרויסגעלויכטן אירע קליינע פערלדיקע ציין... וואָס פאַר

אַ ווערט און באַדייטונג האָט דאָס אַלץ געהאַט — אַנטקעגן איר העל־אליוו פנים פון וועלכן ס׳האָבן געקוקט אויף אים אַ פּאָר גרויסע, גוטע מאַנדל־אויגן...

נאָך דעם ווי עווא גוטמאַן האָט איינמאָל, געפינענדיק זיך אין ירושלים, צופעליק באַמערקט פונוויַיטנס איר מרדכין מיט אַ מיידל, וואָס האָט איר אויסגעזען צו זיין באַקאַנט פונעם געסל ווו זי האָט איר „מכולת״ — איז זי אין שטוב צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל איר זאָגן ווער און וועמענס זי איז, און מרדכי, אַנגעמענדיק זיך מיט האַרץ — האָט איר אַלץ אויפגעקלערט און, איידער זי איז פון דער שווערער איבעראַשונג געקומען צו זיך — כמעט ווי אויסגעשריגן: מאַמע, עס קאָן אַנדערש נישט זיין און ס׳וועט אַנדערש נישט זיין! מאַך נישט דערפון קיין טראַגעדיע, ווייל ס׳איז דערין קיין שום טראַגיש נישטאָ!

נישט אַזוי לייכט ווי מרדכי האָט עס געוואָלט שילדערן פאַר זמרהן — האָבן די גוטמאַנס געגעבן זייער הסכמה צו ווערן מחתנים מיט „אברהם אבינו״ און מיט דער „מאַמע רחל״.

נישט קיין גאַנץ יאָר נאָך מרדכיס חתונה מיט זמרהן, איז אינעם האַלב־שטעטל, האַלב־דאָרף, צוגעקומען אַ נייער, יונגער בירגער — דער ערשטער „מישלינג״ פון קיבוץ־גלויות...

אויף אַ מינוטקעלע...

— פרוי פּיין, מען קאָן צו אייך? — שלום גברת!

— וואָס איך גיי נישט ווייטער, פרעגט איר? — אַ דאַנק, איך קאָן נישט. איך האָב אָפּן געלאָזט מיין טיר, זיך אַרויסגעריסן בלויז אויף אַ מינוטקעלע. געוואָלט ביי אייך בעטן אַ קליייניקייט — אפשר פאַרמאָגט איר פרוי פּיין, אַ שטיקעלע קנאָבל?

צו וואָס קנאָבל אין אַ פשוטן מיטוואָך?

— „מיינעם" האָט אָנגעשמעקט אַ שטיקל איינגעדעמפּט פלייש — נו, זאָל ער האָבן אַ הנאה פון זיין לעבן...

— איך האָב געוואָלט, וואָס אַן אמת, אַריינלויפן צו דער פון אַנט־קעגן, ווי רופט מען זי דאָרט, צווישן אונדז זאָל עס בלייבן, מייטעלע קלעפּערל — האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן ביז איר וועט צוריקקומען פון דער צרכניה.

איר ווייסט דאָך פרוי פּיין, איך זאָל עס פאַרן מויל נישט ברענגען. זי קאָן פאַררעדן אַ וועלט, און היינט האָב איך צו איר קיין צייט נישט.

— וואָ־אָס? דאָס קליידל וואָס איך טראָג — אַ שיינער מוסטער זאָגט איר?

— איר הערט דאָך — אויסגעגאַנגען די גאַנצע הערצל־גאַס, אינדער־לענג און אינדערברייט, ביז איך האָב עס מיר צוגעקליבן.

עס געפעלט אייך, אַ יאָ, פרוי פּיין? ווער עס זעט עס, פרעגט מיך, ווו איך האָב עס געקויפט — גאָר זי, איר קאָנט זי דאָך, די פון צווייטן געסל, לינקס, וואָס האָט דעם ווייסן פודעל — איר געפעלט עס נישט!

— איר ווייסט נישט וועמען איך מיין? — אָט די, וואָס דער מאַן אירער אַרבעט אין דער גרויסער אונטערנעמונג.

יאָ יאָ, פרוי פּיין, דער לאַנגער הערינג, וואָס האָט איצט ווידער צוגעבויט.

צוליב דעם אַט, האָט איר געדאַרפט פאַרן אַ־אַזש קיין חיפה — האָט זי מיר אַ זאָג־געטאָן מיט אַ שטאָך...

— אפשר קאָנט איר פאַרשטיין, פרוי פיין, אַזעלכע ווערטער?

— איר ווייסט דאָך יאָ, איך זאָל עס פאַרן מויל נישט ברענגען, אין וואָס פאַראַ מעמד זי איז געקומען אין לאַנד אַריין... נו יאָ, אַז דער מאַן איז געוואָרן אַ גאַנצער „יא טעביע דאם" אין דער פאַרטיי קאָן מען שיין רעדן... — איר הערט, פרוי פיין, ער האָט זיך אַריינבאַ־קומען אויף אַ פאָסטן, אַ שמאַלצגרוב!

וואָס זאָגט איר? עס פאַרציט זיך אַביסל אינדערזייט! נו יאָ. איר ווייס עס אַליין — זי האָט עס מיר אָפּגעקלאָגט! באַגראָבן!

— איר הערט, פרוי פיין, וויפל מאָל איך האָב זיך שוין געגעבן דאָס וואָרט, איך זאָל מער נישט אַריינגיין צו אָט די קאַליקע, דעם שליאָך — נאָר כ'מוז דאָך, איך האָב דען אַן עצה? — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד, אַז איך בין שטענדיק פאַריאָגט און פאַר־פלאָגט, פשוט נישטאָ קיין צייט פאַר אַ מענטש אַ וואָרט אויסצורעדן — איז ווי אַזוי קאָן איך זיך אָוועקלאָזן ביי אַ צוויי קילאָמעטער צו דער גוטער שניידערין?

— אַז איר גיט איר שוין עפּעס אויפּצונייען, ליגט עס ביי איר אָפּ וואָכן לאַנג, און לסוף — נעמט איר עס אָפּ ביי איר פאַרשמוצט אין פאַרפלעקט.

— איך בעט אייך, פרוי פיין! עס זאָל נישט קומען פאַרן מויל — ווי קאָ־אָן אַ מע־ענטש ליגן אין אַזאַ שמוץ?

ס'איז נישט מיין פערד, און נישט מיין וואָגן, אָבער אַ מענטש אַן אַ קינד און אָן אַ רינד... קיין וווּנדער נישט, אַז שטענדיק ליגט מען אין פרעמדע שטיבער, מען מוז וויסן וואָס עס טוט זיך ביי יענעם אין טעפּל און מען האָט די גאַנצע שכונה אויף דער צונג — נו, איז נישטאָ ווען די שטוב צו ברענגען אין אָרדענונג.

— וואָס פרעגט איר? ווי לאַנג עס איז נאָך איר חתונה?

— אין מינוטקעלע טייערע — יאָ, איר חתונה איז געווען געניי אין דער זעלבער וואָך — איך גלויב אַז איר געדענקט דאָס, — ווען דעם

נהג׳ס פרוי, מיט די קרומע אויגן, האָט געפּאַטשט די פרוי צוויקל.

— איר ווייסט נישט ווער מען איך מיין?!

נו, די וואָס רעדט מיט דער „סין״ און הייסט זיך געבן אַ „סעכ־טעלע סוועבעלעך״, די גבאיטע פון עזרה הדדית.

נו, ווי מיינט איר, פרוי פיין? צווישן אונדז זאָל עס בלייבן — איז זי דען דעמאָלט נישט גערעכט געווען די... מיט די קרומע אויגן?

אַז מען האָט אין דער משפחה אַ געהאַנגענעם, טאָר מען נישט זאָגן, הענג מיר אויף דעם ראָק...

אמת „נישט מיין פערד און נישט מיין וואָגן״, אָבער ווו נעמט מען זיך די חוצפה אַזוי צו באַשמוצן יענעמס טאָכטער? אפשר נישט אינגאַנצן אומזיסט... — איך זאָל עס פאַרן מויל נישט ברענגען... — ווען דיין אייגענע זלאָטקע, אַ מויד, אַ ריז, געזונט ווי אַ ניס, האָט פלוצים, נישט דיר נישט מיר, אין אַ פראָסטן מיטוואָך געבוירן אַ זיבעלע...

—איצט פאַרשטייט איר שוין, פרוי פיין, פאַרוואָס מען האָט דעמאָלט אַזוי צוגעאיילט מיט דער חתונה?... עס איז שוין איינמאָל אַ חתונה! נו, זאָגט אַליין, פרוי פיין, האָט עס געהאַט אַ זין, אַז אַזעלכע קבצנים זאָלן דוקא וועלן נאָכטאַנצן די נגידים?

מען האָט זיך דאָך פאַרבאָרגט ביז איבער די אויערן, ווו נאָר אַן אָרט, האָט מען גענומען. איר ווייסט דאָך יאָ, פרוי פיין, אַז איך האָב פיינט אַריינשטעקן מיין נאָז אין יענעמס געשעפטן. אָבער צו וואָלט עס נישט גלייכער געווען, טייערע, ווען מען שטעלט אַ חופה ביים רב און מען גיט דאָס יונגע פּאָרפאָלק די אָנגעבאָרגטע פונטן? זיי האָבן דאָך געוווּסט, אַז דער חתן איז אַ האָלצענער פאַרדינער!... נו יאָ, — זיי האָבן דאָך שוין געמוזט צושטימען צום שדוך...

וואָס אַן אמת, האָב איך איר, זלאָטקען, געגעבן אַ דרשה־געשאַנק פון אַריבער זעקס פונט די ווערט, אין דער צייט ווען דאָס שטענדיק געשמינקעוועטע ליאַלקע־פּנימל, דעם אינזשעניערס ווייבעלע, וואָס איך פאַרמאָג נישט איר מיסט, — האָט איר געקויפט עפּעס אַ וואַזאַניקל, וואָס האָט זיכער נישט מער געקאָסט ווי אַ דריי פונט.

— וואָס זאָגט איר? זי זעט אויס אַ סך יינגער פונעם אינזשעניער?

— טייערע! ער איז דאָך מיט מער ווי צוואַנציק יאָר עלטער פון איר! כאָטש אַ געלער, אָבער אַ העכסט אַנשטענדיקער מענטש... יעדער איינער פרעגט טאַקע, ווי קומט דער באָרשט אין דעם זאַק אַריין? .

נו יאָ, פרוי פיין, וואָס טוט מען נישט צוליב גרייצערס?

צווייטנס, שטעלט זי אים צו צוויי הערנער הינטער זיינע פּלייצעס..

— און איר גלויבט אפשר, פרוי פיין, אַז דער לולן קומט צום אינזשיניער בלויז כדי צו כאַפּן מיט אים אַ קערטל? הא־א? וואָס נישט? נו יאָ, אַזוי טראַכט אויך דער אינזשיניער... נאָר בעסער מען רעדט נישט, אַ פערד האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן נישט רעדן און אַ מענטש האָט אַ קורצע און טאָר נישט... וואָס מיינט איר, פרוי פיין, איך וווּנדער זיך אויפן לולן? ער איז דאָך אַ יונגער און שיינער מענטש — ווי קומט ער צו זיין ווייב?.. נו יאָ, קיין גרויסער פאַרדינער איז ער נישט — האָט ער חתונה געהאַט מיט אירע רייכע אַמעריקאַנער פעטערס... וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — די שטוב איז אָנגעפּיקעוועט מיט כל־טוב, פון אַ פרידזשידער, גאַזקיך, וואַשמאַשין, ביז די טייערסטע ציכן און ליילעכער, און אַלץ — בלאַנקט, פּעכלט און פינקלט ביי איר אין יעדן ווינקעלע.

— וואָס פרעגט איר? צי זי נעמט אַריין אַ מענטש אויף „ספּאָנדזשע"?

— ווי־ווען? וואָס פאַרא מענטש? אַלץ אליין! אז דאָס פאַרגינט זיך נישט רעכט אָפּצועסן, מיינט, אַז ער וועט איר שטעלן אַ גאָלדענע מצבה. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, נעבעך אַ רחמנות אויף דעם פאַרנאַרייטן ווייבל, זי איז דאָך אינגאַנצן דער הפוך פון איר קוזינקע, ליזען, דעם קאָנפעקציע־סוחרס פרוי. אַזוי ווי זי פאַרגינט זיך נישט און האָט דער־פאַר אַ פנימל פון אַן אתרוג — אַזוי וויל זיך יענע נישט קאַליע־מאַכן די מאַניקירטע פינגערלעך, פאַרברענגט אַ פערטל פונעם טאָג ביים שפּיגל, און נאָר מען גייט אַרום און מען נאַשט... נאָר ווען מען גייט דאָס אָן? אָבער איר הערט דאָך, פרוי פיין. עס זאָל ווייטער נישט קומען... — דעם דענטיסטס פרוי האָט מיך באַשוווירן איך זאָל פאַר קיינעם קיין הויך פון מויל נישט אַרויסלאָזן, אַז דער קאָנפעקציע־סוחר האָט זיך פאַרטרויט פאַר איר מאַן, אַז זיין ווייב רויניר אים

אינגאנצן. עס שטייט אים פשוט פאַר צו באנקראַטירן — דאָס צאָלט זי אים אָפּ פארן אַרויסנעמען זי פון אַן אָרעמער שטוב, אין איין העמד און אין איין קעצקע אויף זיך.

— וואָס זאָגט איר? שיינע קינדער?

יאָ, אָבער דאָס עלטסטע מיידל איז דאָך פון זיין ערשטער פרוי; ערשט איצט, האָט ער זי גענומען באַוויינען — נישט קיין ווונדער, טייערע!... ווען איר וואָלט נאָך געוועזן וויסן, וואָס פאַר אַ פינצטער מזל דאָס מיידל האָט ביי איר, ווי זי ווערט ביי איר אויסגעריסן; — איך וויל שוין בעסער נישט רעדן, גלייכער מען שווייגט...

— וואָס־וואָס? דעם דענטיסט פרוי מיינט איר? —

אוודאי שוין אַ יאָר צען — איר זעט אַז עס מאַכט זיך נישט... אוי וואָלט זי נעבעך געוואָלט!... זי עסט זיך פשוט אויף! מען זאָגט עס זאָל ווייטער נישט קומען, אַז ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען... אָבער איך מיין, טייערע, אַז די סיבה איז נישט ער, נאָר זי... נאָך מיידלוויז, דערציילט מען, געוועזן נישט קיין געזונטע, נאָר מען האָט עס אַלץ פאַרדעקט, פאַרשמירט...

— פון וואַנען איך וויים דאָס אַלץ?

הארציקע! איר ווייסט דאָך יאָ, אַז מיר גייט ווייניק וואָס אָן, וואָס עס טוט זיך ביי וועמען, נישטאָ אויך דער קאָפּ אין די צייט דערצו...

— נאָר די מעשה איז אַזוי:

דער ראש העיר איז דאָך פון דער זעלבער געגנט. אַ שטעטל ביי אַ שטעטל, פון וואַנען עס איז איר שוועסטערס מאַן...

— צי איך קאָן אים?

אַ שיינע פראַגע, צי איך קאָן דעם ראש העיר!

איר הערט דאָך, פרוי פיין, זיין שוואָגער...

— וואָס זאָגט איר, הארציקע?! עפּעס ברענט?!

אוי, אַ בראָך איז צו מיר, איך האָב דאָך שוין נישט קיין טעפּל!...

נא דיר איינגעדעמפּטס! אַז די שמד וואָלט עס זיך נאָכגעגעבן!...

בלויז אַרויסגעכאַפּט זיך אויף אַ מינוטקעלע...

א קרבן פון חמסין.

קוים שלעפנדיק די פיס, האָט עזריאל זיך באַוועגט מיט לאַנג־זאַמע מידע טריט אַהיים נאָך זיין אַרבעטסטאָג אין משרד.

דער חמסין, וואָס האָט שוין אָנגעהאַלטן אַ וואָך צייט, האָט נישט נאָר אָפּגענומען דעם כוח און דעם חשק צו אַרבעטן און זיך באַוועגן, נאָר אפילו די פעיקייט קלאָר צו טראַכטן.

אינעם ערשטן און אין צווייטן חמסין־טאָג, האָט ער געטראַכט, אַז ער האַלט געוויס ערב קראַנק־ווערן. איצט אָבער, שרעקט ער זיך פאַר עפּעס ערגערס: אַ קראַנקער — ווייסט מען — האָט נאָך האָפענונג געזונט צו ווערן, אָבער די עלטער, קוים הייבט זי אָן צו שפּרייזן פאָרויס — ווייסט זי נישט פון קיין צוריק...

געקומען אַהיים, האָט עזריאל פאַר מידקייט נישט געקאָנט אפילו מאַכן זיך אַ „דוש״. אויף זיין ווייבס פראַגע „זאָל איך דערלאַנגען צום טיש?״ האָט ער בלויז אַ שאָקל־געטאָן מיט אַ נישט „ניין״ און נישט „יאָ״ און אַריין אין מקלחת וואַשן זיך די הענט.

ווי ווענדיק לויז־מאַכן זיך פון אַ שווערער מאַסע, האָט זיך עזריאל אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, אויסגעשטרעקט די פיס, און פונאַנ־דערלייגנדיק מיט אַ טיפן זיפץ, די הענט איבער דער ברייט פונעם טיש אויף וועלכן ס׳איז שוין געשטאַנען פאַר אים דאָס מיטאָג — גע־בליבן אומבאַוועגלעך זיצן מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן וואָס מער לופט אין זיך אַריינאָטעמען, לויז־ווערן פון דער בליי־ערנער שווערקייט און — זיצן אַזוי, לאַנג זיצן מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך נישט באַוועגן...

נאָכן אָפּזיצן אַזוי אַ פיפצן־צוואַנציק מינוט, האָט זיך עזריאלן געגומען אויסדאַכטן, אַז ער זיצט שוין אַזוי אַ צייט־לאַנג, אַן אייביקייט...

און ער האָט מורא־באַקומען פאַר דער אַרומיקער שטילקייט און פאַר זיין אומבאַוועגלעכקייט...

עס איז אים מיט איינמאָל איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז אַט אַזוי זעט מסתמא אויס דער טויט, אָדער דער איבערגאַנג פון לעבן צו טויט... און —געפרוווט קאָנטראָלירן צי האָלט עס שוין טאַקע אַזוי שלעכט מיט אים...

— אויב איך טראַכט — האָט ער זיך געטראַכט — עקזיסטיר איך דאָך! און אפשר — האָט ער צוריקגעטראַכט — איז עס דאָס לעצטע ביסל „טראַכטעניש", וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין מיין מוח — פאַרן אַריבערפעקלען זיך אויף דער אַנדערער זייט?...

ער האָט געפרוווט אַ באַוועג־טאָן מיטן רעכטן פוס — אפילו שווערלעך, אָבער ס׳גייט... מיטן לינקן פוס — דאָס זעלבע... מיט די הענט — ס׳גייט אויך... עזריאל האָט שוין אפילו באַשלאָסן אויך צו עפענען אַן אויג און זיך אַרומקוקן און זען צי ער זעט ווי ער איז אינדערוועלט... אָבער מיטאַמאָל איז אים געקומען אויפן געדאַנק: ווי וואָלט עס באמת געווען, ווען ער, עזריאל גייט טאַקע איצט אַוועק פון דער וועלט?! די דאָזיקע אַרויסגערופענע פאַרשטעלונג, האָט זיך גע־נומען שנעל אַנטוויקלען אין זיין מוח און פאַרווישן די גרענעצן פונעם רעאַלן און אומרעאַלן: ער הערט שוין דייטלעך די פאַרדעמפטע קלעפּ פון די לאָפּאַטעס ערד, וואָס ווערן אַריינגעוואָרפן אין זיין קבר... הערט דאָס שטילע געוויין פון זיין רבקהלען; ער זעט זי דורך אַ קוים־געעפנט שפּעלטל פון זיין רעכטן אויג — ווי זי שטייט הינטער אַ לאַנגן, שוואַרצן שלייער — ביי זיין פאַרשאָטענעם קבר... ער זעט ווי זי ווישט אירע שיינע, גרויסע אויגן — מיטן הימל־בלאָען זיידענעם נאָזטיכל — איינס פון די, וואָס ער האָט איר מיט פופצן יאָר צוריק געקויפט אַ האַלב טוץ. אויך זיין עלטער יינגל וואָס שטייט דערנעבן, וויל וויינען נאָר קאָן נישט, און לסוף — פאַרגאַפּיעט ער זיך אויף אַ טשאַטע דורכ־פליענדיקע טויבן...

בקיצור — אַלץ ביז אַהער, איז געווען נאָרמאַל — ווי אין אַזעלכע פאַלן... און ער האָט נישט געהאַט קיין סיבה זיך צו ערגערן... אָבער

שאַ, וואָס איז דאָס?! ווער איז עס דער הויכער ברונעטער מאַן מיט די גלאַט־פּאַרקעמטע פּאָמאַדירטע האָר און פולע פריש־ראַזירטע ראָז־לעכע באַקן?! אַ פאַרשוין וועמען ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען — טוט פלוצים מיט אַן עלעגאַנטן פאַרנויג, אַ נעם זיין רבקהלען אונטערן אָרעם און לאָזט זיך מיט איר איילִיק אַרויסגיין פונעם בית־הקברות... עזריאל האָט פון גרויס איבעראַשונג אויפגעצי־טערט... ער איז שיער נישט אויפגעשפּרונגען — נאָר עס נישט געטאָן, דערפאַר, ווייל ער האָט געוואָלט זען, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען, און אויך וואָס פרויען זענען פעיק, ווען דער מאַן טוט פלוצים אַ שטאַרב אַוועק...

ער האָט נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטן — דאָס ווייטערע איז גע־קומען זייער שנעל: ער זעט אים שוין, דעם געזונטן חברה־מאַן, זיצן ביים טיש אויף זיין אָרט... און ער הערט ווי זיין רבקהלע זאָגט צוביידע קינדער — אָנווייזנדיק מיטן פינגער, אויף איר נייעם לעבנס־באַגלייטער:

— דאָס איז אַ גוטער דוד, איר דאַרפט אים האָרכן ווי אייער אבא און אויך רופן אַזוי...

דער נישט „געפאַקטער" אבא רופט צו זיך צו ביידע קינדער. דער עלטערער וויל נישט צוגיין און לויפט אַרויס פון שטוב. דאָס יונגערע צעוויינט זיך, רייסט זיך אַרויס פון אים און לויפט צו צו דער מאַמען און כאַפּט זיך אָן, אָן איר קלייד... זי, זיין רבקהלע — לאַכט קאָקעטיש, ווייזט אירע געזונטע, ווייסע ציין, און ער — אַ געמיינער חוצפּהניק! — ווייזט דעם יונגערן קינד אויף זיין פּאַסיק און דראָט אים... און זי, רבקהלע, שטייט דערביי און שמייכלט צו איר נייעם באַשערטן, שמייכלט שעלמיש, אַזוי ווי אַמאָל — צו אים.

עזריאל איז ווידער גרייט־געווען זיך אַ ריס־צו־־טאָן פון אָרט. אָבער — זיך גלייך באַזינט און באַשלאָסן אויסצוטרינקען דעם ביטערן כוס ביז צום סוף — זען, ווי ווייט עס קאָן דערגריין די אומגעטריישאַפט פון אַ פרוי, וואָס האָט שוין אַ סך יאָרן אָפּגעלעבט מיט אַ טרייעז, אָנשטענדיקן מאַן... און געזען האָט ער, ווי זי פירט אַרום דעם פול־

בלוטיקן פאַרשווין, פון איין צימער אין אַנדערן, פירט אים אַריין אין שלאָפצימער און ווייזט אים די שיינע אויסמעבלירונג מיטן ברייטן בעט, וואָס ער האָט ערשט מיט אַ יאָר־צוויי צוריק, געקויפט.

איידער עזריאל איז געקומען צו זיך פון באַליידיקונג — עפנט זיין רבקהלע די קליידערשאַנק, נעמט אַרויס זיין העל־גראָען זומער־אַנ־צוג, וואָס ער האָט מיט עטלעכע וואָכן צוריק זיך געלאָזט אויפנייען, און זי טוט אַ זאָג צום חוצפּהדיקן נפש, וואָס האָט זיך ברייט צעלייגט אויף זיין אויסלייגשטול:

— הערסט זיגפריד — זאָגט זי צו אים, — אָט דער העל־גראָער. כמעט נייער אַנצוג, וועט דיר זייער קליידן — פאַר אַ טונקל־ברונעטן איז דאָס די פּאַסיקסטע פאַרב. און זיגפריד, וואָס אַזאַ נאָמען געדענקט עזריאל נישט צווישן זיינע פריינט און באַקאַנטע — האָט זי אַ נעב־געטאָן צו זיך אויף די קני, און ביידע, אַרומגענומענע איינער אין אַנ־דערנס אָרעמס — האָבן זיך לאַנג און לײדנשאַפטלעך געקושט... דאָ האָט זיך שוין עזריאל נישט געקאָנט מער באַהערשן, געוואָלט זיך געבן אַ וואָרף אויף זיי און זיי צעררייסן אויף שטיקער... אָבער אין דעם מאָמענט האָט אים ווער אָנגעכאַפּט פאַרן אָרבל און גענומען טרייסלען... אָן אָפּגעגאָסענער מיט שוויס, האָט עזריאל אויפגעריסן די אויגן און דערזען נעבן זיך טאַקע „זי" אַליין, זיין רבקהלען: — האַ, וואָס איז דאָס פאַראַ אַנטשלאָפן־ווערן ביים טיש, נישט אָנרירנדיק אפילו דאָס עסן?! וואָס זענען עס פאַראַ מאָדנע קולות?! — כ'האָב עס דאָך דער־הערט אין קיך און זיך פּשוט דערשראָקן — וואָס איז מיט דיר, האַ?

די שלייפן האָבן אים געהאַמערט; די אויערן האָבן באַנומען דעם קלאַנג פון אירע ווערטער, ווי זיי וואָלטן געקומען פון וויט, פון אַ צווייטער וועלט, און די אויגן זיינע, ווי פאַרשכורטע — האָבן געקוקט אויף איר מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק...

— וואָס גייט עס דיר פּלוצים אַזוי שטאַרק אָן דאָס געזונט פון אַ מאַן, וואָס איז מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון דיר?

— כ'פאַרשטיי נישט וואָס דו רעדסט — האָט אים רבקהלע אָנגע־קוקט מיט פאַרוואונדערונג. — דיין געזונט איז מיר שטענדיק אָנגע־

גאַנגען, און דו ביסט דאָך שטענדיק געווען מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון מיר!...

— יאָ, אָבער נישט מיט גראָע האָר אויפן קאָפּ — ס׳איז נישט צו פאַרגלייכן אַזאַ מאַן, מיט אַ נאָך־יונגן פולבלוטיקן ברונעט מיט גלאַט־פאַרקעמטע פאָמאַדירטע האָר פון עפּעס אַ זיגפריד...

— גאָט איז מיט דיר! וואָס לעפּעטשעסטו ווי פון היץ? וואָס פאַרא גלאַט־פאָמאַדירטע האָר?! — האָט זיך רבקהלע געלאָזט גיין צו דער קיך, פונוואַנען עס האָבן זיך געלאָזט הערן אירע קולות צום ייִנ־געלע: וואָס האָסטו שוין ווידער אָפּגעטאָן?! האָסט אַ נס, וואָס דער טאַטע איז נישט געזונט!.. מיין אָבער נישט, אַז נאָר דער טאַטע קאָן שלאָגן דערפאַר! אַז זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, מיטן טער־מאָמעטער אינדערהאַנט, האָט עזריאל, אָפּגעהאַקט אַדורכגעזיפּט מיט כעס, דורך די ציין: דערוויל לעב איך נאָך! קיינער, מעג ער אפילו הייסן זיגפריד, וועט אויף מיינע קינדער קיין פינגער נישט אַרויפלייגן...

— וואָס איז עס שוין ווידער פאַראַ זיגפריד! ביסטו, חלילה, חסר־דעה, צי וואָס? — איז רבקהלע געבליבן שטיין מיט אַ האַלב־אָפן מויל.

— אָבער זאָג מיר נאָר, רבקהלע — האָט זיך עזריאל צו איר געווענדעט מיט אַ ביטערן שמייכל און געצוווּנגענער געלאַסנקייט. — ווען למשל, די שעה זאָל נישט קומען... און איך... דיין גראָער מאַן, וואָס האָט מיט דיר אָפּגעלעבט אַכצן יאָר, זאָל פּלוצים נישט ווערן...

— וואָלט עס טאַקע געווען פאַר דיר אַזאַ שטאַרקער קלאַפּ? וואָלסטו געווען געזאָגט דאָן „אין מיין גרויס בענקשאַפט און טיפן טרויער נאָך אים — וועט קיין צווייטער מאַן זיין אָרט נישט פאַרנעמען”?

—גאָט איז מיט דיר, עזריאל! ס׳ערשטע מאָל זינט איך האָב מיט דיר חתונה־געהאַט, הער איך היינט פון דיין מויל אַזעלכע אידיאָטישע רייד און אַזעלכע קלאָץ־קשיות. ווען דאָס, גאָט באַהיט, געשעט מיט מיר?..

— האָסטו דיר אַ פאַרגלייך! איך בין דאָך שוין אַן עלטערער גראָער מאַן — ווער וואָלט זיך, ווען חס וחלילה... מיט מיר אינטערעסירט — אָדער דו — דו ביסט דאָך יונג...

— און דו ביסט אַלט? ווער־ווער, אָבער איך ווייס דאָך, אַז דו

ביסט נאָך געווען יונג... געהאַט מסתמא אַ שלעכטן חלום...

דורך עזריאלס מוח איז דורך אַ פרישער פאַרדאַכט:

— סאַראַ כיטרע קאַץ דאָס איז! — אויב דו ווייסט שוין יאָ, וואָס מיך האָט געדאַרפט חלומען, איז עס דאָך ווידער נישט סתם אַזוי אַ חלום... ——

— אָט גיי איך שוין צוואַרעמען דאָס עסן — האָט רבקהלע איבער־געריסן זיין פרישע טראַכטעניש. — האָסט זיכער פאַרגעסן, אַז מיר האָבן נאָך היינט ערגעץ צו גיין! דער חמסין האָט זיך שוין געענדיקט, וועסט זיך אָפּראַזירן אין נעמען אויף זיך דעם העל־גראָען אַנצוג אין וועלכן דו זעסט אויף אַן אמת אויס ווי אַ יינגערמאַנטשיק...

עזריאל האָט געטאָן אויף איר אַ זייטיקן פאַרשנדיקן בליק:

— ווי מיינסטו, וואָלט נישט דער העל־-גראָער אַנצוג בעסער גע־פאסט פאַר אַ יונגן טונקל־ברונעטן מאַן, עפּעס אַ...

— נו, זאָג שוין — עפּעס אַ, זיגפריד...

עזריאל האָט אויפגעריסן די אויגן און ארויס אויף איר מיט אַן אמתן ירגזון:

— זאָג! פאַרוואָס עפּעס דוקא אַ זיגפריד? פאַרוואָס עפּעס דוקא א זיגפריד?!...

—— דערפאַר, ווייל דו האָסט שוין היינט נישט איין מאָל אָנגערופן דעם דאָזיקן נאָמען.

— בלויז דערפאַר? בלויז דערפאַר? — האָט ער כמעט געשריגן פון פאַרדאַכט...

ווען עזריאל איז פאַרנאַכט געגאַנגען געאָרעמט מיט זיין רבקהלען איבער איינע פון די רוישנדיקסטע גאַסן אין שטאָט, האָט ער אין יעדן יונגן „ברונעט" מיט גלאַט־אָרויפגעקעמטע פאָמאַדירטע האָר — געזען אַ „זיגפריד", וועמענס אויגן ס׳האָבן זיך ווי אָפּגערעדט — צו־זאַמענגעטראָפן מיט זיין רבקהלעס דורכדרינגלעכן בליק, הינטער וועלכן ער האָט געזען אַ באַהאַלטענעם סוד.

אַז מען האָרכט אַ ווייב...

ווי זאָגט די וועלט: „אַז ס'איז באַשערט אַ צרה, קומט עס אין שטוב אַריין. כ'מיין עס אַנטקעגן אַמעריקע... אַמעריקע האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט!... כ'מיין די אַמעריקאַנער קרענק, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ האַלבע וועלט און בתוכם — מיין עטלען; אויך זי, מיין עטל, האַלט, אַז אַן אַמעריקע קאָן מען נישט לעבן...

דעם אמת געזאָגט, האָט מיין עטל קיינעם נישט אין אַמעריקע. דערפאַר טאַקע האָט זי זיך געטאָן אַ פאַרלייג אויף מיר, אַז נישט אַנדערש. נאָר כ'מוז למען השם, זען אויפזוכן אין אַמעריקע מיין פעטער „סעם" מיט דער מומען „מערי", וואָס אין דער אַלטער היים, אין זייער שטעטל סמאַרגאָן, האָט ער געהייסן שמעלקע. און זי — מייטל.

וואָס אַן אמת, האָט דעם פעטער אויך אין סמאַרגאָן נישט געפּאַסט דער נאָמען שמעלקע.

געווען איז ער אַ ייד, אַ ליטוואַק פון הויט־און־ביינער, דערפאַר אָבער— מיט אַ רונדער גלאַנציקער ליסינע און מיט אומרויק אַרומלויפנדיקע שאַרפע אייגעלעך און מיט אַ שפּיציקער נאָז, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ניוכען אַרום זיך... געווען ווי מען זאָגט עס — אַ כיטראַק, אַ „צלם־קאָפּ", וואָס האָט מיט איין דריי מיטן דיקן פינגער געקאָנט פאַרקויפן גאַנץ סמאַרגאָן מיט מיר און מיט אייך צוזאַמען... טאַקע צוליב אַזאַ צו שטאַרקן דריי, וואָס האָט אים שיער נישט אַריינגעדרייט אין חד־גדיא — האָט ער אין אַ שיינעם העלן מיטוואָך געמוזט עוקר־זיין פון שטעטל און אַוועק קיין אַמעריקע. וואָס שייך דער מומע מיינער: אַ נידעריקע קוואַדראַטנע יידענע מיט אַ צוויי־פאַכיקן פעטן גוידער, און מיט אַן אָפענעם „אַספאַר" פון איר שטענדיק־פאַרשאַרצטן קלייד פון וועלכן מען האָט געקאָנט קוועטשן אייל... — פאַר איר איז דער נאָמען „מייטע" געווען ווי אָנגעמאָסטן...

ווי ס׳קומט צו מיר, אַ פעטער אַ ליטוואַק? וועגן דעם אַ צווייט־מאָל. הכלל, מיין עטל האָט מיך יעדן טאָג, ווי נאָר כ׳פלעג נאָך דער אַרבעט איבערטרעטן די שוועל פון שטוב, מיך נעמען מאַנגלען מיטן זעלבן פּזמון:

— װעלוועשי קרוין, ווי לאַנג נאָך וועסטו זיין אַזוי איינגעשפּאַרט? קיינער וועט דאָך נישט וועלן גלויבן, אַז אַ מענטש וואָס האָט אין אַמעריקע אַ פעטער אַ „בעזדיעטניק״ אַן אַדורכגעטריבענער ליטוואַק, וואָס ווייסט אפשר אַליין נישט וויפל ער פאַרמאָגט — האָט נאָכן אָפּ־זיין גאַנצע אַכט יאָר אין לאַנד, נישט געפּרוווט אים אויפזוכן, געבן פון זיך צוּוויסן אַז מיר זענען דורך אַ נס אַרויס מיטן לעבן פונעם גרויסן גיהנום. וועסט דאָך װעלוועשי — האָט זי מיר יעדעס מאָל גע־געבן צו פאַרשטיין — אַריינזעצן אין זיי אַ פרישע נשמה... צווייטנס, דאַרפסטו וויסן, זענען דאָס מענטשן „בעזדיעטניקעס״, וואָס האָבן פשוט נישט אויף וואָס צו באַנוצן זייער אָנגעזאַמלט גוטס... — קען דען אַ מענטש וויסן וואָס דער מאָרגן קען ברענגען... — און דאָ איז נישט פאַראַן קיין קינד און קיין רינד... — דו ווייסט דאָך גאָרנישט, װעלוועשי, וויפל מענטשן עס שטעלן זיך אויף די פיס, ווערן פשוט אויפגעריכט אַ דאַנק אַמעריקע! נישטאָ קיין איין איינוווינער אין דער שכונה, וואָס זאָל נישט האָבן עפּעס באַקומען פון דאָרט: ווער אַ פריזשידער, ווער אַ וואַשמאַשין, אַ נדן פאַר אַ טאָכטער, אַ צושטייער אויף אַ שכון, וועגן פּעקלעך מיט קליידונג, וועש און בעטגעצייג — איז דאָך שוין אָפּגערעדט. דו קענסט דאָך — זאָגט זי מיר — די זייפנבלאָז, נו, דאָס גאַליציאַנער ווייבל, וואָס רירט זיך נישט אָן איר קודלאַטן, באַוואַקסע־נעם הינטל, וואָס זעט אויס ווי אַ שמאַטע צו ווישן די פּאָדלאָגעס: געדענקסט דאָך ווי זי פלעגט שטענדיק טראָגן אויף זיך איין און די זעלבע „קעצקע״ וואָס איז שוין געווען אויסגעמאָרדעוועט און אויסגע־ריבן — אַז ס׳איז שוין נישט ווערט־געווען פאַר אַ צווייער פעפער־דערין אַריינצולייגן, און דעם מאַן אירן, דער פּקידטשיק, קענסטו דאָך אויך, געדענקסט דאָך ווי ער פלעגט יום־טוב, ווי אינדערוואָכן, און ווינטער און זומער, נישט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אַתאַ־הייזלעך מיטן

אַתאַ־העמדל. וואָס האָט שוין דער מענטש אַלץ נישט געטאָן אַרויסצו־
קריכן פון דער בידע און — ווי אַ טויטן באַנקעס... ביז... זיי האָבן
נישט אָפּגעזוכט עפּעס ווייטע קרובים אין אַמעריקע, וועלוועשי קרויק,
דו ווייסט גאַרנישט וואָס פאַראַ איבערקערעניש, אויפרעכטעניש, ס׳איז
פאַרגעקומען אין זייער שטוב! די שאַנק ברעכט זיך דאָך פונעם באַקו־
מענעם גוטס! אָט די אַלע קליידער, וואָס דער פקידטשיק האָט פלוצים
אינדערוואָכן גענומען אין זיי אַרומפּאַראַדירן — דאָס אַלץ איז פון אַמעריקע.
די פרוי זייפנבלאָז האָט פאַר מיר אַליין געעפנט די שאַנק און אָפּגע־
ציילט פאַר מיר גאַנצע זעקס און דרייסיק ליילעכער, פינף און פופציק
האַנטטוכער, זעקס טוץ נאָזטיכלעך, צוואַנציק טישטוכער און וויפל ציכן,
ציכלעך און סערוועטקעס! כ׳זאָג דיר — אַ הורטקראָם!...

מיין עטל האָט ענדלעך געבראָכן מיין עקשנות און כ׳האָב דורך פאַר־
שידענע אופנים און וועגן גענומען מאַכן אַ יאַגד אויפן פעטער סעם
און דער מומע מערי, ביז... כ׳האָב אין איינעם אַ טאָג דערהאַלטן פון
זיי אַ קורץ בריוול מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

מיר זענען גליקלעך צו הערן פון אייך! מיר האָבן אייך אַרויסגע־
שיקט אַ פּעקל. שרייבט גלייך צי איר האָט עס דערהאַלטן. האַרטלי־
גריטינגס. אַנקל סעם.

איבערגעלייענט דאָס בריוול, איז מיין עטל אַריין אין די פעדערן
און גענומען מיט מיר לערנען אַ קאַפּיטל, אַז „מען דאַרף שטענדיק
האָרכן אַ ווייב״... און צום סוף צוגעגעבן: הלוואי, ווי אַ שטראָף אויף
דיר, זאָלן זיך אין פּעקל נישט געפינען קיין מענערזאַכן...

אויף צעפּיקעניש דער אָדער יענער שכנטע, האָט מיין עטל באַלד
געוואָלט אויספּויקן פאַר דער גאַנצער שכונה, וועגן דעם פּעקל וואָס
גייט פאַר אונדז פון אַמעריקע... מיט גרויס מי איז מיר אָבער געלונגען
זי דערווייל אָפּצוהאַלטן דערפון — ווי לאַנג זי האָט עס נישט אין
דער האַנט...

אָפּנעמען דאָס פּעקל, זענען מיר געגאַנגען ביידע צוזאַמען, און
איבערן גאַנצן וועג — ערנסט געשוויגן — זייענדיק יעדער באַזונ־
דער פאַרנומען מיט די געדאַנקען וועגן דעם אינהאַלט פונעם פּעקל.

דאָס פּעקל איז געווען אַ גאַנץ שווערס, אַזוי, אַז מיר האָבן עס טאַקע ביידע געמוזט טראָגן.

אַ זיגערישע, מיט פאַרשוויצטע ליפּן — האָט זי געשפּאַנט פאָרויס מיין עטל, און איך, הינטער איר — מיט אַ קריטישן שמייכל פון ספקות...

קוים אַריבערגעטרעטן די שוועל און אַראָפּגעלאָזט דאָס פּעקל אויף דער ערד, האָט מיינע פאַרשלאָסן די טיר, אַ כאַפּ־געטאָן אַ מעסער און זיך אַ לאָז־געטאָן ווי אַ רוצח דורכשניידן די שטריקלעך. מיט אַן איינגעגעהאַלטענעם אָטעם האָב איך גענומען זיך איינקוקן אין יעדע זאַך וואָס מיין עטל האָט אַרויסגעשלעפּט פונעם קאַרטאָן און, אויפהייבנדיק עס הויך אַנטקעגן אירע אויגן — באַטראַכט מיט אַ פאַכמענישן בליק און — אָט איז דער אינהאַלט פונעם פּעקל: דריי פּאָר אויסגעטרעטענע ריזיקע דאַמען־שטעקשיך אין וועלכע ס'איז נישט מעגלעך געווען צו וויסן ווו ס'איז דער פאָרנט און ווו דער הינטן; צוויי טוץ אַלטע קראָ־וואַטלעך מיט משונהדיקע שרעקלעך שרייענדיקע דעסנס; אַן אייזער־נער ניסקנאַקער מיט אַ קאָפּ פון אַ זשאַבע; אַ פּאָר גרינע מענערשיך מיט שאַרפע שפּיצן ווי די שפּאָנעס פון אַ רויבפויגל; אַ טלית־זעקל מיט אַ זילבער־אויסגעהאַפטענעם מגן־דוד און מיט אַן אויפשריפט „מעיד אין או. ס. אַ", און אין טלית־זעקל — אַ מעטאַלענע וואַרעמ־פלאַש און אַן אַלט טעשל קאַרטן; אַכט דאַמענטאַשן אין פאַרשידענער פאַרב און פון פאַרשידענע עפּאָכעס; אַ מענער־אַנצוג פון אַ מייערן־קאָ־ליר, פון אַ צוויי־מעטער־לאַנגן פאַרשוין מיט אַ זעקס און דרייסיקער טאַליע; זעקס פּודערשקעטעלעך; אַ העל־ברוינער אויסגעפּוצטער, פלו־שענער דריי־פּערטל־זשאַקעט, וואָס די מומע מייטע האָט אים נאָך גע־טראָגן אין סמאַרגאָן; ניין פּאָר שעלקעס; דריי פאַרביקע מעקסיקאַנער שטרויהוט; אַ רענצל פון אַ גאַזמאַסקע; אַ פּאָר פּינף־קילאָ־שווערע גומי־שטיוול, ביידע פון איין פוס; פּינף לייכטע דאַמענזשאַקעטלעך מיט רויטע, בלאָע און געלע טאַשמעס און מיט עפּאָלעטן און מעשענע קנעפּ, און גאַנצע צען שמאָלע לאַקשן־לאַנגע קליידלעך, צו וועלכע מען האָט געדאַרפט זיין אַן אַקראָבאַט — בכדי זיך אין זיי אַריינצובאַקומען און פון זיי אַרויסצוקריכן...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, נאָך יעדע פּריש־אַרויסגענומענער זאַך, האָט זיך געביטן די פאַרב אויף מיין עטלס פּנים. איך בין געשטאַנען אין דער זייט און מיט אייזערנע צוואַנגען זיך איינגעהאַלטן נישט אַרויסצופּלאַצן מיט אַ נקמה־געלעכטער...

מיין עטל איז אָבער נישט פון די „צוויי פאַר אַ דרייער", כאָטש זי האָט נישט געקוקט אין מיין זייט, האָט זי גוט געזען מיין נאָז... און זי האָט מיט אַ מאַסקירטן כעס און פאַרדרוס, גאָר זיגעריש אַ פרעג־געטאָן:

— וואָס קוקסטו מיט אַזאַ קעלבערנער פאַרוווּנדערונג, לעקיש מיינער! וואָס איז זיך צו וווּנדערן! פאַרוואָס פאַרשטייסטו נישט, אַז דאָס איז בלויז אַ פּראָבע־פּעקל. ער האָט דאָך דייטלעך געשריבן „שרייב מיר באַלד אויב איר האָט עס דערהאַלטן", דאָס הייסט: אויב יאָ, וועל איך ריזיקירן און אַרויסשיקן דאָס אמתע פּעקל... — אַ מענטש אַ ליטוואַק, אַ „בעזדיעטניק", וואָס ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיטן אָנגעזאַמלטן גוטס, וועט דאָך נישט פּלוצים, נישט־דיר־נישט־מיר, משוגה־ווערן און שיקן אַזאַ קראַם...

זי האָט דאָס מיר אַזוי איבערצייגנדיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז כ'האָב אָן דעם מינדעסטן פּרווו זי איבערצושפּאַרן — מסכים־געווען מיט איר אויספיר.

אויב ס'האָט ווער באמת אַ הנאה געהאַט פונעם פּעקל, זענען דאָס געווען מיינע צוויי יונגלעך און אַ האַלבע גאַס שכנותדיקע קינדער, וואָס האָבן אין פּורים זיך פאַרשטעלט מיטן גוטס פון מיין פעטער סעם און דערמיט אַרומפּאַראַדירט אין די געסלעך פון דער שכונה.

אַז מיר האָבן זיך אָווקגעזעצט נאָכטראַכטן וואָס פאַראַ בריוו מיר דאַרפן ענטפערן דעם פעטער סעם, טוט זיך מיין עטל פּלוצים אַ קלאַפּ אין שטערן אַריין, ווי זי וואָלט באַקומען אַ ביס פון אַ בין, און זי טוט מיט אַ טאָן פון העכערקייט אַ זאָג צו מיר:

— דו ווייסט דאָך וועלוועשי, אַז איך בין נישט פון די „צוויי פאַר אַ דרייער"! מיר איז איינגעפאַלן אַז דו זאָלסט אין דעם בריוו גאָר־נישט דערמאָנען פון קיין שום פּעקלעך. דו דאַרפסט אים בלויז מיט

פינטעלעך אָפּדאַנקען פאַרן דערהאַלטענעם... ערשטנס, ווייל ס׳קאָן גע־מאָלט זיין, אַז גראָד מיט אַ ווערטפול פעקל זאָל עפּעס־וואָס פּאַסירן און, צווייטנס... ווייל נישט בלויז אינעם באַקומען אַ פעקל, ליגט די גאנצע „הוידע מיט דער דאַנע״... מיין קוק דערגרייכט אַ ביסל ווייטער... ס׳גייט אין דעם, ווען זיי קענען זיך אָט אַ ביסל אַראָפּכאַפּן אַהער, זיך דורכרעדן מיט אונדז פון מויל צו מויל און זען מיט די אייגענע אויגן זייערע נאָענטע, ווי זיי לעבן און מיט וואָס מען קען זיי אַרויס־העלפן... — דאָס זעסטו, וואָלט געווען גאָר עפּעס אַנדערש, דאָס איז דיר שוין נישט קיין בריוו קיין שמיוו... פאַרגעס נישט וועלוועשי — האָט זי לסוף מיט גרויס ערנסט צוגעגעבן — אַז זיי זענען „בעזדיעט־ניקעס״... אָן קינד און אָן רינד...

איך קוק אויף איר און קען נישט צעקייען צו וואָס זי צילט: רעדט זי ערנסט אָדער אין שפּאַס. מיין עטל נעמט זיך אָבער נישט איבער פון מיין פאַרשנדיקן בליק און, טוט מיך אומגעדולדיק ווידער אַ פרעג:

— וואָס קוקסטו שוין ווידער אויף מיר מיט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן. לעקיש מיינער!.. — נעם און שרייב אַז: אַזוי ווי אין דעם יאָר פאַלט גראָד אויס דער שנת־העשור פון דער יידישער מדינה, און צו די פייערלעכע אימפּרעזעס און אַקאַדעמיעס, וואָס וועלן זיך ציען אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, האָבן שוין אָנגעהויבן קומען פון אַמעריקע צענדליקער טויזנטער טוריסטן, וואָלט דער פעטער סעם דורכויס געדאַרפט אויס־נוצן די גרויסע געלעגנהייט און זיך אַראָפּכאַפּן מיט דער מומען קיין ישראל, ווו ער וועט, אויסער דאָס באַקענען אונדזער שיין לאַנד, וואָס ער וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן — פאַראייניגס זיך קענען זען און אָנפרייען זיך מיט די אייגציק פאַרבליבענע נאָענטע קרובים פון אייראָפּע.

אָנגעשריבן דעם בריוו — געגנוי ווי מיינע האָט מיר דיקטירט און, אים אָוועקגעשיקט, — איז נאָך שנעלער ווי מיר האָבן זיך גע־ריכט — געקומען אַן ענטפער פון פעטער סעם.

אינעם בריוו שרייבט ער, אַז ער איז מיטן גאַנצן האַרץ פאַר אונדזער פאָרשלאַג. נאָר ליידער זענען די אַלע האָטעלן, רעסטאָראַנען

און אַרומפּאַרענישן, נישט פאַר זיין „מאני“ און אַז „מאַני“ קען ער זיך אין וועג אַריין נישט לאָזן.

אַז כ׳האָב געהויבן מיט די אַקסלען און געזאָגט, אַז כ׳פאַרשטיי נישט וואָס אָדער וועמען דער פעטער סעם מיינט מיטן נאָמען „מאַני“, וואָס האַלט אים אָפּ פון קומען קיין ישראל — האָט מיר מיין עטל אויפגעקלערט, אַז דאָס מיינט ער דער מומע מייטע, ווייל „מייטע“ איז דאָס זעלבע וואָס מאַניע, און מאַניע — וואָס מרים. און אַז פון מרים קאָן ווערן „מערי“, קאָן פון מאַניע אויך ווערן „מאַני“... און אַזוי ווי די מומע מייטע, מאַני הייסט עס, קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס אַרומ־שלעפן זיך איבער די האָטעלן, און רעסטאָראַנען, מוז ער ליידער בלייבן זיצן אין אַמעריקע.

נו, זאָג איך, איז דאָך אויס מיטן גאַנצן פּלאַן... ענטפער זי מיר: „ביסט אַ לעקיש — ס׳איז נאָך בעסער ווי פריער, ס׳איז פאַר אונדזער טובה“...

שטעל איך אָן אַ פּאָר אויגן: וואָס הייסט, נאָך בעסער? און ווי אַזוי — פאַר אונדזער טובה?!

ענטפערט זי מיר: אויף דעם הייס איך עטל! זעץ זיך אַוועק און שרייב אָט וואָס: צו אונדזערע טייערע פעטער און מומע, וועמען מיר ווינטשן אַ געזונט און לאַנג לעבן! אייער בריוו האָבן מיר דערהאַלטן. מיר האָבן אייך גוט פאַרשטאַנען. מירן גלייך געטראַכט, אַז עס זענען נישט פאַר אייך — ספּעציעל — נישט פאַר דער מומען — די האָטלן, רעסטאָ־ראַנען און די אַלע אַרומשלעפּענישן; אַז איר דאַרפט האָבן רו און זיך געפינען צווישן נאָענטע און אייגענע — און ווער ליבער פעטער און מומע קאָן נאָך זיין צו אייך מער נאָענט און אייגן, ווי מיר?... זאָל אייך גאָר־נישט אָפּהאַלטן. קומט אומבאַדינג צו פאָרן, איר וועט אונדז פּשוט דער־האַלטן ביים לעבן! איר וועט ביי אונדז האָבן אַ באַזונדער צימער מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן און אונדזערע מאכלים וועלן אייך נישט ווייניקער שמעקן, ווי אין אייערע דאָרטיקע רעסטאָראַנען. אייערע שטאַרק־אויסגע־בענקטע: וועלוועלע און עטל שפּיצקאָפּ.

געענדיקט דאָס שרייבן, גיט זי מיר צו פאַרשטיין: „צי וואָס זאָלן

זיי צעטרענצלען טויזנטער דאָלארן אויף האָטעלן, רעסטאָראַנען און אַרומ־שלעפענישן? גלייכער, אַז דאָס געלט זאָל בלייבן אין זייערע טאַשן...

געזען אַז מיינע איז טאַקע נישט פון די „צוויי פּאָר אַ דרייער". האָב איך איר געגעבן גערעכט און — וואָס זאָל איך איך זאָגן... איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך געטאָן ביי מיר אין שטוב ווען מיר האָבן דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פון פּעטער סעם, אַז זיי מאַכן שוין אַלע פאָרברייטונגען אין וועג אַריין און, אַז מיטן מאָמענט ווען זיי וועלן האַלטן ביים אַרויפגיין אויף דער שיף, וועט ער ספּעציעל „קייבלען".

נאָך איידער כ'האָב באַוויזן זיך צו דערוויסן, וואָס דער פּעטער סעם מיינט מיטן וואָרט „קייבלען", זענען שוין אַלע זאַכן איןביידע צימערן געשטאַנען אַריינגערוקט אינדערמיט, און מאַליאַרעס האָבן שוין מיט שפּאַכטלען געשאָבן די ווענט; מיין עטל האָט שוין נישט געהאַט קיין צייט אויף אָפּקאָכן אַ ביסל מיטאָג... און ביידע יונגלעך האָבן שוין געמוזט מאַכן זייערע שעורים אויף דער מרפּסת.

כאָטש מיין עטל האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז מען דאַרף האַלטן אויף זיבן שלעסער דעם סוד פון פּעטער סעמס באַזוך אין לאַנד, — האָט שוין אויף צומאָרגנס, די גאַנצע שכונה געוווּסט, אַז צו אונדז קומען אַמעריקאַנער קרובים און... אַז מיר האַלטן ביים אויפגעריכט ווערן...

* * *

ווען פון פּעטער סעם איז אָנגעקומען דער קורצער טעלעגראַם: היינט דינסטיק זענען מיר אויפגעשטיגן אויף דער „איזראַעל", האָב איך שוין, גאָט צו דאַנקען געהאַט אין טאַש די הלוואה פון צוויי הונ־דערט לירות, וואָס כ'האָב גענומען אין אַ באַנק.

צו וואָס אַ הלוואה, — ווען ס'דאַרף צו מיר קומען אַן אַמעריקאַנער פּעטער, וואָס ווייסט אַליין נישט וויפל ער פאַרמאָגט?... — דאָס האָב איך דאָך אויך געפרעגט... נו, האָט מיר מיין עטל אויפגעקלערט: מענטשן וועלן קומען מיט פרעמדע וואַלוטע, טשעקן... — און דאָ דאַרף

מען באַצאָלן דעם באַגאַזש־טרעגער, עפּעס טועם־זיין ביים בופעט, אַ טעקסי, אַ סינעמאַ, ווייזן דאָס לאַנד און... טאַקע נאָך צוויי מיילער צום עסן, און עסן וועט מען איצט נישט קאָנען אַבי־וואָס... מען מוז, וועלוועלע, קענען האַלטן פּאַסאַן...

אַ טאָג פאַרן אַנקומען פון דער שיף, האָט זיך שוין אין מיין שטוב געפונען פון כל־טוב, און מיין עטל האָט מיך אַ האַלבע נאַכט נישט צורו־געלאָזט און זיך געהאַלטן אין איין עצהן מיט מיר, ווי אַזוי עס איינצואָרדענען, ס׳זאָל אויסזען וואָס מער לייטישער... פאַרשטייט זיך, אַז צומאָרגנס בין איך שוין נישט געגאַנגען צו מיין באַשעפטיקונג. כ׳האָב גענומען פון מיין אַרבעטפּלאַץ צוויי וואָכן חופש אויף דער קאָנטע פונעם קומענדיקן יאָר, — בכדי אונטערצוהאַלטן די געסט.

מיטן שפּראָצן אויף טאָג, האָט מיין עטל אַרויסגעריסן כמעט אַ העלפט בלומען פונעם גאָרטן און, מאַכנדיק אַ ריזן־בוקעט, מיט וועלכן מיר האָבן זיך קוים געקאָנט אַריינבאַקומען אין אויטאָבוס — זענען מיר מיט די קינדער, אין אַ מזלדיקער שעה, געפאָרן באַגעגענען דעם פעטער סעם און די מומע „מאַני״...

איך ווייס נישט צי ס׳איז איבערהויפּט מעגלעך אָפּצושילדערן די סצענע פון דער באַגעגעניש מיטן פעטער סעם און די מומע מאַני; איך ווייס נאָר, אַז ווען ס׳איז געקומען צום צעקושן זיך מיט דער שווער־וואַגיעקר מומען, וואָס געהאַט, האָט זי, אַ קאָפּ שיטערע גראָע האָר געפאַרבט אויף אָראַנג־אוטאַנג־קאָליר און ברייטע רויט־געפאַרבטע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ גרויסע, בלוטיקע ווונד אויף איר ריזיק פּנים מיט לויזע פאַלדן און פעלדעלעך — האָב איך אויפן אָרט באַדויערט, וואָס כ׳האָב זיי צוגערעדט אַראָפּצוקומען אויף אַ באַזוך אין לאַנד אַריין... וואָס שייך דעם הויט־און־ביינערדיקן פעטער סעם, וואָס זיינע אומרויק־אַרומלויפנדיקע שאַרפע אייגעלעך זענען אַ ביסל מאַטלעך געוואָרן, די נאָז — אויסגעשפּיצטער, און דאָס בלאָנדע רעמל האָר אַרום דעם רונדן גלאַנציקן פּליך — גראָער — קאָן איך נאָר זאָגן, אַז ווען כ׳ווייס נישט אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער טוריסט — וואָלט איך געמיינט, אַז כ׳האָב פאַר זיך אַ פּורים־שפּילער אָדער

משוגענעם... ווייל וועלכער נאָרמאַלער מענטש ביי אונדז, וועט נישט־דיר־נישט־מיר, זיך אַרויסלאָזן אַנגעטאָן אויפן שפּיץ קאָפּ אַ קינדעריש קאַשקעטל אין זיבעצן קאָלירן; אַ שרייענדיק פאַרביק העמדל מיט אַ גאַנצן זאָאָלאָגישן גאָרטן אויף די פּלייצעס, און מיט אַ בלוטיקן קאַמף צווישן קאָוובאָיען און אינדיאַנער — פון פאָרנט... צום רימל, האָט ער נאָך געטראָגן אַ פּאָר שמאָלע הויזן פון אַ בלאָ געפעס־קאָליר, און אַ פּאָר האַלבע שיך מיט שפּיצן, ווי די שנאָבלען ביי רויבפייגל... דערפאַר אָבער האָט ער געטראָגן אַ פּאָטאָ־אַפּאַראַטל, פאַרוואָרפן מיט אַ רימען איבערן אַקסל...

* * *

נאָכן געבן מיינע בײדע יונגלעך, צו פּעקלעך מאַסטיק, מיר אַ פּייקע, וואָס איז גלייכצייטיק אַ טאַשנלעמפּל, און מיין עטלען — אַ ברעלאָקל אין דער פאָרם פון אַ מיני'אַטור־לאָרנעטע, וואָס דורך איין זייט האָט מען געזען וואַשינגטאָן און דעם פּרעזידענט אייזענהאַועך, און דורך דער צווייטער... דריי מוטער־נאַקעטע מיידלעך... — האָבן, דער פעטער סעם און די מומע מאַגי, זיבן טעג נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין עסן און שלאָפן, שלאָפן און עסן און, אויפן אַכטן טאָג — מיר פייער־לעך דערקלערט: „איזראַעל איז ע וועריי גוד ענד נייס קאַנטרי"... און עס גלייך איבערגעזעצט אין יידיש.

זיך גוט אויסגערוט, — האָבן מיר, נאָך אונדזער, פון פאַרויס־געמאַכטן פּלאַן — גענומען די געסט עטלעכע מאָל אין סינעמאַ און אין טעאַטער, געמאַכט מיט זיי טיולים איבערן לאַנד און געוויזן זיי אַלע זעווירדיקייטן און דעם גרויסן פּראָגרעס, וואָס דאָס לאַנד האָט געמאַכט זינט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה.

די צוויי הונדערט געבאָרגטע לירות זענען שנעל צעשוואומען, און — כ'האָב, אַן מיין עטלס וויסן, געבאָרגט ביי אַ פריינט אַ פרישן הונ־דערטער... ווייל וויסן דאַרף מען, אַז אויסער די צוויי צוגעקומענע מיי־לער, פונעם פעטער און — איבערהויפּט — פון דער מומען, וואָס האָט נישט סתם געגעסן... — האָבן מיר נאָך יעדן טאָג געהאַט וויזיטן פון ווילד־פרעמדע מענטשן וועמען דער פעטער סעם האָט דורך פּאָסט־

קאַרטלעך איינגעלאַדן אויף אָפּצוגעבן זיי אַ מינדלעכן גרוס און פּאַר־שידענע מתנות פון זייערע קרובים אין אַמעריקע. נו, אַז ס׳קומען מענטשן, זיצן און רעדן — קען מען נישט זיין קיין חזיר... איז — אַ קיכעלע, אַ פּרוכט, אַ ביסל באַנבאַנס, אַ גלעזל טיי... און איצט. אַז מען גייט אין שטאָט מיטן פּעטער סעם און דער מומע מאַני און, אויף אונדזערע פראַגן, ווי ס׳געפעלט זיי דאָס און יענץ פון די ישראלדיקע אויסאַרבייטונגען וואָס שטייען אַרויס אין די שויפענצטער — ענטפערט דער פעטער: „וועררי נייס, ביוטיפול! נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז כ׳האָב נישט אייער „געלד" — איז עס דאָך פּשוט און פאַרשטענדלעך, אַז ער מיינט צו זאָגן, אַז ער וואָלט עס גערן געקויפט, נאָר ער האָט נישט אונדזער וואַלוטע... — קען מען אויך נישט זיין קיין חזיר.. וואָס ו דער פּעטער סעם וועט חלילה אַנטלויפן?... אָבער אַז די פינאַנסן זענען שוין געשטאַנען גאַנץ שמאָל און ווו צו באָרגן איז נישט געווען, און דער פּעטער סעם האָט נישט געעפנט דאָס מויל כאָטש מיט דער קלענס־טער אָנדייטונג... און אויך נישט געעפנט צומאָל קיין איינע פון די אָנגעפּאַקטע וואַליזעס — איז שוין מיין עטל געוואָרן אַ ביסל אומ־רויק, און לסוף, געפּרווט אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן אַרויסצובאַקו־מען פון אים, מיט וואָס ער טראַכט אַרויסצוהעלפן זיין ברודער־זון. אויף איר פראַגע, מיט וואָס פאַראַ פּלענער דער פעטער טראָגט זיך אַרום, האָט ער געענטפערט:

— כ׳האָב פאַר אייך אַ „סעפּרייז", וועגן וועלכן מען וועט אין קו־צן רעדן.

איך האָב אָנגעקוקט מיין עטלען, מיין עטל האָט מיך אָנגעקוקט, ביידע האָבן מיר נישט געוווסט וואָס עס איז אַזוינס „סעפּרייז" און ביידע האָבן מיר זיך געשעמט אים צו פרעגן. ס׳איז פאַר אונדז גענוג געווען אַז ער זאָגט, אַז ער זאָגט — האָט ער דאָך!... מיר האָבן גע־פּרווט צו טרעפן אין וועלכע פון די אָנגעפּאַקטע וואַליזעס עס ליגט דער „סעפּרייז". און אפשר איז עס גאָר אַ זאַך וואָס גייט נישט אַריין אין א וואַליזע און געפינט זיך גאָר אין פאָרט צווישן די שווערע לאַ־דונגען? ווער ווייסט...

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכן אָפּעסן מיטאָג האָט דער פּעטער סעם פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס, אַ ניוכע־געטאָן מיט דער שפּיצי־קער נאָז אינדערלופט און צוזאַמענשליסנדיק די פינגער פוןביידע הענט — אָנגעשטעלט אויף אונדז זיינע אַרומלויפנדיקע אייגעלעך, און נאָך אַ מינוט זיצן אַזוי — מיט אַ שמייכעלע, ווי דורכגעזייעט צווישן די ליפּן:

— אָט איז פאַר אייך דער „סעפּרייז": כ'האָב באַשלאָסן, זיך צו באַזעצן אין איזראַעל! ער איז שטיל געבליבן, געוואַרט, געוואָלט זען דעם איינדרוק, וואָס זיינע ווערטער האָבן אויף אונדז געמאַכט.

מיין עטל האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ שייכות דאָס האָט מיטן צוגעזאָגטן „סעפּרייז", און — זיך געווענדעט צום פּעטער:

— פּעטער, מיט אייער דערקלערונג זענט איר צענפאַכיק געשטיגן אין אונדזערע אויגן! דאָס איז באמת אַ נאַציאָנאַלער טאַט! — צי איז אונדז דערלויבט צו וויסן, פּעטער, וועגן אייערע פּלענער. דאָס הייסט; אין וואָס פאַראַ אונטערנעמונג רעכנט איר אינוועסטירן אייער קאַפּיטאַל. און ווי איז מיטן ליקווידירן די געשעפטן אין אַמעריקע און אַריבערברענגען אין לאַנד אַריין אייער גאַנצע אויסמעבלירונג אין איינאָרדענונג פון דער הויזווירטשאַפט? — וועט איר, הייסט עס, מוזן ספּעציעל נאָכאַמאָל פאָרן וועגן דעם קיין אַמעריקע?

— אוי־אוי וועלוועלע, — איז דער פּעטער סעם אויסגעבראָכן מיט אַ פּישטשענדיק געלעכטערל: „גאָרנ'יסט געוווּסט אַז דיין עטל קאָן אַזעי ספּאַסן, אַפּלאָכן פונעם אַלטן פּעטער! ס'איז איר געלונגען! וועיסט־זשע, אַז מיין קאַפּיטאַל, וואָס באַסטעיט פון אַ קלעינער מאָ־נאַטלעכער רענטע, וואָס סטאַיעט קעים פאַר בעידן, — וועלן מיר באַקומען צוגעסיקט דאָ אַהער־צו און וואָס סייך אונדזער ווירטשאַפט. האָבן מיר עס אויף יעדן פאַל, מיטגעבראַכט מיט זיך — האָט ער אָנגעוויזן אויף זיינע וואַליזעס...

מיין עטל איז געבליבן זיצן מיט אַ פּאָר שטאַרע אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט אַרויסגעזעצטע פלאַמען אין פּנים... און איך... איך האָב

מיטאַמאָל דערפילט ווי דאָס גאַנצע צימער נעמט זיך דרייען פאַר מיינע אויגן... ווי אַן אומטערגעשאָסענער בין איך אויפגעשפרונגען פון שטול, און טועדיק אַ זעץ מיט דער פויסט אין טיש, אַזוי, אַז דאָס קיכגעשיר האָט מיט געבראַזג אַ טאַנץ־געטאָן, און דאָס טיש־גלאָז — געפּלאַצט אויף צוואַנציק שטיקער — האָב איך, נישט מיט מיין קול זיך צעשריגן: ווער מיט וועמען האָט דאָ שפּאַס געמאַכט?!... ווער וועמען האָט אָפּעריִרט!! ווער וועמען האָט דאָס אומגליקלעך געמאַכט?! מערדער!!!

דערהערט מיינע קולות, איז שוין אויך מיין עטל אַרויס: לוסט־רייזעס האָבן זיך דיר פאַרגלוסט, מייטע שליאַך?!! קעדי מאַרישאַ לאַקשי יאַדלאַ?!! מייטען פּאַסט אַנדערש נישט, ווי — רופן זיך „מאַני״ און מאַכן לוסט־רייזעס, אַז אַ לוסט זאָל שוין צו דיר האָבן דער מלאך־המות!! סמאַרגאָנער אָפּערעס האָבן זיך אים ווידער פאַרגלוסט, שמעלקעלע שווינדלער!!! אַ טשו פון דאַנען ליטוואַק חזר!!!

דער פעטער סעם איז געוואָרן נאָך קלענער און איינגעשרומפּענער, געוואָרן, דאָ — ווייס ווי די וואַנט און דאָ — רויט ווי אַ בוראַק, און שטאַמלענדיק פון אויפרעגונג, גענומען סיקען: וואָס?... פּעיליסע דריפּקעס!! געהערט אַ מאַיסע, מען קאָן דאָך די סטעריקע באַקומען!! וואָס האָט איר געמיינט, אַז כ׳וועל אייך האַלב אַמעריקע ברענגען?! כ׳האָב דאָך אייך, פּאַסקודניאַקעס, געסריבן, אַז כ׳בין ניט אימסטאַנד פאַר מיין „מאַני״ (געלט), פאַר מיינע געציילטע טאָלערס צו מאַכן אַזאַ רייזע! האָט איר דאָך מיר געסריבן, איר גאַרניסטן, אַז כ׳וועל אייך פּאַסעט רעטן... אַז כ׳זאָל אומבאַדינגט קומען צו פאָרן; אַז מיר דאַרפן וועגן גאַרניסט טראַכטן; אַז ס׳איז ביי אייך אַלעס גרייט פאַר אונדז מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן — האָב איך נאָך געזאָגט צו מיין מערין: דו זעסט וואָס פאַראַ גרעיסן גאָט מיר האָבן — אָט האָט זיך אָפּגעפונען אַ פאַרמעגלעכער ברודער־זון, וואָס וויל אונדז, אויף ווי לאַנג ס׳איז נאָר מעגלעך, האָבן נעבן זיך... האָט מיר מיין מערי דערויף געענטפערט: סייוויסיי טוסטו גאַרניט, קאָנען מיר זיצן אין אונדזער לאַנד, אין איזראַעל...

* * *

מיט וואָס די גאַנצע געשיכטע האָט זיך געענדיקט?

כ'האָב זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט אויסגעצאָלט פון די דריי הונדערט לירות... און דער עיקר: די גאַנצע שכונה ווייסט וועגן דער געשיכטע מיט מיין עטלס חלום, צו ווערן אויפגעריכט פון אַמעריקע...

דאָס איז, אַז מען האָרכט אַ ווייב...

די זילבערנע חתונה׳...

— פרעגסט מיך, וואָס כ׳האָב זיך ענדלעך דערמאָנט צו באַזוכן דיך? דעם אמת־געזאָגט, בין איך אויך איצט נישט געקומען צו דיר מיט אַן אָפיציעלן וויזיט, ס׳איז, הערשקע, אַ קליינער ביזנעס־ענין פאַר דיר. כ׳וויל דו זאָלסט מיר אָפדרוקן אָט דעם נעקראָלאָג, וואָרט ביי וואָרט, גענוי ווי כ׳האָב אים אָט דאָ אָנגעשריבן: מיר דריקן אויס דעם טיפסטן מיטגעפיל און צער אונדזער לאַנגיאָריקן פאַרוואַלטונג־מיטגליד, דעם חבר הענעך לעבנספרייד און זיין פרוי עטעלע — צוליבן פלוצימ־דיקן טויט פון זייער ברודער און שוואָגער גימפל לעבנספרייד.

די פאַרוואַלטונג פון „עזרת לנשואים״.

— וואָס האָסטו, הערשקע, אויפגעריסן אַזעלכע אויגן? פון וואַנען — פרעגסטו — האָט זיך צו מיר פלוצים גענומען אַ ברודער? אַזוי׳ האָט מיין עטעלע געוואָלט! כ׳זאָל פלוצים באַקומען אַ ברודער, און אים גלייך באַגראָבן!...

דו מעסט מיך אָפ — זע איך — מיט אַ קריטישן בליק? גלויב מיר הערשקע, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס דעם 2־טן אַפּריל ווערט פינפאונצוואַנציק יאָר פון מיין חתונה — בין איך נאָך ביים קלאָרן געדאַנק... יאָ הערשקע, היינט מיט פינפאונצוואָנציק יאָר צוריק, האָט מיר דיין טאַטע, עליו השלום, אָפּגעדרוקט מיינע חתונה־בילעטן. ער האָט אָבער, דעמאָלט, זאָל ער מיר מוחל זיין, איין פעלער געמאַכט אין זיי — באַדאַרפט זיי אַרומנעמען מיט אַ שוואַרץ רעמל...

— וואָס פינטלסטו מיט די אויגן? קאָנסט עס נאָך אַלץ נישט צעקייען? — טאָ הער מיט קאָפּ: מיין ברודער, וואָס איז נאָך קיינ־

מאָל נישט געבוירן געוואָרן, מוז שטאַרבן!...

וואָס, זאָגסטו? קומען ערשט אין דריי וואָכן אַרום? פאַרוואָרפן מיט אַרבעט?

— פון ווען אָן, הערשקע, איז וואָל־מאַטעריאַל וויכטיקער פון אַ נעקראָלאָג?! מענטש, דו פאַרגעסט דאָך אינגאַנצן, אַז דאָס איז נישט קיין ענין אויף אָפּצולייגן! ער קאָן דאָך נישט שטאַרבן ווען דיר איז באַקוועם! ער מוז דאָך שטאַרבן דעם ערשטן אַפּריל! הערסט — דעם ערשטן אַפּריל! ווען נישט — מוז איך זיך לעבעדיקערהייט לייגן אין דער ערד אַריין!...

הערזשע, הערשקע, איך וויל, אַז דער נעקראָלאָג זאָל זיין דאָפּלט פון דער נאָרמאַלער גרייס; דאָס פּאַפּיר קאָן זיין פון ערגסטן סאָרט, דער עיקר גייט אין דעם, אַז דאָס „שטאַרבעכץ" זאָל זיך פון ווי וויט וואַרפן אין די אויגן..., אַז ס'זאָל חס־וחלילה נישט וועמען איינ־פאַלן — און ספּעציעל דאָס גאַליציאַנער ווייבל, די „אינטעלידזשענס־סערוויס" פון מיין קריה — אַז די גאַנצע געשיכטע איז אַ קאָמופלאַזש...

וויפל שטיק פּרעגסטו? — וואַרט אַ ווײלע: כ'מיין, אַז זעקס שטיק אין יעדן געסל, צו דריי אויף יעדער זייט — וועט גענוג זיין. וויפל געסלעך? איין מאָמענט: מיין געסל, דאָס געסל וווּ ס'געפינט זיך די פּאָסט, דער שוק וווּ ס'וווינט דער שוחט, די קופּת־חולים, די לשכת־המס, דער נייער בית־ספר, דער קינאָ און... כ'מיין, אַז אַ הונדערט שטיק וועט זיין גענוג... כ'זע הערשקע, אַז דו טאַפּסט נאָך אַלץ אינדערפינצ־טער וועל איך דיר קלאָר־מאַכן דעם גאַנצן ענין: דו ווייסט דאָך, וואָס פאַרא לעבן איך פאַרברענג מיט „מיינע". דעם 2־טן אַפּריל ווערט פינפאונצוואנציק יאָר פון אונדזער חתונה. יאָ הערשקע, אַז ס'איז באַשערט געוועזן אַן אומגליק האָב איך באַקומען אַ „פאַנטשער" אין די געהירן און זיך „פאַרלאַפּטשעט" אין עטלען, וואָס האָט נאָך דעמאָלט פאַרמאָגט אַ קליין מיילעכל און מילדע שמייכלענדיקע אויגן... חברים מיט „דערפאַרונג" האָבן מיך אָבער געוואָרנט: „צוליב דעם ביסטו, הענעך, אַלע יאָרן געוועזן אַ „פריהייטס־קעמפּער", אַז דו זאָלסט איצט פּלוצים גיין חתונה־האָבן?!...

איז דאָך אָבער די ליבע נישט בלויז בלינד, נאָר אויך טויב — האָב איך זיי געהערט ווי המן דעם גראגער... און — איך מאַטער זיך שוין מיט איר פינפאונצוואנציק, צי פינף הונדערט יאָר?... ווער ווייסט? אַז ביי מיר איז יעדער חודש, וואָס רעד איך, יעדער טאָג — אַ יאָר!...

און דאָך — זאָגסטו, האָב איך פינף דערוואַקסענע קינדער, אמת זיי זאָלן מיר געזונט און שטאַרק זיין, אָבער פונעם ערשטן קינד אָן, הערשקע, איז אַלץ וואָס עס איז צווישן אונדז פאָרגעקומען — געווען בלויז פאר דער וועלט... פאר מענטשן...: מענטשן זאָלן נישט זאָגן; מענטשן זאָלן נישט טראכטן; מענטשן זאָלן נישט באַדויערן; מענטשן זאָלן נישט דערלעבן קיין נקמה און, מענטשן אויף צעפיקע־ניש... — אַלץ פאר מענטשנס וועגן...

יאָ, אַנטקעגן וואָס זאָג איך עס? — אַהאַ! געווען איז עס מיט עטלעכע טעג צוריק. שטייג איך מיר אַזוי אויס פון אויטאָבוס, אַהיים־קומענדיק פון משרד, און לאָז ווי אַלע מאָל זיך גיין צו מיין געסל ווו איך וווין. מיטאַמאָל דערפיל איך אויף זיך נייגעריקע בליקן פון די באַגעגנטע קריה־איינוווינער. ווער איך אויך נייגעריק, און נעם צוריק בליקן... אַז כ'האָב גענומען צוריקבליקן — האָט איינער פון די, וואָס האָט אויפן וועג נישט אַראָפּגעלאָזט פון מיר קיין אויג, זיך דערנענ־טערט צו מיר מיט אונטערשפרינגענדיקע טריטלעך און אַריינרוקנדיק מיר זיין האנט אין מיינער — הויך אַ זאָג־געטאָן: „שלום אדון לעבנס־פרייד, נאָר שמחות זאָלן זיין ביי יידן!

ענטפער איך „שלום" און „אמן", מעסט אים אָפּ פון קאָפּ ביז פיס און קאָן זיך נישט דערמאָנען, אַז כ'זאָל דעם מענטש האָבן ווען געזען.

— איר האָט נישט קיין טעות ר' ייד? — פרעג איך.

— איך בין דאָך אייער אַ שכן פונעם צווייטן געסל — ענטפערט ער — אַז כ'רוף אייך אָן בייַם פאַמיליע־נאָמען און וויס, אַז איר האָט צוויי זין און דריי טעכטער, — האָב איך קיין טעות נישט.

טראַכט איך מיר אַז ער ווייסט אפשר עפּעס וועגן מיין עלטסטער טאָכטער, און — גיי מיר ווייטער מיין וועג.

כ'בין נישט אָפּגעגאַנגען קיין פופציק טריט, ווי ס'האָט זיך פאר

מיר, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, אָפּגעשטעלט מיין שוסטערס ווייב, און מיט אַ פּוטער־ווייכער שטים און צעוירענעם שמייכל אויף איר לבנה־פּנים — פאר מיר אַ שיט־אויס־געטאָן:

— „שלום אייך, אדון לעבנספרייד! ס׳זאָלן נאָר זיין שמחות ביי יידן און איר זאָלט אייך עלטערן מיט אייער עטלען, און איר זאָלט מערצעשעם פּראווען אייער „גאָלדענע האָכצייט״!

בלייב איך שוין שטיין מיט אַ פּאָר אויפגעריסענע אויגן... — הא, וואָס איז דאָס?!

כ׳באַהערש זיך אָבער גלייך, און מיט אַ געמאכטער גלייכגילטיקייט, ווי כ׳וואָלט געוווּסט וועגן וואָס עס האנדלט זיך — טו איך אַ פרעג:

פונוואנען ווייסט איר שוין וועגן דעם?

— וואָס הייסט פונוואנען? — ענטפערט זי — ווער ווייסט עס נישט? אייער עטעלע האָט ערשט היינט אינדערפרי אַליין דערציילט אין דער צרכניה, אַז דעם 2־טן אַפּריל ווערט פונפאונצוואנציק יאָר ווי זי האָט מיט אייך חתונה געהאט.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, הערשקע — ביז כ׳בין דערגאַנגען צו מיין שטוב, האָט מען מיך שוין אויפן וועג אפילו געפרעגט: אין וועל־כער שעה וועט פאָרקומען מיין „זילבערנע חתונה״? וועמען לאד איך אַלץ איין? און... וועמען נישט?...

אַריינגעקומען אין שטוב, האָב איך אין מיין עטלס גנבישן שמייכל באַלד דערקענט, אַז זי האָט געמוזט זען דורכן פענצטער, ווי מענטשן האָבן מיך אָפּגעשטעלט און אויסגעפרעגט... אָנקוקנדיק אָט דאָס שמיי־כעלע, האָט עס מיך אַ צעטראָג געטאָן און כ׳האָב גענומען שרייען: „עטל, וואָס האָסטו שוין ווידער פאַראַ געשיכטע פאַרקאָכט?! כ׳פרעג דיך, צו־וואָס־האָסט־דו־עס־גע־ברויכט?!!

כ׳האָב זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז ס׳איז פשוט נישט שיין פאר מענטשן און — שוין מיט אַן אָקטאַווע נידעריקער, איר דעליקאַט געזאָגט:

— הערסט עטעניו, אַז אויסגעטריקנט האָט באדארפט ווערן דיין צונגל, און אויסגעדרייט — דאָס טרפהנע פּיסקל דיינס — איידער דו האָסט עס געעפנט! צו וואָס איז געווען דאָס פּלאַפּלען אין דער

צרכניה, אַז דעם 2־טן אַפּריל ווערט פינפאונצוואַנציק יאָר פון אונ־דזער חתונה?! — אַז חתונה־האָבן זאָלסטו שוין מיטן מלאך־המות!...

פּאַרציט „מיינע" איר מויל אין אַ שנויבעלע, און ענטפערט מיר נאָך דעליקאַטער און נישט געאיילט:

— אַזוי גאָר, הענעכל טרעלפאַס? צאָ יאָ נאָ פאָנאָ — טאָ פאָן נאָ מניע? — אַזוי העלפט מיר גאָט, כזאָל ווי אַמשנעלסטן ווערן אַן אלמנה און דיינע ביינדלעך זאָלן אַזוי קיין תחית־המתים נישט אויפ־שטיין — ווי דו ביסט דאָס געווען דער ערשטער און, דערציילט פאַר דיין שוואָגער און אפילו פאַר מיין מומען, — אַז דעם 2־טן אַפּריל ווערט פינאונצוואַנציק יאָר פון אונדזער חתונה.

— נו, איז וואָס, אַז כ'האָב געזאָגט? — ענטפער איך איר — צי האָב איך עס חלילה געמיינט צום גוטן?... — געוואָלט פּשוט זאָגן, ווי לאַנג איך פינצטער שוין אָפּ מיט דיר מיינע יאָרן...

— פינצטער איז דיר? — ענטפערט זי מיר — אַז ברענען זאָלסטו ווי קין, וועט דיר ליכטיק ווערן אין די אויגן... און איך? האָב עס דערציילט פאַר נחת?...

הכלל הערשקע — מ'האָט באַשלאָסן, אַז מען מוז בלעת ברירה, עפּעס מאַכן פאַר מענטשנסוועגן... מאַכן עס אויף ווי־וויט־מעגלעך „באַשיידן", און פאַר בלויז אַ נאָענטן ענגן פאַמיליע־קרייז — אומ־געפער פאַר אַ מאַן צוואַנציק.

אַז מירן אָנגעהויבן צוזיפצושטעלן די רשימה פונעם „ענגן פאַמיליע־קרייז", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר נישט אַזוי „ענג" קיין עין־הרע... צוליב „כוחות־גלייכגעוויכט", האָב איך אויף יעדן קאַנדידאַט וואָס מיין עטל האָט אַרויסגעשטעלט פון איר משפּחה, אַרויסגעשטעלט אַ קעגן־קאַנדידאַט... פון מיינע משפּחה־מענטשן, און אַזוי פאַרקערט... אַז מיין עטל האָט זיך איינגעעקשנט, כ'זאָל דווקא אַריינשטעלן אין דער רשימה אירע אַ קוזינע זלאַטע וואָס עסט פאַר דריי, האָב איך דערפאַר אויך אַריינגעשטעלט מיינס אַ גליד־שוועס־טערקינד גימפּל וואָס עסט פאַר פיר... אַזוי האָט זיך עס אָנגעזאַמלט אַ רשימה פון זעכציק פאַמיליע־געסט, און דאָס — נ״שט אַריינגע־

רעכנט קיין קינדער, און קינדער, ברוויכסטו וויסן, הערשקע, זענען אַ מגפה, אַ פייער... — דו דארפסט זיך בלויז אויף איין רגע פאַר־קוקן, און די מזיקים שלעפּן שוין פון די טישן און שטופן אין די טאַשן...

אַז כ׳האָב געזען ווי די צאָל פאַמיליע־עסערס, (נישט אַריינגע־רעכנט די קליינע מזיקים) האָט שוין דערגרייכט ביז זעכציק, האָב איך אַ זאָג־געטאָן: עטל, סטאָפּ! ס׳ווערט גאַרנישט פונעם עסק! עס וועט דאָ נישט סטייען מיין תשלום פאַר צוויי חדשים!...

ענטפערט זי מיר: „מ׳עט האַלבירן די פּאָרציעס״. כ׳בין מסכים געווען. אָבער אויף וואָס — פרעג איך — וועט מען זיי אַלע אַוועקזעצן און אויף וואָס וועט מען „דעקן טישן״, ווו וועט מען זיי נעמען, די טישן און בענקלעך?

ענטפערט מיר מיין עטל: „ביים שכן איבער אונדז, ביים שכן אונטער אונדז און ביי די שכנים פון לינקס און רעכטס.״

וואָס הייסט — זאָג איך — מ׳עט נעמען ביי מענטשן טישן מיט בענקלעך און זיי נישט איינלאַדן?!

ענטפערט מיר „מיינע״: „ווער זאָגט דאָס, נישט איינלאַדן? — מ׳עט אויך מוזן איינלאַדן דעם מנהל און די קאַסירערין פון דער צרכניה, און אפשר אויך די אַנדערע אָנגעשטעלטע — מ׳קאָן נישט אַנדערש מ׳עט דאָך דאָרט אַלץ איינקויפן...

אוודאי קאָן מען נישט אַנדערש — ענטפער איך און פיל ווי מיין שטים ציטערט און אַלץ אין מיר נעמט זידן און קאָכן... מיין ענטפער האָט נאָך נישט באַוויזן צו דערגיין צו אירע אויערן, ווי — מיין עטעלע גיט אַ פרישן פאַר אַרויס: „אָבער פאַר דריי מענטשן פון דער קריה, מוזטו, הענעך מאַכן אַן אויסנאַם און זיי אַריינגעמען אין דער רשימה. דאָס זענען: די פרוי זילבערשטיין, וואָס האָט זיך מיט צוויי יאָר צוריק געגעט מיט איר מאַן; די פרוי בלומענקראַנץ, וואָס האָט אַרויסגעריסן די האָר ביי דער פרוי ווייסליץ און, טאַקע אויך די ווייסליצן, וואָס, ווי דאָס גאַליציאַנער ווייבל האָט דערציילט, זאָל זי האָבן געהאַט עפּעס „געשעפטן״ מיטן אדון בלומענקראַנץ... אַט

די דריי פּרויען, זאָלסטו וויסן, זענען מיינע בעסטע פריינט פון דער קריה. מיר האָבן נישט איינע פאַר דער צווייטער קיין שום סודות. זיי ווייסן וועגן אַלץ וואָס טוט זיך ביי מיר, און איך — וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי זיי... חס וחלילה, ווען זיי זאָלן זיך דערוויסן אַז מיר־ן געמאַכט אַ „זילבערנע חתונה" און זיי נישט איינגעלאַדן!..

דערפילט, אַז מיין עטל פּאַרקריכט מיר שוין ביז אין דער זיבע־טער ריפּ — האָב איך פון גרויס פּאַרדרוס און כעס, אַ זאָג־געטאָן: אויב אַזוי, פאַרבעט איך אויך מיין פריזירער, דעם צייטונגס־פּאַרקוי־פער, דעם אייז־מאַן, דעם שמש פון דער שול, און דעם ייד וואָס שטייטביים שלאַגבוים פון דער רכבת!...

— אַז דיר איז ליב — איז מיר ניחה — האָט זי מיר גלייכגילי־טיק און מיט אַ פּראָוואָצירנדיק שמייכעלע, געענטפערט און — דאָ, האָט שוין מיין געדולד געפּלאַצט, און פאַרגעסנדיק אַז פאַר „מענטשנס־וועגן" פּאַסט נישט אַזוי הויך צו שרייען — האָב איך גענומען איר אַריינזאָגן אויף דער העכסטער אָקטאַווע:

— נישט ביי מאַטיען! לא מיט אַ ספּאָדעק! דו ווילסט מיך צו־ליב דיין „זילבערנער חתונה" באַגראָבן כ׳זאָל שוין קיין תחיית־המתים נישט אויפשטיין?! אַז אָפּגענומען האָט דיר באַדאַרפט ווערן דאָס צונגעלע דיינס, איידער דו האָסט געעפנט דאָס פּלוידער־זעקל. איך ברויך גראָבן מיט דער נאָז די ערד, זיך פאַרשולדיקן ביז איבער די אויערן, בכדי דו זאָלסט זיך קאָנען באַווייזן מיט אַ „זילבערנע חתונה" פאַר דיינע קוצעניוס־מוצעניוס?! ניין עטעניו! דאָס וואָס עס האָט זיך איינגעגעבן דיין מאַמען, וועט זיך דיר נישט איינגעבן! ווערסט מיך יונגערהייט נישט באַגראָבן! כ׳בין שוין צו אַלט צו דעם...

— ניין ביסט נאָך נישט צו אַלט דערצו! — איז „מיינע" אויפ־געשפּרונגען און אַ כאַפּ־טאָענדיק דאָס עלעקטרישע פּרעסאייזן — כ׳זאָג דיר, הערשקע, כמעט אַ ניי פּרעסאייזן — זיך פאַרנומען עס אַ שיק־טאָן מיר אין קאָפּ אַריין... אַ גליק נאָך, וואָס אין דער רגע האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן מיט אַ זיס שמייכעלע און אַרומטאַנצנדיקע פאַרשנדיקע אייגעלעך —

דאָס גאַליציאַנער ווייבעלע, די „אינטעלידזשענס־סערוויז" פון דער קריה.

— אַ גוטן אָוונט אייך התן־כלה! האָט זי לאַקרעצדיק באַגריסט אונדז — די גאַנצע קריה רעדט פון אייך און זאָגט, אַז אַזאַ שלום־בית, אַזאַ צוזאַמענלעבן פון מאַן־און־ווייב, קאָן מען אין קיין שום שטוב נישט געפינען! אַזויווי נאָר־וואָס פון אונטער דער חופה אַפּערן.. איר ווייסט, פרוי לעבנספריד, דעם טאַפּעצירערס פרוי מאַכט זיך ספּעציעל איבער דאָס ראָזאַ קליידל — ווי מיינט איר, פרוי לעבנס־פריד, ס'וועט געבנוג זיין אויך זאָל בלויז קירצן די אַרבל פון מיין זשאַרזשעטן קליידל? וואָס? נישט? איך וועל עס תיכף מאַכן... צו־ליב וואָס, מיינט איר, בין איך אַריינגעקומען? — כ'האָב ליב צו טאָן אַ טובה און דינען מיט אַן עצה. מענטשן, וואָס זענען מיר צום האַרצן...

עד זאָג וועגן דעם אָנגרייטן און „דעקן די טישן", זאָל זיין נישט טייער, געשמאַק און עלעגאַנט! איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן! איר ווייסט דאָך, אַז אָן מיר איז נישטאָ קיין שמחה אין דער קריה!...

עד מיין, אַז מען דאַרף רעכענען אַ פלאַש ווין אויף פינף מאַן. עד מיין, אַז פאַר מענער דאַרף מען האָבן קאָניאַק, ליקער און „שערי־ברענדי". פאַר פרויען וועט געבנוג זיין זיסן „ראשון לציון". עד מיין, אַז מען דאַרף רעכענען איין טאָרט אויף אַכט מאַן. עד מיין, אַז ווורשט אויף סענדוויטשן, דאַרף מען קויפן אַ העלפט טרוקענעם און אַ העלפט נאַסן. עד מיין, אַז כאָטש מען נוצט אויף שמחית סענדאַק און העכט, איז דאָ אין לאַנד גלייכער צו קויפן קאַרפּן. עד מיין, אַז אָנשטאָט אינדיטשאַנע בייליקעס, קאָן מען דרייסט מאַכן געפּעטלטע צונגען און ברוסט־און־בראָטן, דערצו קאָן מען צוגעבן געהאַקטע פערפל מיט גרינעם גראָשעק, אַ באָרשט פון רויטע בוראַקעס, און אויף באַזונדערע טעצלעך — אַ קאָמפּאָט פון געטרוקנטע פלוימען געמישט מיט עפּל און שאַפּטאַלן...

כ'האָב מיט אַלע כוחות זיך איינגעהאַלטן — איך זאָל זי נישט אין מיטן „עכצן" אָנכאַפּן פאַר די געלע קודלעס און אַרויסשטעלן הינ־טער דער טיר, אָבער געזאָגט האָב איך: מיר וועלן אייך זייער דאַנק־באַר זיין, פרוי ערליך — פאַר אייער דינען אונדז מיט אייערע דער־

פאַרונגען אויף דעם געביט — איר וועט ביי אונדז זיין דער אַנגע־לייגטסטער גאַסט...

אַז איך מיט מיין עטלעך זענען ענדלעך געבליבן אַליין, האָב איך נאָך אַ לאַנג־געדריקט שווייגן — אַ פרעג־געטאָן סתם אין דער שטוב־אַריין:

וואָס וועט איצטער זיין?! מיר זענען דאָך פאַרלוירן!.. פשוט צו נעמען און זיך אַראָפּוואַרפן פון דער נייער הסתדרות־געביידע!

מיין עטל האָט, זעט אויס, איינגעזען וואָס זי האָט דאָ אָפּגעטאָן. דער לעצטער זאַץ מיינער, איז איר, זעט אויס, אַריין אין די געהירן, און זי האָט נאָך מינוטן פון ישוב הדעת, זיך האַסטיק אַ הייב־געטאָן פונעם אָרט:

— הענעך, ס׳איז נאָך נישט אַלץ פאַרפאַלן! דעם 1־טן אַפּריל — אַ טאָג פאַר אונדזער „זילבערנער חתונה״ שטאַרבט פּלוצים דיין ברודער גימפּל, וואָס וווינט אין באר־שבע!

— ווער האָט אַ ברודער?! וואָס פאַראַ שטאַרבן?!...וואָס פאַראַ באר־שבע?!... — האָב איך אויסגעשטעלט אויף איר אַ פּאָר אויגן.

— פרעג נישט קיין שאלות — האָט זי מיך נישט געלאָזט רעדן — מען דאַרף עס אָבער אַזוי מאַכן, אַז ס׳זאָל ביי קיינעם און ספּע־ציעל ביים גאַליציאַנער ווייבל — נישט אַרויסרופן קיין שום פאַר־דאַכט... און אַז מיר וועלן, נאָכן אויסבאַהאַלטן זיך אַ טאָג, צוריק־קומען פון דער „לויה״... און מען וועט דעם 2־טן אַפּריל, אַנשטאָט צו קומען אויף אונדזער „זילבערנער חתונה״, — קומען אונדז מנחם־אבל־זיין — וועט אַלץ זיין אין בעסטן אָרדענונג!..

קאָנסט, הערשקע, זאָגן אויף „מיינע״ וואָס דו ווילסט, אָבער אַ קאָפּ האָט זי — פלאַם־פייער!...

דער אויסגעצויגענער פייף...

אַ קילער האַרבסטיקער פאַרנאַכט. אַ פייפל האָט זיך צעפייפלט אינעם מויל פון נאַוויגאַטאָר, וואָס איז געשטאַנען אויפן הויכן קאַפּיטאַן־בריקל און — ס׳זענען נאָכגעלאָזט און אַרויפגעצויגן געוואָרן די קאַנאַטן, וואָס האָבן פעסטגעהאַלטן די שיף ביים פּאָרט־רציף.

דער פּראָפּעלער האָט זיך גענומען צערוישן, אָנגעהויבן מיט זיינע מעכטיקע שטאָלענע לאָפּעס צעקלאַפּן אַרום זיך דאָס וואַסער און פאַר־מעלעך אָפּשלאָגן די שיף פונעם ברעג.

לעצטע אָפּגעריסענע געזעגענונג־רופן, זענען אינדערלופט געוואָרן פאַרשלונגען פון מאָטאָרן־געפּרייד און הילכיק געקלימפּער פון אַרויפ־געהויבענע האַמעטנע אַנקערס און שווער־וואָגיקע קייטן.

די שיף מאַנעווורירט, נעמט לאַנגזאַם זיך דערווייטערן, און אויפגע־הויבענע הענט מיט טיכלעך און הוטן — פאָכען און פלאַטערן אינדער־לופט. וואָס מער דער ברעג האָט זיך דערווייטערט — אַלץ שיטערער זענען געוואָרן די באַגלייטער לענג־אויס דעם רציף.

ס׳האָט זיך דערהערט אַ לעצטער, לאַנג־אויסגעצויגענער סירענע־פייף, וואָס איז שוין דערגאַנגען פון אויסער דעם תחום פון פּאָרט. די שיף, לאָזנדיק הויך הינטער זיך זילבער־ווייסע געקרויזטע רויך־סטענ־געס, גליטשט זיך צום אָפענעם ים.

אויפן פאַרנאַכטיק גראָען רציף, וואַלגערן זיך פאַרלוירענע, צעטראָ־טענע בלומען. אָן איין און איינציקער מענטש — אַ יונגע פרוי מיט אַ רויט טיולן שאַלעכל אין דער אויפגעהויבענער האַנט — שטייט נאָך אַלץ ווי אַ צוגעוואָקסענע צום אָרט — מיט אַן איינגעגעסענעם בליק צו דער ווייטער שיף, וואָס ווערט אַלץ קלענער און קלענער...

אויף דער דאָזיקער שיף, האָב איך קיין שום פריינט און נאָענטע

נישט, אָבער, נאָך איר לעצטן אויסגעצויגענעם סירענע־פּייף, האָט מיך אַרומגענומען אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט און באַדויער... — נאָך אַוועקגע־שווומענע יאָרן, נאָך „נעכטנס", וואָס זענען אָפט באַגלייט געוואָרן מיט לאַנג־אויסגעצויגענע פייפן פון לאָקאָמאָטיוון און שיף־סירענעס...

פון דער פרעמד

אין דער אויסגעליידיקטער נעסט

געיאָגט פונעם וואָיענדיקן ווינט, האָט אַ קאַלטער, האַרבסטיקער פלייצרעגן געשמיסן ווי מיט ריטער אין די פענצטער־שויבן, וואָס האָבן געציטערט און אונטערגעטאַנצט מיט אַ גלאָזיק געקלאַנג.

אַ ווינט־שטראָמל, וואָס האָט זיך פון ערגעץ־ווו אַריינבאַקומען אינעם צימער — האָט געיאָגט, געמאַכט פלאַטערן די פלעמעלעך פון די שבתדיקע ליכט, וואָס האָבן געטריפט און אַרומגעהאַנגען מיט חלב־צויטן, די פלאַטינענע לייכטער.

אין דער ליכטיק־געוועזענער פאַמיליע־נעסט האָט איצט געבלאָזן מיט קאַלטן אומעט, און מיט שטילקייט פון פאַרגיין...

אינעם רויטלעך־געלן ליכט פון די פלאַטערנדיקע פלעמעלעך, וועמענס שאָטנס ס׳האָבן אויף די ווענט געפירט אַ שדים־טאַנץ — האָבן געזילבערט צוויי גרייז־גראָע קעפּ: אַ קאָפּ פון אַ מאַן — טיף איינגעגראָבן אין אַ שניי־ווייסן קישן, און אַ קאָפּ פון אַן אַלטישקער — ווי פאַרלוירן מיט איר איינגעשרומפּענעם גופל — אין אַ טיפן אַלטמאָדישן פאָטעל.

פול מיט פחד, קוקט די אַלטישקע אַריבער צו איר „אַלטן" וועמען זי שפּירט נאָך און — האָט מורא פאַר זיין יעדן מינדסטן ריר, פאַר זיין יעדן קרעכץ און שווער אָטעמען. זי פילט און זעט, אַז ער האַלט ביים אַוועקגיין פון איר, ביים איבערלאָזן זי אַליין — די לעצטע אין דער נעסט, וואָס איז שוין אויסגעליידיקט פונעם אַמאָליקן לעבן...

* * *

יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס לייגט דאָס אלטע פּאָרפאָלק אַרויס די בילדער פון זייערע אַכט קינדער, וואָס געפינען זיך אין אַלע טיילן

וועלט. מיט זיי, מיט די בילדער, פילן זיי אויס די ליידיק־געבליבענע ערטער ביים גרויסן טיש... דאָס זענען בילדער, נאָך פון זייערע קינ־דער־יאָרן און בילדער אין וועלכע די קינדער געפינען זיך שוין אין זייער אייגענער פאַמיליע־נעסט, שוין אין קרייז פון זייערע קינדער...

* * *

אין די מוחות פון ביידע אַלטע פיבערט איין געדאַנק, און ביידנס הערצער ציטערן מיט איין פּחד: חלילה נישט איבערלעבן דעם צווייטן און בלייבן אַליין, דער לעצטער...

ווי אַ שטומער אָפּמאַך האָט אין ביידע הערצער איין פאַרלאַנג געקלאַפּט: נישט צעשיידן זיך נאָך די צוזאַמען־אַדורכגעלעבטע זיבע־ציק יאָר; אויב פאַרלאָזן די אויסגעליידיקטע נעסט, איז — צוזאַמען...

אָט דער געדאַנק, דער שטומער אָפּמאַך צווישן זיך, האָט, זעט אויס, געגעבן זיי כוח אויף אַ צייט לאַנג אָפּצושטופּן פון זיך דעם טויט...

* * *

דאָס ווינט־שטראַמל, וואָס האָט זיך פון ערגעץ־ווו אַריינבאַקומען אין צימער — יאָגט, מאַכט צאַפּלען די רויטלעך־געלע פלעמלעך פון די ליכט אין די לייכטער, און דער קאַלטער האַרבסטיקער פלייצרעגן — שמייסט, ווי מיט ריטער אין די פענצטער־שויבן, וואָס ציטערן און טאַנצן אונטער מיט זייער גלאָזיק געקלאַנג.

דער האָן האָט געשמייכלט...

אַז דאָס שניי־ווייסע קעצל מיטן שוואַרצן חן־פּלעקל אויפן סאַמע שפּיץ נעזל, האָט דערזען דעם באַלעבאָס פון הייפל אין וועלכן זי האָט זיך איינגעבירגערט; געזען ווי ער גייט אַריין אין דער גרויסער הינער־שטייג, און נאָך עטלעכע מינוט אַרומקוקן זיך, טראָגט ער ביי די פיס־לעך אַרויס אַ גרויסן האָן — האָט איר שוין דאָס נעזל גענומען ציטערן פונעם ריח פון געזענקטע פעדערן...

כאַטש אָן אַ קאַלענדאַר — האָט שוין דאָס קעצל געוווּסט, אַז צוויי מאָל אינדערוואָך איז זיך דער בעל־גופיקער באַלעבאָס אַזוי נוהג.

טראָגנדיק דעם בונט־באַפעדערטן האָן מיט דער גרויסער פלאָמי־קער קאַם אין איין האַנט, און אין דער צווייטער — אַ ברייט בלאַנקעדיק קיכמעסער — האָט ער איבערטרעטנדיק די שוועל פונעם קליינעם מחסן — שנעל פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר — האַרט פאַרן נעזל פונעם אַנטוישטן קעצל...

דערפאַר אָבער, האָט ער פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר פון זיין וווינונג, וווּ ער האָט אין עסצימער אויף דער פענצטער־וואַנט, געהאָט הענגען אַ שיין געשניצט שטייגל אין דער פאָרם פון אַ הייזקעלע, און דערין אַ קאַנאַריקל, וואָס האָט אין גלייכע צייט־אונטערוואַלן, פאַרייסנ־דיק אינדערהויך דאָס שנעבעלע — לויטער זיך צעטרילט.

דאָס קעצל, וואָס האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך די איידעלע אייגנ־שאַפטן פונעם באַלעבאָס, און אויך נישט געקאָנט זיך, ווי ער, אויף שיינע, סובטעלע טענער — האָט אינגאַנצן איגנאָרירט דאָס טרילן זיינס, און בלויז געזען אין אים... אַ געשמאַקן ביסן...

אַרויסקומענדיק פון מחסן, מיטן געשאָכטענעם האָן, וואָס האָט נאָך אַלץ געשלאָגן אינדערלופט, מיט די פאַרבלוטיקטע פליגל — האָט דער

בעל־גופיקער באלעבאָס מיטאַמאָל באמערקט, אַז די טיר פון זיין וווינונג שטייט אָפן. ווי אַ בליץ איז אים דורך דורכן געדאַנק — דאָס קאַנאַריקל... ער האָט אַ וואָרף־געטאָן דעם נאָך־צאַפּלדיקן האָן צו דער ערד און זיך געלאָזט לויפן צו דער שטוב. נאָך עטלעכע מינוט, איז ער, רויט ווי אַ בוראק, האַסטיק אַרויס פון זיין וווינונג — טראָגנדיק ביי דער איינגעצויגענער פעל פון קאַרק — דאָס שניי־ווייסע קעצל וועמענס מאָרדעלע ס׳איז געווען באַקלעפּט מיט ליכטיקע ציטרין־געלע פעדערלעך... נישט טראַכטנדיק לאַנג, האָט ער עס אויפגעהויבן הויך איבערן קאָפּ, און מיט ברייט־צעעפנטע ווילדע אויגן — געטאָן עס מיטן גאַנצן כוח אַ שליידער צו דער ערד.

—אָט, האָסטו דיר, בלוטיקע בעסטיע!...

ס׳קעצל איז מיט אַ טעמפּן קלאַפּ געפאַלן האַרט נעבן האָן, עטלעכע מאָל אַ דריגע־געטאָן, און געבליבן ליגן מיט פאַרגלאָזטע רונדע, גרינע אויגן, וואָס האָבן ווי געפרעגט ביים האָן: פאַרוואָס?...

דער האָן איז געלעגן מיטן צינגל איינגעפּרעסט צווישן שנאָבל און — ווי געשמייכלט...

עט... סתם...

אין דער שטילקייט פונעם צימער, וואָס איז פון צו צייט געוואָרן איבערגעריסן פון אַ שאָרך פון אַן איבערגעבלעטערט זייטל אין אַ בוך, אָדער פון אַ פלוצימדיק רגזהדיקן שטויס פונעם שפעט־האַרבסטיקן ווינט אין די פענצטער־שויבן — האָט זיך געהערט דאָס פירן מיט אַ נאָדל איבער עפּעס לייוונטיקס, און דאָס עקשנותדיקע קלאַפּן פון אַ וועקזייגער, וואָס האָט איינטאָניק און אָן אָפּרו, ווי איבערגעחזרט: רוק זיך... רוק זיך... רוק זיך...

זיי זענען געזעסן אַנטקעגן זיך פון ביידע זייטן טיש, אויף וועלכן דער עלעקטרישער שטייל־אָמפּ מיטן מילך־ווייסן אַבאַזשור האָט אין סאַמע מיטן אַראָפּגעשיינט אַ גרויסן, ליכטיקן רונד.

ע ר, איז געזעסן איבערגעבויגן איבער אַ בוך, וואָס איז געלעגן נעבן אים, און ז י, האָט אויף איר שויס, געלייגט צערעס און לאַטקעס אויף בלאַנק־ווייסע וועש־שטיקלעך.

ביים איבערבלעטערן אַ בלעטל, האָט ע ר צופעליק געוואָרפן אַ בליק איבער זיינע ברילן־אַריבער — צום ווייב און — געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער, מיטן נישט־איבערגעלייענטן בלעטל צווישן די פינגער...

ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל איצט באַמערקט די גרויסע ענדערונג אין איר — האָט ער פון אונטער די ברילן־אָפּער באַטראַכט אירע געדיכט־באַזילבערטע, גלאַט־פאַרקעמטע אויסגעצויגענע האָר... איר שטערן, פול מיט דינע קנייטשן; באַטראַכט אירע מאַטע, מידע אויגן הינטער די גרויסע, רונדע ברילן־גלעזער, און זיך פאַרקוקט אויף איר נאָך חנעוודיק בלוטלאָז פּנים, מיט דער נעץ פון קנייטשן אַרום די מויל־ווינקלען, וואָס פלעגן אַמאָל אַזוי רייצנדיק שמייכלען...

דער שפעט־האַרבסטיקער ווינט האָט אַ רגזהדיקן שטויס־געטאָן אין די פענצטער־שויבן.

די פרוי האָט אַ צאַפּל־געטאָן, און אויפהייבנדיק אירע אויגן צום דרויסן - זיך באַגעגנט מיטן בליק פון איר מאַן...

— וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, דוד?

— האַ, וואָס מירעלע? — עט... סתם... — האָט זיך דוד, ווי פאַר־שעמט צעשמייכלט און אַ פיר־געטאָן מיט פינף צעשפרייטע פינגער, צווישן די נאָך־געדיכטע זילבערנע קרויזן פון זיין קאָפּ...

אין דער צוריק־אַריינגעטרעטענער שטילקייט, האָט זיך ווי־דער געהערט דאָס פירן מיט אַ נאָדל איבער עפּעס לייוונטיקס, און דאָס עקשנותדיקע קלאַפּן פון אַ וועקזייגער, וואָס האָט איינטאָניק און אָן אָפּרו, ווי איבערגעחזרט: רוק זיך... רוק זיך... רוק זיך... רוק זיך...

צו שיין — אויך אַ חסרון...

דער אויטאָבוס האָט זיך ביסלעכווייז געגומען אָנפילן מיט פּאַסאַזשירן.

דער פּלאַץ נעבן דער שיינער, גאָלד־בלאָנדער מיידל, וואָס האָט לויט אַלע סימנים געוווּסט איר ווערט — איז נאָך אַלץ נישט געבליבן פאַרנומען.

מיט איר שיינקייט, האָט דאָס מיידל געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע איינשטייגנדיקע מענער אין אויטאָבוס. ווייל יעדער איינער האָט געלאָזט הענגען אויף איר זיין בליק — האָט זיך יעדער געפילט אומבאַקוועם פאַרן צווייטן — זיך אַוועקצוזעצן דווקא נעבן איר — ווען ס'זענען נאָך געווען אַנדערע פרייע פּלעצער...

ווען אַלע אַרומיקע ערטער זענען שוין געווען פאַרנומען, זענען שוין די בליקן פון די מענער געווען געווענדעט צו דער איינגאַנגטיר — צו זען דעם בר־מזל, וועמען ס'וועט באַשערט זיין צו זיצן נעבן דער שיינקייט...

צו אַלעמענס אַנטוישונג, און מיט אַ שטיקל באַהאַלטענעם נקמה־געפיל..., האָט זיך אין אויטאָבוס אַריינגעשאַרט אַ געבויגענער, קורצזיכטיקער באַברילטער זקן, און זיך אַוועקגעזעצט האַרט נעבן איר...

דאָס מיידל האָט מיט פאַרדרוס זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום דרויסן, און ווי אַ ברוגזע — געזעסן אַזוי דעם גאַנצן וועג...

קינד און זקן

ס'איז געווען אין אַ שפּעט־פרילינג־פאַרנאַכט. אַלץ אַרום האָט האָ־פּערדיק געשמייכלט: די יונגע גראָזן; די לופטיק־לייכטע פאַרביקע בלו־מעלעך; די געדיכט־באַזעצטע צווייגן מיט שפּיציק־לאַנגע צאַרטע בלעטעלעך; די טייכלעך; פייגל, און אפילו — דער מענטש — אַלץ האָט געשמייכלט...

אויף דער רונדער, גרינער קינדער־דשא אין מיטן גאָרטן — האָבן זיי זיך,ביידע, געשפּילט. „זי" — האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין רוקן, געמאַכט „אים" פאַר אַ פערדל, און קלאַפּנדיק מיט אירע קליינע פויסטלעך איבער זיין קאָפּ — געשריגן: וויאָ סבא! וויאָ! מיטאַמאָל איז „זי" אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין רוקן, צוגעפּלאַטשט איר נעזל צו זיין ברייטער פליישיקער נאָז און — ביידע האָבן האַרציק געלאַכט מיט אַ פרילינג־געלעכטער...

דאָס פלאַמיק־שוואַרצע מיידעלע איז אַלט געווען, בערך, צוויי יאָר, און ער — בערך, עטלעכע און זיבעציק...

כ'האָב זיך פון וויטנס צוגעקוקט צום צעשפּילטן זקן מיטן שוואַרץ־אויגיקן מיידעלע — מן הסתם אַן אייניקל זיינס — און — ס'האָט מיך אַרומגענומען אַ גרויס מיטלייד אויףביידן...

כ'האָב איינעם אַלטן געזען נאָך דאָס קינד... און אין קינד — דעם אַלטן...

אונדז איז וויל...

— הי־הי־הי — האָט זיך צעהירזשעט איינס פון די צוויי פערד, וואָס זענען געשטאַנען ביי דעם שטאַטישן פּלומפּ און געטרונקען פון איין קאַריטע; הי־הי־הי — האָט עס געהירזשעט, אַזש דער בויך האָט זיך געהוידעט פון געלעכטער.

— וואָס קייכסטו אַזוי, פערדישער קאָפּ? וואָס איז די גדולה אויף דיר? — האָט דער שכן געפרעגט.

— הערסט דאָך? — האָט דאָס ערשטע פערד געענטפערט אין געהאַלטן אין איין טרייסלען מיטן בויך און אין איין אויסטשירען די ציינער פון געלעכטער.

— זעסט אָט יענעם פארשוין דאָרטן, דער וואָס גייט אַ געבויי־גענער איינדרייען אונטער דער שווערער משא, וואָס ער טראָגט, נאָר אויסצוציען די קאַפּיטעס!... זעסט ווי זיינע אָדערן פון האַלדז זענען ביי אים אָנגעדראָלן, נאָר צום פלאַצן פון דער איבערפערדישער, כ׳מיין: איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, דו זעסט ווי ער באָדט זיך ממש אין שווייס, כאָטש קיינער פייפט נישט הינטער אים מיט דער בייטש — שלעפּט ער און האָט נישט קיין שכל אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די לאַסט — אַזאַ פערדישער, כ׳מיין: מענטשלעכער קאָפּ!...

— טאָ וואָס איז דאָ דאָס געלעכטער? — פרעגט דאָס צווייטע פערד.

— בריקעווע זיך נאָר נישט, וועל איך עס דיר דערקלערן... דער דאָזיקער מענטש האָט מיך דערמאָנט אָן אונדזערס אַ שמועס מרוח דעם פערדישן שיקזאַל... געדענקסט ווי דו האָסט זיך באַקלאָגט אויף דעם פערדישן מזל און געקומען צו אויספיר, אַז אַ מער אומגליקלעך באַשעפעניש פון אַ פערד, איז אויף דער וועלט נישטאָ? איצט וועל

איך דיר באוויזן ווי שוואַך עס אַרבעט ביי דיר דיין פערדישער קאָפּ. ווי ווייניק דו קענסט די וועלט, בפרט — דעם מענטש מיט וועלכן די שטייסט אין אַזעלכע נאָענטע פאַרבינדונגען. האָסט געזען די שווערע משא, דעם פּאַק מיט סחורה, וואָס דער מענטש האָט אויף זיך געטראָגן? דער וואָס האָט עס אויף אים אַרויפגעלייגט, האָט עס געוואָלט אָפּפירן מיט דער פור, נאָר נישט געקאָנט משוה־ווערן מיט מיין באַלעבאָס, וועלכער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער מוז מיר, זיין פערד, געבן צו פרעסן, ווייל אַנדערש וועל איך נישט שלעפּן... דער „פּאַסאַזשיר" ווידער, האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מיין באַלעבאָס וויל ביי אים צו פיל, אַז בסך־הכל דאַרף עס נעמען ביי אַ צוואַנציק מינוט פאָרן, און אַז אין משך פון דער צייט, וואָס איך וועל שלעפּן, וועל איך דאָך סיי־ווי נישט עסן... אויף דעם האָט אים מיין באַלעבאָס געענטפערט מיט כעס, אַז אַ פערד מוז מען געבן צו עסן אפילו ווען עס אַרבעט נישט... דער דאָזיקער אַרגומענט האָט עס אויפגעבראַכט דעם „פּאַסאַזשיר" און ער האָט די משא אויפגעלאָדעוועט אויף אונדזער צוויי־פיסיקן קאָנקורענט, וואָס האָט אונטער איר געפּאַכעט מיט דער נשמה! האָסט געזען ווי ער האָט געשלעפּט און ווי דער באַלעבאָס איז זיך געגאַנגען פון הינטן מיט די הענט אין די קעשע־נעס?... מיט אונדז ברודערקע וואָלט שוין אַזאַ זאַך נישט געשען: ער וואָלט זיכער באַשטראָפט געוואָרן פאַר אַרויפלייגן אויף אונדז די לאַסט, וואָס איז איבער אונדזערע כוחות... מיר האָבן אַפּוטרופּסים, וואָס זאָרגן פאַר אונדז, וואָס זעען, אַז דער געשפּאַן זאָל אונדז חלילה נישט אָפּרייבן די הויט און ס'זאָל אונדז אַמאָל נישט בלוטיקן אַ פוס... צי האָסטו שוין געזען, פערדישער קאָפּ, וואָס דו ביסט, אַז עמעצער זאָל אונטערזוכן אונדזערס אַ צוויי־פיסיקן חבר, צי ער האָט נישט אַמאָל קיין אָפּגעריבענע זייטן אָדער, צי עס בלוטיקן אים נישט די פיס?... האָסטו שוין ווען געזען, אַז ביי אונדזערע צוויי־פיסיקע זאָל אַרומגיין אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צו באַטראַכטן צי זייערע שטע־לעכלעך זענען אין אָרדענונג און אויב נישט — זאָל עמעצער דערפאַר באַשטראָפט־ווערן?! אָדער, לאָמיר נעמען אַזאַ נישט וויכטיקע זאַך

ווי דאָס קויפן אַ פערד — האָסטו שוין געהערט, אַז מען זאָל וועלן קויפן נאָר אַזאַ פערד, וואָס מען קאָן וואָס וויניקער געבן צו עסן ?..
נו, און אפילו נאָכן טויט, האָבן מיר דאָך אויך אַ גרעסערן ווערט פון אַ מענטש... מען שינדט פון אונדז אָפּ די פעל און מען פאַרקויפט זי, און די פעל פון אַ טויטן מענטשן ?... דערפאַר טאַקע, באַגראָבט מען נישט דאָס צוויי־פיסיקע פערדל פריער ביז מען שינדט נישט אָפּ די פעל פון די לעבעדיקע... און נאָך עפּעס: האָסט שוין געהערט למשל, אַז אַ יאַפּאַניש אָדער אַן אַראַביש פערדל זאָל באַקומען מער שמיץ, בלויז דערפאַר, ווייל עס געהערט צו אַן אנדערע ראַסע ?...

נו, יאָ, אָבער — האָט אים דאָס צווייטע פערד געפּרוווט איבער־רייסן די רייד.

— קיין שום אָבער! — האָט דאָס ערשטע פערד זיך נישט גע־לאָזט, געדענקסטו גוטער ברודער, ווי מיט צוויי וואָכן צוריק בירטו געפאַלן אין מיטן גאַס — וואָס פאַרא רעדל ס'האָט זיך ארום דיר געמאַכט, ווי יעדער איינער האָט זיך דאָס געפּאָרעט אַרום דיר, גע־האָלפן דיך לויז־מאַכן פון געשפּאַן, ארומגעטאַפּט דיך צי ס'איז דיר חלילה נישט געשען עפּעס, דיר געהאָלפן זיך שטעלן אויף די פיס, דיך באַדויערט און געזאָגט: נעבעך אַן אָרעם באַשעפעניש! געפאַלן אוודאי פון דערשעפּונג... האָסט אָבער געדאַרפט זען נעכטן, ווען אין גאַס איז געפאַלן איינער פון די צוויי־פיסיקע, אַ מענטש... קיין איינער פון די דורכגייער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט... נישט גע־פרעגט אים, נישט באַטראַכט אים, נישט געהאָלפן אים זיך שטעלן אויף די פיס... געוואָרפן גלייכגילטיקע בליקן אין זיין זייט, געשטאַנען ווער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און — ווייטער געגאַנגען... ווי דו זעסט, איז אונדזער צוויי־פיסיקן חבר, אין יעדן זין, אַ סך ערגער פון אונדז, איך וואָלט עס געקאָנט באַווייזן מיט נאָך אַ סך פאַקטן, נאָר כ'רעכן, אַז ס'איז שוין גענוג בלויז דאָס, וואָס איך האָב דיר דערציילט.

צו די פערדישע אויערן האָט זיך פּלוצים דערטראָגן אַ רעש פון מענטשלעכע קולות אַ טומל, וואָס איז כסדר געוואַקסן, געוואָרן אַלץ שטאַרקער און נעענטער.

— וואָס בריקעווען זיי אזוי — האָט מיט שרעק און נייגער גע־פרעגט דאָס נאַיווע, נאָכנישט־דערפאַרענע פערדל.

— וואָס זיי בריקעווען, פרעגסטו? — שוטה איינער! זיי פאָדערן, אַז מען זאָל זיי באַהאַנדלען נישט ערגער ווי מען באהאנדלט פערד... זיי פאָדערן, אַז מען זאָל זיי נישט אַרויסוואַרפן פון זייערע „שטעלעכ־לעך” — אויף דער גאַס אַרויס... זיי פאָדערן „האָבער” פאַר די אַרבעט־לאָזע און „פאַשע” פאַר זייערע אונטערוואַקסנדיקע לאָשעקלעך...

דאָס נאַיווע, אומדערפאַרענע פערדל האָט אראָפּגעלאָזט די גרויסע אויגן און זיך פארטראכט...

דאס סערוויזל

אַז מאָטל בעל־עגלה איז נאָך דעם ווי ס׳איז אים פּאַר די לעצטע צוויי יאָר אַוועקגעפּגרט זיין דריטע קליאַטשע, געבליבן בלויז ביים בייטש און וואָגן — האָט ער אָנגעהויבן אַרויספּאַרקויפן פון שטוב יעדן חפץ פאַר וועלכן מען האָט געקאָנט עפּעס אָפּנעמען. נאָר, אַז צו אַלע צרות איז אים נאָך קראַנק געוואָרן דאָס יונגסטע קינד און עס איז נישט געווען אויף קיין דאָקטאָר און אויף אָפּקאָכן אַ לעפל וואַרעמס — האָט מאָטל נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת מיטן ווייב זיינעם, באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס קרישטאָלענע וויין־סערוויזל, וואָס באַקומען האָט ער עס פון זיין מאַמע עליה השלום, און דערפאַר אין די ערגסטע צייטן —נישט געקאָנט זיך דערמיט צעשיידן.

צי דאָס וויין־סערוויזל איז אויף אַן אמת אַ קרישטאָלנס, האָט מאָטל נישט געוווּסט. אַז עס איז קרישטאָל, האָבן מבינות־געזאָגט די שכנים פון קאָרידאָרל. דער הויפּט־מבין איז געווען פעסעלע די שליי־סערקע, וואָס גערופן האָט מען זי פעסעלע די גלעזערקע, מחמת דער מאַן אירער איז געווען אַ גלעזער. — אַזאַ גלאָזוואַרג ווי דאָס סערוויזל —האָט פעסעלע געזאָגט — האָט זי געזען ביי איר פעטער משה־בערן דעם קאַלושינער מיליאָנער, וואָס מען שאַצט אים אויף אַ הונדערט טויזנט און אפשר נאָך מער...

אויך מאָטל האָט געדענקט, אַז ווען די מאַמע זיינע האָט אים גע־שענקט דאָס סערוויזל, האָט זי אים נאָך דעמאָלט געזאָגט, אַז עס מוז אוודאי זיין קרישטאָל, ווייל איר מאַמע האָט עס באַקומען דרשה־געשאַנק פון אַ וויטן, רייכן קרוב... וועגן דעם ווערט פונעם סערוויזל האָט זיך מאָטל בלויז משער־געווען. ער האָט אויך געדענקט, אַז אין די מעשה־

ביכלעך, וואָס ער האָט בחורוויז געלייענט וועגן מלאכים און פּרינצן, האָט זיך אויך גערעדט וועגן קרישטאָל אין ווערט פון מיליאָנען... זיינס איז, וואָס אַן אמת, נאָר ווי אַ טראָפּן אַנטקעגן זייערס, אָבער — דאָך פון זעלבן מין קרישטאָל...

דער אוצר פלעגט ביי מאָטלען אין שטוב דערמאָנט ווערן ביי אַ סך געלעגנהייטן; צום מערסטן אָבער — אין שבתים און יומים־טובים. ווען ס׳פלעגן קומען צו גאַסט קרובים אָדער סתם גוטע פריינט. מאָטל פלעגט דאַן אָנגיסן די קעלעשיקלעך מיט עפּלוויין און בעת אַלע האָבן געטרונקען — אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף זיין סערוויזל. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט, רעדנדיק וועגן סערוויזל, געמוזט דערמאָנען מאָטלס מאַמען, און אַז עס איז געקומען צו רייד וועגן דער מאַמען, האָט מען שוין פאַר איין וועגס דערמאָנט אויך דער באָבען און נישט פאַרגעסן דעם ווייטן, רייכן קרוב פון וועמען עס שטאַמט די גאַנצע גדולה, און די קינדער מאָטלס, פלעגן בעת־מעשה נישט אַראָפּנעמען די אויגן פון סערוויזל.

מאָטל פלעגט די געשיכטע מיט זיין סערוויזל דערציילן יעדעס מאָל ווען עס פלעגן קומען צו אים געסט אָדער קרובים, און אַז דאָס ווייב זיינס פלעגט אים אַמאָל צוווארפן אַ ווונק, אַן אָנצוהערעניש, אַז ער זאָל שוין אַמאָל אויפהערן מיט זיין איין און די זעלבע געשיכטע — האָט עס מאָטל אָנגענומען ווי אַ פאַרוווּרף הלמאי ער איז נישט גענוג גאַסטפריינטלעך — פלעגט ער אַ כאַפּ־טאָן די קאַראַפקע, פריש אָנגיסן די קעלעשיקלעך און — אויפסניי גענומען זיך צו דער געשיכטע מיט זיין סערוויזל...

ביי מאָטלען אין שטוב זענען אָבער אויך געווען אַנדערע סיבות, וואָס פלעגן נישט איינמאָל דערמאָנען אָן דער עקזיסטענץ פונעם פאַמיליע־אוצר... צוליב אַזעלכע סיבות פלעגט ער נישט איינמאָל איינ־פּאַקן דאָס סערוויזל אין אַ פּאַפּיר, אַ נעם־טאָן דאָס פּעקעלע אונטערן אָרעם און אַ שווייגנדיקער — אַרויס דערמיט פון שטוב...

ווען מאָטל האָט זיך דאָס מאָל אַרויסגעלאָזט מיטן סערוויל אין גאַס־אַרויס, האָט ער געפילט, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין ביי קיינעם

און אין ערגעץ נישט קריגן געבארגט דערויף עטלעכע פונט. און אַזוי איז טאַקע געווען: מאַטל האָט עס אין ערגעץ נישט געקאָנט פארמשכּ־נען, און מיט אַ שווער האַרץ — באַשלאָסן זיך צו שיידן מיט דער מאמעס טייערסטן געשאנק — פארקויפן דאָס סערוויזל.

* * *

אַז דער אייגנטימער פונעם געשעפט פון גלאָזוואַרג, האָט מאַטלען געפרעגט, וואָס ער ווינטשט זיך, האָט מאַטל נישט דרייסט אַרויס־געשטאַמלט: כ'וואָלט געוואָלט פאַרקויפן אַ קרישטאָלענעם ווײַן־סער־וויז. אַז דער סוחר האָט דערזען די סחורה, האָט ער מיט געמאַכטן ערנסט אַ פרעג־געטאָן: וויפל אַ שטייגער, פאַרלאַנגט איר פאר אײַער קרישטאלן סערוויזל? מאַטל האָט זיך אַנגענומען מיט קוראזש און מיט אַ שמייכעלע, מעשה סוחר, געענטפערט:

— כ'מיין, אַז דרייסיק וועט נישט זיין צו פיל פאַר אַזאַ אַנטיקל, האַ?...

דער אייגנטימער האָט צוגערופן זיין ווייבל מיטן אַנגעשטעלטן, זיי אָנגעוויזן אויפן סערוויזל און אַ זאָג־געטאָן: — דער ייד הייסט זיך דערפאַר געבן דרייסיק פונט, ווי רעכנט איר, איז עס נישט אַ ביסל צו פיל?...

— כי־כי־כי — האָט אַ פישטש־געטאָן דאָס געשמינקעוועטע ווײַ־בעלע; — נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן, כי־כי־כי!

אַ פלאַמיקע רויטקייט האָט באַגאָסן מאַטלס פּנים... דער אַנגעַ־שטעלטער האָט אים פארטרוילעך און מיט מיטגעפיל געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז דאָס סערוויזל איז פון אַ פּשוט צוגעשליפן גלאָז און קאָסט בערך צוויי פונט אַ „קאָמפּלעט"...

* * *

דאָס לעמפּל האָט געצאַנקט. שווערע שאָטנס האָבן גענומען זיך אַראָפּלאָזן איבער די ווענט. מאָטלס ווייב איז שוין געלעגן אין בעט און מיט וואכע אויפגעריסענע אויגן געקוקט ערגעץ ווייט, ווייט פון זיך. אַ קינד האָט פון שלאָף אַ וויין־געטאָן — אפשר אַ בייזער חלום, אָדער גאָר פון הונגער?...

מאָטל איז געזעסן אויפן ראנד פון בעט, וווּ עס איז געלעגן זיין קראַנק חוהלע, און צולייגנדיק זיין קאַלטע האַנט צום קינדס גליענדיק קעפּל — געקוקט צום דרויסן אין דער טיפער פינצטערקייט פון דער ווינטיק־רעגנדיקער נאַכט.

די בעקעשע

באַקענט זיך מיטן פעטער בעריש, דעם טאַטנס שטיפברודער, האָט פסחל — ווען ער איז שוין געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצן, ווען דער טאַטע האָט נאָך דער גרויסער שׂרפֿה אין זייער שטעטל, גענומען די מאַמען מיט די קינדער און אַריבערגעפֿאָרן אין דער גרעסערער שטאָט, וווּ דער פעטער בעריש האָט געהאַט אַ באַקאַלעינע קראָם. געווען איז עס דעמאָלט, ווען דער פעטער בעריש איז איינמאָל אַרויפֿגעקומען אין זייער נייער וווינונג, אינעם פּאַציאַטע־שטיבל מיט דעם שיף־אַראָפּגעלאָזטן סופֿיט און — גערערט צום טאַטן מיט אַן אומפֿריינטלעך גראָבע באַסאָווער שטים. ווי פון אַ פֿאַס אַרויס, געקלאַפּט מיטן גראָבן שטעקן אָן די לויזע צעפּוילטע ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, און געהאַלטן אים אין איין מוסר־זאָגן פֿאַר זיין נישט קאָנען איינזיצן אויף אַן אָרט. אַז מען האָט נישט — האָט ער געזאָגט — קיין „זיץ־פֿלייש" — קאָן מען קיין פּרנסה נישט האָבן. אַפֿילו אַ שטיין, ווען ער ליגט אויף איין אָרט, וואַקסט ער אויך — האָט ער זיך גענומען פֿאַר אַ ביישפּיל... און פֿאַרענדיקט האָט ער זיין טענה מיט דעם, פֿאַרוואָס דער טאַטע האָט גראָד אויסגעקליבן דאָס שטעטל. וואָס לעבט איצט איבער אַזאַ שטילשטאַנד. און צוגעזאָגט האָט ער, אַז ער וועט עפּעס זען צו טאָן פֿאַרן טאַטן, אָבער אויף גרויסע זאַכן זאָל ער זיך פון אים נישט ריכטן... — ווייל ער איז אַליין זייער פֿאַרענגט און פֿאַרדרייט...

בעת דער פעטער בעריש, וואָס איז געווען מיט אַ קאָפּ העכער, ברייטער און יונגער פונעם טאַטן, איז ווי אַ גוי'אישער פֿריץ אין אַ ברייטער העל־גראָבער בעקעשע געשטאַנען איבער אים און געשאָטן מיט מוסר־רייד ווי צו אַ קליין ייִנגל — איז, ער, פסחל, די גאַנצע צייט געשטאַנען פֿאַרשטעקט אין אַ ווינקל הינטער דער מאַמען, און

אַ העליש פייער האָט אים אַרומגעכאַפּט — פון בושה און מיטלייד צום טאַטן, וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ בלאַסער, אַן איינגעשרומפּענער, געביסן אַ שפּיץ פון זיין פאַרגראָטער באָרד און די הענט האָבן ביי אים געציטערט...

גאַנצע צוויי טעג נאָכן באַזוך פונעם פּעטער בעריש, האָט פסחל אויסגעמיטן זיך אָנצוטרעפן מיטן טאַטנס בליק...

* * *

געקענט דעם פעטער בעריש, האָט פסחל, אויך פון פריער, פון גאַנץ לאַנג — נאָך איידער ער האָט אים צום ערשטן מאָל געזען. פסחל האָט געוווּסט וועגן פעטערס אַלע פּירעכצן; אַז מען עסט ביי אים הון אינדערוואָכן; אַז מען טונקט ביי אים פרישע זעמעלעך אין בראָט־יויך; אַז ער האָט אַ גרויסע באַקאַלעינע קראָם וואָס „ברעכט זיך״; אַז ער איז אַ ייד, אַ גביר; ער טראָגט אַ בעקעשע מיט אַ „פאַדפינקע״ פון אַ ווייס שעפּסן פעלעכל, און דאָס אַלץ — פון די אָפּטע דערציילונגען און שמועסן פונעם טאַטן מיט דער מאַמען, — וועגן זיין פאַרמעגלעכן שטיפברודער.

מער פון אַלעמען, האָט זיך פסחלען איינגעקריצט אין זכרון דעם פעטער בערישעס בעקעשע, וועגן וועלכער ער האָט געהערט, אַז זי וואַרעמט ווי אַן אונטערגעהייצט אייוועלע, און אַז ער זעט אין איר אויס ווי אַ גויאישער פּריץ...

ווען פסחל האָט זיך ענדלעך געכאַפּט וועגן דעם באַדייט פונעם וואָרט „בעקעשע״, פלעגט ער אָפּטמאָל אין אַ קאַלטן ווינטער־אינדערפרי זיך אַרומהילן מיט דער מאַמעס צעשליסענעם שפּענצער און גייענדיק אין אים אַהין און צוריק איבערן שמאָלן חדר, זאָגן:

— יעך בין אַ פעטער בעריש! יעך גיי אָנגעטאָן אַ בעקעשע!

דער רום פון פעטער בערישעס „בעקעשע״ מיט דער „פאַדפינקע״, איז אפילו דערגאַנגען צו פסחלס חברים מיט וועלכע ער האָט געלערנט ביי איין מלמד.

אַלע האָבן זיי געוווּסט, אַז פסחל האָט ערגעץ אין אַ גרויסער שטאָט, אַ פעטער בעריש, וואָס זעט אויס ווי אַ פריץ און איז דער שטאַרקסטער און רייכסטער ייד אין יענער שטאָט... און אַז אַ צווייט יינגל, וואָס האָט אים געוואָלט איבערשטייגן מיט אַ פעטער יצחק — האָט אים אַ פרעג־געטאָן:

אויב דו האָסט אַזאַ רייכן פעטער, טאָ פאַרוואָס טראָגסטו און דיין טאַטע אַזעלכע שלעכטע בגדים?... האָט פסחל, אָן אַ פינטל־צו־טאָן מיט אַן אויג, געענטפערט:

ער האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט צו געבן די בעקעשע מיט דער פוטערנער פאַדפינקע, ווען כ׳וועל שוין זיין גענוג גרויס פאַר איר... און דער טאַטע מיינער... — ער האָט אַ ספּעציעלע קאַפּעטע אויף שמחות... ווי פסחל — אַזוי האָט אויך דער טאַטע זיינער, מאיר־טוביה געחלומט וועגן אַ וואַרעמען בגד, און דערפאַר — שטענדיק דערמאָנט זיין שטיפברודער מיט דער בעקעשע, און מיט אַ הנאה־קרעכצל צוגעגעבן:

„איי וואַרעמט עס!... ווי אַן אונטערגעהייצט אייוועלע״...

* * *

יאָרן זענען אַוועק, פסחל איז געוואַקסן און, זיין באַהאַלטענער טרוים אַז ווען די בעקעשע וועט זיך אָפּנוצן, וועט דער פעטער בעריש זי זיכער צושיקן פאַר אים אָדער פאַרן טאַטן — איז אַלץ נישט מקיום־געוואָרן — מחמת זי איז קיינמאָל נישט גענוג אַלט־געוואָרן כדי זי אָוועקצושענקען... דער פעטער בעריש פלעגט, צו דער נאָך גענוג־גוּ־טער „פאַדפינקע״ אַרויפגעבן אַ נייעם „וויערזשך״, און אַ צווייט מאָל — צו דעם נאָך גענוג־גוטן „וויערזשך״, אַרונטערגעבן אַ נייע „פאַדפינקע״...

איינמאָל, איז דער פעטער בעריש אַראָפּגעקומען צו זיי אין שטוב־אַריין, ווען פסחל האָט פון אַ פאַרקילונג באַקומען אַ לונגען־אָנצינדונג, געלעגן אין גרויס פיבער און „מאַיאַטשעט״ און דער דאָקטער, ביי

ווען מען מאיר־טוביה האָט אויסגעווײנט דעם לעצטן וויזיט אויף „קרע־דיט״, האָט ביים אַרויסגיין נישט געהאַט מער צו זאָגן ווי: „איך האָב געטאָן אַלץ וואָס אין מיינע מעגלעכקייטן און דאָס ווייטערע — האָט ער אָנגעוויזן מיטן פינגער אינדערהויך — ליגט אין די הענט פון דעם, וואָס איז הימל...

דורך זיינע צעגליטע האַלב־געשלאָסענע אויגן, האָט פסחל דעמאָלט געזען, ווי ס׳איז אַריינגעקומען אַ גרויסע צעפלאָסענע געשטאַלט, וואָס האָט מיט זיך אויסגעפילט די גאַנצע שטוב, און שיער נישט אויסגע־שטופּט מיטן קאָפּ די סטעליע... דאָס אויסטערלישע געשטאַלט, האָט מיט אַ טיפן דונערדיקן באַס זיך געבייזערט אויפן טאַטן און אויף דער מאַמען און געקלאַפּט מיט אַ גראָבן שטעקן אָן די פּאָדלאָגע־ברעטער, וואָס האָבן הויל אָפּגעהילכט, און ווייטיקלעך, ווי האַמער־קלעפּ — געפאַלן אויף פּסחלס צעהיצטן מוח...

דורך די האַלב־אָפענע גליענדיקע אויגן, האָט דער טאַטע נעבן דער אויסטערלישער געשטאַלט אויסגעזען גאָר קליין און איינגעשרומפּן.

— מאַמע... זאָל ער גיין, ער וועט דאָך צעטרעטן דעם טאַטן... — האָט פסחל מיט אַ שוואַכער שטים זיך געבעטן. די מאַמע האָט מיט איר קאַלטער האַנט געגלעט זיין צעהיצטן שטערן און אים אַריינגערעדט אין אויער:

פסחל, קרוין מיינער..., ס׳איז דאָך דער פעטער בעריש, ער איז דיך געקומען מבקר־חולה־זיין.

נאָכדעם ווי פסחלען האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוגליטשן פון מלאך־המות הענט, האָט ער ליגנדיק אָן אויסגעשעפּטער פון די כוחות, געהערט איינמאָל אָפּגעריסענע זאַצן פון אַ שמועס צווישן דעם טאַטן מיט דער מאַמען:

— נישט געברויכט נעמען! מוחל טובות! ס׳ווערט ביי אים מער פאַרשאַטן און אויסגעקערט אין מיסט־אַריין, ווי דאָס וואָס ער האָט דיר געבראַנגט...

— מאירשי, אָן אַרעמאַן טאָר נישט זיין קיין יחסן — אַז מען טרענקט, כאַפּט מען זיך אָן אין אַ שטרוי — דאָס ביסל שפּייז איז מיר

זייער צונויף־געקומען — כ׳וואָלט דאָך נישט געהאַט אים וואָס אין מויל־אַריין צו געבן — נאָך אַזאַ קרענק...

דער השם יתברך וואָלט מיך נישט פאַרלאָזט, נאָר אין אים איז מיין בטחון!

— מאיר לעבן, פון בלויז בטחון קאָן מען נישט אָפּקאָכן אַ ביסל עסן און אָנטאָן עפּעס אויפן גוף פונעם יינגל... — ס׳נעמט אַזאַ ווינ־טער אינדרויסן.

— נאַרישע יידענע! — נאָך אַ ווײַלע שווייגן: ווו זאָל איך נעמען?... פון מיין גביה, וואָס כ׳צערייס דערביי מער שטיוול ווי כ׳האָב דערפון?!

— כ׳מיין, ס׳וואָלט גאָרנישט אויסגעמאַכט ווען דיין ברודער וואָלט געקויפט פאַרן יינגל אַ שטיקל מענטעלע, ער וואָלט זיך דערמיט עולם־הבא געקויפט...

— אַ נעמער איז נישט קיין געבער, דער פריץ האָט דעם גאַנצן חוש אַריינגעלייגט אין עולם־הזה, וואָס גייט אים אָן אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ יינגל? — אַבי אים איז וואַרעם אין דער פריצישער בעקעשע מיט דער פוטערנער „פּאָדפּינקע״...

* * *

ווען דער פעטער בעריש, וואָס איז שטענדיק געווען געזונט ווי אַ נוס, איז פּלוצים קראַנק־געוואָרן און זיך פעסט אַוועקגעלייגט, איז פסחל שוין געווען צוויי יאָר אַ האַלבער יתום, צוריק געוווינט מיט דער מאַמען און ביידע שוועסטערלעך אינעם שטעטל פון וואַנען זיי זענען אַוועק נאָך דער גרויסער שריפה, און שוין געהאָלפן דער מאַמען ביים פאַרקויפן איינגעזויערטע עפּעלעך און קרויט אין מאַרק.

דערוווּסט זיך וועגן פעטער בערישעס קראַנק־ווערן, האָט זיך פסחלס מאַמע — פון אַ בריוול וואָס די שוועגערין שיינדל האָט געשיקט „עקס־פּרעס־רעקאָמענדירט״. אינעם בריוול האָט שיינדל מודיע־געווען, אַז דער מאַן אירער איז שוין עטלעכע וואָכן מסוכן קראַנק, אַז די שטוב־מענטשן זענען שוין פאַרמאַטערט פונעם נישט שלאָפן און אַרומגיין

אַרום אים, און אַזוי ווי זי מיטביידע טעכטער מוזן — נישט אויסגעע־רעדט זאָל עס זיין... — אַכטונג־געבן אַז דאָס געשעפט זאָל נישט גיין צום גרונט, און איך שטוב פון כל הגוטס, דאַרף זי האָבן אַרום מאַן — אַן אָרנטלעכן און אייגענעם מענטש — בעט זי, די שווערן שיינדל. צושיקן צו זיי אויף אַ געוויסער צייט, איר פסחלען, וועמען דער פעטער האָט זייער גערן... נאָך דער מאַמעס לאַנג אַריינרעדן און איבעררעדן — האָט פסחל, מיט אַ שווער הארץ איינגעשטימט צו פאָרן — כאָטש ער האָט זיך אַמאָל געגעבן דאָס וואָרט — נישט מער איבערצוטרעטן זיין שוועל...

* * *

דער פעטער. בעריש איז געלעגן אין אַ באַזונדערן חדר, אָנגעפילט מיט שאַרפע שפּיטאָל־ריחות. אין אַ געניקלט בעט מיט אַ צוקאָפּנס פון עטלעכע קישנס, און צוגעדעקט מיט אַ פוכענע קאָלדרע און מיט אַ דיקן וואָלענעם פּלעד — איז געלעגן אַ גרויסער שווערער גוף מיט אַן אויפגעבלאָזן פנים, מיט אָנגעשוואָלענע אויגן־זעקלעך פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר אויסגעלאָשענע אויגן צום סופיט אַרויף.

דערהערט עמעצן אַריינקומען, האָבן זיך די מאַטלעכע אויגן־אַפּ־לען אַ באַוועג־געטאָן אינדערזייט צו דער טיר.

בערישי, פסחל איז געקומען: — האָט זיך די מומע שיינדל איבער־געבויגן איבערן בעט.

דער פעטער בעריש האָט עטלעכע מאָל אויפגעהויבן און אַראָפּ־געלאָזט די האנט מיט די אויפגעלאָפענע פינגער ווי די קישעלעך, און ליכט געקלאַפּט מיט די דיקע, וואַקס־געלע נעגל אָנעם ראנד פון בעט — אַז פסחל זאָל צו אים צוגיין נעענטער.

פסחל האָט זיך דערנענטערט צום בעט, און פון גרויס איבעראַ־שונג פון פעטערס פאַרענדערטן אויסזען, — פאַרלוירן דאָס לשון און קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— גוט־מאָרגן פעטער... — וואָס מאַכט ער?... — די מאַמע גע־

שיקט אַ רפואה שלמה...

— האַ, פסחל, וואָס ביסטו פריער נישט געקומען? — זעסט וואָס עס איז געוואָרן פונעם פעטער... — — געוואָלט דיר עפּעס זאָגן — — די מומע איז אין חדר?

— ניין.

— גוט. הער, געדאַרפט האָבן אַזאַ זון ווי דו... — — געהאָרע־וועט אַלע יאָרן, נישט געטראַכט וועגן קיינעם, נאָר אַלץ געזאַמלט פאַר די טעכטער — — איצט... מיעוסן זיי זיך צו באַדינען דעם טאַטן...

— — — הא פסחל, ווײסט זאָגן קדיש נאָכן פעטער?

— מען דאַרף אַזוי נישט רעדן... — דער פעטער וועט מיט גאָטס הילף געזונט־ווערן!

— ביסט אַ קינד! — האָט זיך אויף דעם פעטער בערישעס געלב־לעך אָנגעשוואָלענעם פּנים מיט דער פאַרקאָלטנטער גראָלעכער באָרד, באַוויזן אַ קרומלעכער שמייכל...

— דו זעסט פסחל, ווי אַלץ איז ביי מיר אָנגעשוואָלן? — — פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה, גייט עס אַלץ ווייטער... — — אַז ס'וועט צוקומען דאָ — האָט ער געפירט מיט די אָנגעלאָפענע פינגער אַרום דעם האַרץ — איז אַלץ... אויס...

* * *

ביי אַ קליין טישל, אָנגעשטעלט מיט אַפּטייק־סלויאיקלעך, שעכטע־לעך און פלעשלעך מיט אָנגעקלעבטע לאַנגע רעצעפּטן־צונגען, איז פסחל געזעסן מיט אַן אַריינגערוקטן קאָפּ אינעם אויפגעשטעלטן קעל־נערל פון כאַלאַטל און מיט האַלב־אָפענע דרימלענדיקע אויגן געקוקט צום אַלטן וועקזייגער אויף דער קאָמאָדע.

— פעטער, ס'איז שוין צוועלף אַ זייגער — האָט ער שטיל אַ זאָג־געטאָן — כ'וועל געבן די רעצעפּט.

— עט... נישט נויטיק... — האָט דער פעטער בעריש אַ באַוועג־געטאָן מיט דער האַנט — זעץ זיך פסחל דאָ — — כ'וועל דיר עפּעס זאָגן — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

פסחל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט. אָבער דער

פעטער בעריש האָט גאָרנישט געזאָגט און ווי. פאַרטראַכט זיך. פסחלס בליק האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אויף אַ זאַך, וואָס ער האָט אין די אַלע שעהן פונעם טאָג נישט באַמערקט:

אין אַ ווינקל פונעם חדר, איז אויף אַ טשוואָק געהאָנגען דעם פּעטער בערישעס בעקעשע...

אומבאַטראַכט, אַליין נישט פילנדיק ווי אַזוי — האָט זיך פון פסחלס מויל ווי אַרויסגעגליטשט:

— פּעטער, ס׳איז ריכטיק, אַז די בעקעשע וואַרעמט ווי אַן אייוועלע? ——

— הא? די בעקעשע פרעגסטו? — יאָ, כ׳על זאָגן דער מומען...

— — הייסן איר געבן די ב...בעקעשע — — — —אַ יאָ, דו וועסט קדיש זאָגן?... — געדאַרפט האָבן אַ זון ווי דו... — — געהאָרעוועט פאַר די טעכטער — — איצט...מיעוסן זיי זיך...———נישט ריכטיק געהאַנדלט...

— — כ׳על דיר זאָגן... נאָר פסחלס אויגן זענען שוין געווען פעסט געשלאָסן און ער האָט גאָרנישט געהערט. — געטראָגן שוין דעם פּעטערס בעקעשע מיט דער „פאַדפינקע" פון אַ ווייס־שעפסן פעלעכל אין וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן אין איין טוליען...

* * *

ווען די מומע שיינדל איז פאַרטאָג. ווען ס׳האָט קוים אָנגעהויבן גראָען — אַריין אַ בליק־טאָן אין פּעטער בערישעס חדר, האָט זי אָנשטאָט דאָס פרייכן און סאַפּען פון איר מאַן — דערהערט אַ געשמאַק שנאָרכן פון פסחלען, וואָס איז מיט אַ צופרידענעם גליקלעכן שמייכל אויף זיין אויסגעצערט קינדעריש פּנים — געלעגן צופיסנס דעם פּעטער בעריש — אַן אַרומגעוויקלטער און איינגעקנוילטער אינעם דיקן וואָלענעם פעלעד... און דער פּעטער בעריש... האָט מיט אויפגעריסענע פאַרגלאָזטע אויגן, מיט עקשנות זיך ערגעץ פאַרקוקט הויך, אין איין פונקט...

דער גלגול אין אַ ווייסן האָן

געווען איז דאָס שטעטל ב. אפשר דאָס איינציקע שטעטל אין פּוילן, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאַרזעסענע מיידן און אַלטע בחורים. אַז דאָס „מין" זאָל נישט זיין — האָבן געזאָרגט די שיינע יידן און אַ גאַנצער שטאַב גבאיטעס, וואָס האָבן אומעטום געהאַט „אויגן", און בשום אופן נישט דערלאָזט, אַז עס זאָל חס וחלילה צעשטערט־ווערן דער גוטער נאָמען פונעם שטעטל. טאָמער איז געווען דער מינדסטער חשד, אַז אין וועלכער־ס׳איז שטוב האַלט אַ בחור אָדער אַ מיידל ביים „פאַרזעסן־ווערן", האָבן זיך באַלד דערמיט פאַרנומען די פאַרזאָרגער...

פון זייער לאַנג־יאָריקער פּראַקטיק אויף דעם „געביט", זענען זיי אין די דאָזיקע ענינים געווען פלאַם־פייער, גרויסע מזיקים... זיי זענען געווען פעיק צוזאַמענצופירן אונטער איין דאַך — אַ לאָמען מיט אַ בלינ־דע; אַ ליטוואַטשקע מיט אַ גאַליציאַנער; אַ האַלב־פּאַראַליזירטן אַלטן בחור — מיט אַ מיידל אין די יאָרן; אַ לאַנג־אויסגעצויגענער אַלטער מויד, וואָס שאָקלט כסדר מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך געגריסט מיט יעדן דורכגייער — מיט אַ טויבן בחור, וואָס הינקט אויפן לינקן פוס א. א. וו. א. א. וו.

די שטעטלדיקע פאַרזאָרגער האָבן זיך אַרומגעזען, אַז ס׳איז שוין אויך די העכסטע צייט חתונה־צו־מאַכן פּיוועלע מעקלערס קרענקלעכער, שוין גאָרנישט יונגער טאָכטער פייגע־לאַהן. ס׳איז אָבער לייכט צו זאָגן חתונה־מאַכן... פייגע־לאַה, אויסער דעם, וואָס זי האָט שוין פון לאַנג געמעגט הערן שופר־בלאָזן, דערזעט זי נישט אַ ביסל אויפן געזונטן אויג; זאַיקעט זיך אַ קאַפּעטשקעלע, און עס לייכט אַ ביסל אַרויס ביי איר דער ווייסלעכער שאַרבן פון צווישן די שיטערע האָר. אַ חוץ דעם, גייט זי נעבעך אַרום נאַקעט און באָרוועס. פּיוועלעס פּרנסות מישטיינס־

געזאָגט: אַ מאָל ביי אַ ציג, אַ מאָל ביי עטלעכע מעטער תבואה, ביי אַ פורל האָלץ אָדער קאַרטאָפל, אפילו שוין אַריינגערעכנט, וואָס ער פלעגט אַ מאָל, געבעטן, און אַ מאָל אומגעבעטן — זיך פאַרן אויף אַלע שמחות, שלעפּן בענק, שטעלן טישן, יאָגן די קינדער פונעם פענצטער־אַוועק און לזיפן „געגנג‟. פון די אַלע פּרנסות וואָלט פּיוועלע מעקלער מיט זיין מייטל־דוואָשען און פּייגע־לאהען — אויסגעגאַנגען — ווען זיי וואָלטן נישט צוגעהונגערט אַ דריי טעג אינדעוואָך...

פּיוועלע מעקלער איז געווען דער היפוך פון דעם, וואָס אַ מעקלער דאַרף זיין: אַ שעמעוודיקער, אַ שטילער, נישט געקאָנט קיין הויך וואָרט אַרויסרעדן, און אַז ער איז פון וועמען באַוואָלט־געוואָרן, האָט ער גע־קוקט יענעם גלייך אין פּנים־אַריין, געקוקט מיט וואַסערדיקע רחמנות־אויגן, ווי ער וואָלט גאָר יענעם באַדויערט... דערפאַר האָט שוין זיין מייטל־דוואָשע געהאַט אַ מויל אויף שרויפן; אַ מויל, וואָס האָט נישט גערוט פון זונאויפגאַנג ביזן שפּעטן אָוונט, און איז פּעיק־געווען פאַר אַ קליינקייט, אָדער ווען יענער איז געווען „גאָט די נשמה שולדיק‟ — זיך איינעסן ווי אַ פּיאַווקע אָדער געבן „אָפּגעהאַקטע שוואַרצע יאָר‟.. געווען, הייסט עס, אַ יידענע, אַ „זאַיאַדע‟, וואָס פלעגט זיך אָנהענגען אָן די גלייכע ווענט... אָדער גאָר אין פּיוועלע מעקלער, וועמען זי פלעגט אָפט רופן נישט פּיוועלע, נאָר פּיווישי, און אין דעם „שי‟ — אַריינגעלייגט איר גאַנצע גאַליקייט, אַזוי, אַז ווי נאָר פּיוועלע האָט דערהערט פון איר זיין נאָמען פאַרענדיקט מיטן „שי‟ — פלעגט אים דורכגיין אַ ציטער איבערן לייב, און אַריינציענדיק דעם קאָפּ צווישן די אַקסלען — זיך געגרייט צו קריגן אַ טערעבעניץ...

אַז מייטל־דוואָשע פלעגט איר פּיוועלען מאַכן אַ „דוש‟ פון אַ מבול מיט קללות, פלעגט ער קיין פּיפּס נישט טאָן, נאָר מער אַראָפּ־בייגן דעם קאָפּ צו דער ערד... נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט דערהערט פון איר אַ פרישע, פונק־נייע קללה, וואָס איז אים ביז איצט געווען אומבאַקאַנט, פלעגט ער אויפהייבן דעם קאָפּ און אָנקוקן זי מיט זיינע רחמנות־אויגן — אַקוראַט ווי ער וואָלט זי באַדויערט... נאָר אַז מייטל־דוואָשע פלעגט אים שוין דערגיין ביז אין דער זיבעטער ריפּ, פלעגט

ער זיך לאנגזאם אויפשטעלן פון טיש, אַ פארטראכטער אַ קעם־טאָן עטלעכע מאָל מיט די פינגער דורך זיין אַש־גראָער פארקאָלטנטער באָרד, און אָנגעמענדיק זיך מיט קוראזש — אַריינגעקוקט איר גלייך אין די אויגן אַריין, און מיט אַ נידעריקער שטים — אָפּגעהאַקט איר צוגעוואָרפן: „פּי־יאַוּוקע! פּי־אַוּוקע!...״ און — אַרויס פון שטוב.

* * *

די שטעטלדיקע פּאַרזאָרגער, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן פּאַרזעסנקייט, זענען נאָך אַ לאנגן נאָכטראַכטן געקומען צום באַשלוס אַריינ־שלייערן פייגה־לאהן, פיוועלע מעקלערס טאָכטער — דערגאַנגען צו יואלקע דעם וואַסער־טרעגערס זון מאָטע־לייזער.

מאָטע־לייזער איז וואָס אַן אמת, אַ שטאַרקערער זאַיקע פון פייגע־לאהן. דערפאַר אָבער איז ער מיט פינף יאָר יונגער פון איר; האָט צוויי געזונטע אויגן, וואָס קוקן נאָר אַ ביסל „סקאָשנע״; איז שטענדיק גוט אויפגעלייגט, כי־כיקעט נאָך יעדן צווייטן וואָרט. און אפילו, ווען ער באַקומט פון יואלקען וואַסער־טרעגער — מיט די גראָבע שטריק איבער דער פּלייצע. נאָר איין שטיקל פעלער האָט מאָטע־לייזער יאָ פאַרמאָגט (אָבער אויך נישט שטענדיק) — ער פלעגט פון צייט צו צייט פּלוצים אַ פאַל־טאָן צו דער ערד און פון מויל פלעגט אים נעמען אַרויסזעצן אַ ווייסע שוים... מען פלעגט אים דאַן אַרונטער־רוקן אונטערן קאָפּ, זיין פון שוויס־דורכגעשמאָלצן וואַטע־היטל, וואָס ער האָט געטראָגן סיי ווינטער און סיי זומער, און אים אַריינגערוקט אין דער האַנט אַריין — אַן אייזערנעם שליסל...

קהלס פּאַרזאָרגער האָבן אויסגעפונען, אַז ס׳איז אַ זיווג מן השמים און — ס׳איז געפּראַוועט־געוואָרן אַ חתונה כדת משה וישראל... וואָס שייך פּרנסה, איז באַשלאָסן־געוואָרן אַז דאָס ערשטע יאָר וועט מאָטע־לייזער דריי טעג אין דער וואָך זיין אויף קעסט ביי שווער און שוויגער... און די איבעריקע וועט ער זיך „דורכשטופּן״ מיט דעם, וואָס ער וועט זיין אַ „גאַניעץ״ אין דער קהילה, וואָשן די פּאָדלאָגעס אין דער שול

און איך בית־מדרש. בקיצור — מען וועט אים נישט לאָזן פאלן...

* * *

זינט פייוועלע מעקלער האָט באַקומען אַן איידעם אויף קעסט, האָט ער ממש אויפגעלעבט: די אַלע קללות, יאַדעוונישן און אָנטשעפּעונישן פון זיין מייטל־דוואָשען, האָבן מיטאַמאָל נאָכגעלאָזן. זיי זענען איצט געוואָרן איינגעטיילט „פּאָ־פּאָלאָם", ס'הייסט, אויף גלייכע העלפטן, צווישן אים און זיין איידעם...

שוין די צווייטע וואָך נאָך דער חתונה, ווי נאָר מייטל־דוואָשע האָט דערזען מאָטע־לייזערן איבערטרעטן די שוועל — האָט זי גלייך גענומען וואָרטשען:

— האָסטו דיר אַ קעסט־קינד אויף מיין קאָפּ, אַ „דאַרמאָיאַדניק" אויף מיינע פּלייצעס, אַן אָנשיקעניש אויף מיינע ביינער...

איבערן הייפל האָט זיך איצט, שוין פונעם פריען פאַרטאָג אָן גענומען טראָגן מייטל־דוואָשעס קוויטשענדיק קולעכל:

—מאָטע־לייזער!! מאָטע־לייזעער!! וואָלסט אפשר אַרויסגעטראָגן דאָס פּאָמישאָף! אָדער צונויפגעזוכט אַ ביסל שפּענער! דו דאַרפסט דאָך „אַריינכלעיען" איז זיך אַ ביסל וואַרעמס!

אַן אנדער מאָל, צעשרייט זיך מייטל־דוואָשע:

— וואָלסט אפשר אָפּגעיאָגט דעם קאָטער פון אונטערן בעט און געבראַנגט אַ צוויי עמערס וואַסער! — ביסט דען אַ געליימטער?!

און אַזוי, יעדן פרימאָרגן, טראָגט זיך פון הייפל אַרויס, וויַיט איבערן געסל — איר קוויטשנדיק קולעכל: מאָטע־לייזעער!! „וואָלסט אפשר"...

* * *

אַז ס'איז נישטאָ קיין מזל — זאָגט די וועלט — איז ערגער ווי ס'איז נישטאָ קיין שכל...

זיצט זיך אַזוי, פייוועלע מעקלער, אין אַ יידישער שענק, ביי אַ

טישל אויף וועלכן עס שטייט אַ האַלבער שטאָף י"ש מיט פּאַרבייסעכץ. דערנעבן שטייען, ווי צוויי מחותנים — אַ נידעריק פּויערל מיט לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע פלאַקסענע וואָנצעס, און אַ הויכער, באַבאָרדטער ייד, אַ קצב ווּעמען פּיוועלע האָט צונויפגעפּאָרט מיטן פּויערל — כדי אָפּצוקויפן ביי אים אַ קו, וואָס האָט געהאט אַ צעבראָכענעם פוס. אײנ־דערלופט קלינגען אָפּ פּייערדיקע פּעטש איבער פעסטע דלאָניעס; עס הערט זיך אַ קסדרדיק דינגעניש: „אָפּושטש"! (לאָז עפּעס אָפּ) „דאָ־לוזש" (דערלייג), ווידער אַ פּייערדיקער פּאַטש מיט אַ דלאָניע און ווידער אַ פּייערדיקער פּאַטש מיט אַן „אָפּושטש" און — ווי פּיוועלע זיצט אַזוי און שעפּט נחת פון די פּייער־רויטע אויפגעלאָפענע דלאָ־ניעס — טוט ער פּלוצים אַ פּאַרוואָרף אינדערזייט, דעם קאָפּ אויפן אָנלען פון שטול און — אויס מעקלער...

לאַנג, איז אָבער פּיוועלען נישט אויסגעקומען צו ליגן במנוחה... עס זענען נישט אַדורך קיין פולע דריי חדשים — איז זיין מייטל־דוואָשע געלעגן נעבן אים...

* * *

געשען איז עס אַ צוויי וואָכן פאַר ראש השנה. ביי מאָטע־לייזערן אויפן ביידעמל, האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ ווייסער האָן, וואָס האָט זיך בשום אופן נישט געלאָזט אַרויסטרייבן. מאָטע־לייזער איז אַרומגעגאַנגען צו אַלע שכנים זיך נאָכפרעגן ביי וועמען עס איז פאַרפאַלן־געוואָרן אַ ווייסער האָן. אָבער — אומזיסט — קיינער האָט זיך נישט מודה־געווען.

אַז ס'איז אַדורך אַ וואָך צייט און קיינער איז נישט געקומען מאָנען דעם האָן, איז יואלקע וואַסערטרעגער, מאָטע־לייזערס פּאַטע־, אַוועק מיט אַ שאלה צום רב, פרעגן וואָס זיין זון דארף טאָן מיטן האָן אויף וועלכן קיינער רופט זיך נישט אָפּ און, וואָס ער קאָרמעט אים שוין אַ וואָך צייט.

אויסהערנדיק יואלקען, האָט דער רב געהייסן דעם שמש, ער זאָל אויף דריי טעג אַרויסהענגען ביי דער שול און ביי דער מקוה, מודעות וועגן דעם האָן, און אויב עס וועט זיך אין משך פון דריי טעג אָפּגעפּו־

נען דער באלעבאָס זיינער, דאַרף מען אים צוריק־געבן דעם האָן און מאָטע־לייזער וועט אומקערן פאַרן קאָרמען אים. אין פאַל אָבער ווען קיינער וועט זיך נישט מעלדן — געהערט דער האָן צו מאָטע־לייזערן.

עס זענען אַדורך דריי טעג און קיינער האָט זיך נישט געוויזן. מאָטע־לייזער איז אַליין אַוועק צום רב מיטן האָן, און געפרעגט ביי אים אויב ער מעג אים טאָקע שעכטן. — דער האָן איז שוין דיינער. מאָטע־לייזער — האָט אים דער רב גענאָגט.— דער האָן איז דיר פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן, דו זאָלסט האָבן מיט וואָס כפרות צו שלאָגן און מיט וואָס צו פאַרפאַסטן, — עס גייט דאָך עפּעס צו יום־כיפּור.

אַהיימגעקומען — איז ער אַרויף אויפן בוידעמל, צוגעבונדן אַ שטריקל צום רעמל פון בוידעם־פענצטערל, און דעם צווייטן עק פונעם שטריקל — צוגעבונדן צו אַ פיסל פונעם האָן. מעגלעך, אַז דאָס וואָס מאָטע־לייזער האָט איצט צום ערשטן מאָל צוגעבונדן דעם האָן האָט זיך גענומען פונעם געפיל פון אָפּהיטן אַ זאַך, וואָס איז געוואָרן אַן אייגעטום. אָדער, אַז אין זיין קאָפּ האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ שכלדיקע מורא, אַז דער האָן, וואָס האָט זיך פריער בשום אופן נישט געלאָזט אַרויסיאָגן, זאָל נישט פּלוצים חרטה־קריגן אויפן גאַנצן עסק, און ס׳זאָל זיך אים גאָר פאַרגלוסטן, גראָד אין סאַמע פאַר יום־כיפּור צו מאַכן אַ ויברח...

* * *

דריי טעג פאַר יום־כיפּור, האָט זיך מאָטע־לייזער איבערגעוועקט פריער ווי געוויינטלעך — ווען עס האָט קוים גענומען גראָען אינדרויסן. געשען איז עס צוליב דעם, וואָס ער האָט פּלוצים דערהערט ווי זיין האָן אויפן ביידעמל איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ קרייען, וואָס איז אַנדערש ווי ביי אַלע הענער; אין אַ געקריי, וואָס איז ענלעך צו אַ רופן עמעצן אַ גאָר באַקאַנטן און נאָענטן.

מאָטע־לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון בעט, אויס־

געווישט די אויגן, אויפגעשפּיצט די אויערן און... געוואָרן אויפגעצי־טערט... — ער האָט דייטלעך געהע־רט דעם רוף פון מייטל־דוואָשעס קוויטשנדיק קולעכל:

— מאָטע־לייזער! מאָטע־לייזעער! — האָט זיך דאָס קול פאַר־ענדיקט מיט אַ לאַנגזאַם אויסגייענדיקן עין. ביי מאָטע־לייזערן איז אַרויסגעטרעטן אַ קאַלטער שווייס אויפן שטערן, און ער האָט אין גרויס שרעק, גענומען וועקן זיין יונג ווייבל...:

פּפּייגע־לאה! פּפּייגע לאה! די מממאמע! די שששוויגער!...

באַלד אינדערפרי, ווי נאָר די איינוווינער האָבן אָנגעהויבן אַרויס־שטעלן זייערע ערשטע טריט אין גאַס אַרויס — האָט דאָס גאַנצע שטעטל אָנגעהויבן „גיין אויף רעדלעך" — מיט דער מאָדנער מעשה מיטן געהיימנישפולן האָן.

אַז די געשיכטע איז דערגאַנגען צום רב, האָט ער מיט בטול אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט און — פונדעסטוועגן געהייסן דעם שמש אויספאָרשן דעם ענין.

צו מאָרגנס, איידער עס האָט נאָך אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, האָבן אַ סך נייגעריקע וואָס האָבן געגלויבט, אַז אַזוינס קאָן געשען — זיך פאַרזאַמלט ביי מאָטע־לייזערן אין הייפל, און מיט אַן איינגע־האַלטענעם אָטעם געוואַרט אויפן ערשטן קריי פון זיין האָן...

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און — אין דער געשפּאַנטער שטילקייט האָט זיך דערהערט דער געקריי פונעם בוידעמל און... ס'האָט זיך דער־טראָגן מייטל־דוואָשעס רופן מיטן קוויטשנדיקן קולעכל: — מאָטע־לייזער! מאָטע־לייזעער!...

ס'איז אַלעמען באַפאַלן אַ פּחד. אינעם שטעטל האָט מען דעם טאָג פון קיין שום אַנדערע זאַכן נישט גערעדט. קליין און גרויס, אפילו קריסטן, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דער אויסטערלישער געשיכטע.

געהערט דעם באַריכט פונעם שמש — האָט דער רב גערופן צו זיך מאָטע־לייזערן אויף אַ פאַרהער — אויב ער האָט זיך נישט אַמאָל פאַרזינדיקט פאַר מייטל־דוואָשען.

מאָטע־לייזער האָט דערציילט פאַרן רב ווי די אַלטע פלעגט אים

פארביטערן זיין לעבן, און זיך מודה־געווען, אַז איינמאָל, נישט קאָנענ־דיק מער איבערטראָגן די צרות, האָט ער צו איר אַ זאָג־געטאָן: ששוווי־גער, איר זאָלט זיין פפאַר מיר אַ ששיינע, ריינע ככפּרה!...

איצט איז שוין אַלץ קלאָר־געוואָרן, און איבערן שטעטל איז זיך בליץ־שנעל צעפלויגן די ידיעה, אַז די נישט־לאַנג־פאַרשטאָרבענע מייטל־דוואָשע, פּיוועלע מעקלערס יידענע, איז מגולגל־געוואָרן אין אַ ווייסן האָן...

דער רב האָט אָנגעזאָגט מאָטע־לייזערן, ער זאָל, למען השם, נאָך אין זעלבן טאָג אַרויסגיין אויפן בית־הקברות און איבערבעטן מייטל־דוואָשען...

נאָך פאַר מנחה־מעריב איז אָפּגעהאַלטן־געוואָרן אַ דרינגענדיקע אסיפה אין רב׳ס חדר, צו וועלכער עס זענען געוואָרן פאַרבעטן עטלעכע יידן לומדים, מיטן שטעטלדיקן מגיד — צו באַהאַנדלען דעם אופן ווי־אַזוי צוריקצוקערן מייטל־דוואָשעס נשמה — אויפן ריכטיקן אָרט.

דערווייל איז מיט דעם האָן געשען אַן אויסטערלישע זאַך: ער האָט, זעט אויס נישט געהאַט קיין חשק צו וואַרטן אויפן פסק־דין פון די גדולי התורה און — באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס בוידעמל ווו עס האָט זיך אים שוין שטאַרק געלאַנגווייליקט. ער האָט אָבער, זעט אויס, פאַרגעסן, אַז ער איז ביי איין פוס צוגעבונדן מיט אַ לאַנג שטריקל, און אַרויספליענדיק דורכן בוידעם־פענצטערל — געבליבן הענגען...

ווען מאָטע־לייזער איז פאַרנאַכט צוריקגעקומען פון בית־הקברות, האָט ער געטראָפן דעם האָן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ, אָן סמנים פון לעבן.

נישט באַשערט־געווען מאָטע־לייזערן איין מאָל אין לעבן שלאָגן כפּרות מיט אַ ווייסן האָן, און צו פילן דעם טעם פון אים — ביים פאַרפאַסטן...

אַ לאַנגע צייט נאָך דעם געשיכטע מיטן ווייסן האָן, אַז ווייסע חברה־ניקעס פלעגן מאָטע־לייזערן אָנטרעפן אין גאַס, פלעגן זיי מיט געקריי אויסשרייען: מאָטע־לייזער!!! מאָטע־לייזעער!!! אָדער: ששששוויגער, איר זאָלט זיין פפאַר מיר אַ ששיינע, ריינע ככפּרה...

דער צוועלפטער סעפטעמבער

אינעם אויפנעם־צימער פון פּראָפעסאָר רפאל ווײלער האָט אַ פרײ־האַרבסטיק ווינטעלע זיך געשפּילט מיט די געבלימטע פאָר־האַנגען, און איבער די ווענט און מעבל האָט זיך אָנגעהויבן שפּרייטן אַ לייכט אָוונט־גראָ. אָנגעטאָן אין אַ פרעס־ווייס קלייד מיט אַ העל־בלאָען קראַגן און מאַנקעטן, איז בײַם שוואַרץ־גלאַנציקן קלאַוויר אין אַ ווינקל פונעם געררוימען צימער, געזעסן אַ יונג מיידל מיט אַ געדיכט־געלאָקטן קאָפּ האָר פון אַ ליכטיקן קאַשטאַן־קאָליר און — מיט די־נע לאַנגע פינגער געשוועבט איבער די קלאַווישן:

דאָס האָט דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער דבורה, אונטערגעהאַלטן דעם ענגן קרײַז באַקאַנטע פרײַנט, וואָס זענען געוואָרן אײַנגעלאַדן צו איר און צו איר פאָטערס געבורטסטאָג. זי איז היינט אַלט־געוואָרן אַכצן יאָר, און איר פאָטער — זעכציק. ביידע זענען זיי געבוירן־געוואָרן אין איין און דערזעלבער דאַטע: דעם צוועלפטן סעפטעמבער.

פאַרן פּראָפעסאָר ווײלער איז אָבער די דאָזיקע דאַטע געווען אַ סך מער ווי די דאַטע פון זײַן און פון זײַן טאָכטערס געבורט. איינ־מאָל, בעת אַ געלעגנהייט, האָט ער וועגן דער באַדײַטונג, וואָס עס האָט פאַר אים דער צוועלפטער סעפטעמבער — דערציילט אָט וואָס:

געווען איז עס מיט צוואַנציק יאָר צוריק — האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעהויבן זײַן דערציילונג. איך בין דאַן אַלט־געווען פערציק יאָר, גע־ווען דעמאָלט, נאָך אַ גאָר יונגער פּראָפעסאָר און אַן אַלטער בחור... מײַן גאַנצער פרײַער צײַט און מײַן גאַנצע ענערגיע האָב איך דעמאָלט אוועקגעגעבן אויף פאָרשונגען אין מעדיצינישן געביט פון פּאַטאָלאָגיע. איינמאָל, פאַרברענגענדיק ווי יעדעס יאָר, די זומער־פעריען אין אַן אָפּרו־הויז, אין איינעם פון די שענסטע ווינקלען אין לאַנד, האָב איך

אינעם גאָרטן אַרום אַפּרו־הויז, באַמערקט אַ פרישן גאַסט: אַ יונג מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק. זי איז געזעסן אין אַ זייטיקן גאָרטן־ווינקל און געמאָלן אויף אַ לייוונט וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ סטאַטיוו. מיט דער נייגעריי־קייט צו כאַפּן אַ בליק און צו זען וואָס זי מאָלט אַזוינס — האָב איך גענו־מען לאנגזאם גיין מיטן שמאָלן גאָרטן־שטעגל — אין דער ריכטונג צו איר. דאָס מיידל, דערהערנדיק טריט — האָט זי אוועקגענומען פונעם לייוונט, איר געדיכט־געלאָקטן קאָפּ האָר, געוואָרפן אויף מיר אַ פּאָר־וואונדערטן בליק און — מיך צוגעשמידט צום אָרט...

— האָב איך איך געשטערט? — האָב איך זי, ווי פארשולדיקט, געפרעגט.

— ניין — האָט זי געענטפערט, — כ'האָב אפילו נישט באַמערקט, אַז איר זענט שטיין־געבליבן. — איר מוזט אוודאי האָבן אינטערעס פאר מאָלעריי?

— יאָ, זייער — האָב איך געענטפערט, און נישט געקאָנט פון איר אָפּרייסן מיינע אויגן.

מיר האָבן נאָךביידע רעכט נישט באַוויזן אַריינצוגיין אין אַ שמועס, האָט זיך פונוויטנס דערהערט דאָס קלינגען פונעם גלאָק, וואָס האָט גערופן צו אָוונט־ברויט. דאָס מיידל האָט רויק צונויפגעלייגט איר מאָלבערעט, פענזלס און פארבן, און אַזוי רויק — געלאָזט זיך גיין נאָכן רוף פונעם גלאָק. איך בין ביי דער זייט, איר נאָכגעגאנגען פוס־טריט, און אויפן וועג, אזוי גייענדיק — זיך דערוווסט, אַז איר נאָמען איז דבורה; אַז זי איז אַ פּריוואַטע מוזיק־לערערין; אַז זי איז אַן איינציק קינד ביי איר מוטער, אַן אלמנה, און אַז איר פאָטער, אַן אינ־זשיניער, — איז מיט אכט יאָר צוריק געשטאָרבן אין אויסלאַנד.

ביים טיש, בעתן אָוונט־ברויט האָב איך זי באקענט מיט מיינע קאָלעגן און זי האָט שוין שפּעטער יעדן מאָלצייט געגעסן אין אונדזער געזעלשאפט; אנטייל־גענומען אין אונדזערע אויספלוגן, און פון צייט צו צייט — אונדז מהנה־געווען מיט אַ קלאַוויר־קאָנצערט.

פונעם טאָג וואָס דבורה איז אָנגעקומען אין אַפּרו־הויז, האָב איך זיך מער נישט צוגערירט צו די אַלע מיינע פּאַד־צייטשריפטן וואָס

כ׳האָב מיט זיך מיטגעברענגט. הגם, שוין אַ מענטש אינעם פּערציקסטן פרילינג — האָב איך זיך פאַרליבט אין איר, ווי אַן אכצן־יאָריקער בחור... געוואָרן אייפערזיכטיק ווען כ׳האָב זיך געפונען מיט איר אין קרייז פון מיינע קאָלעגן, וואָס עטלעכע פון זיי זענען געווען יונגער און שענער פון מיר. אָבער צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג, האָב איך מיט אַ געוויסער סאַטיספאַקציע, פעסטגעשטעלט, אַז דבורה ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ מער צוגעבונדן צו מיר — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס כ׳בין געווען דאָפּלט עלטער פון איר.

אין איינעם אַ נאָך־מיטאָג איז אונדזער קליינע, אינטימע גרופּע: איך, דבורה און אַ זעקס־זיבן דאָקטוירים, צווישן וועלכע ס׳האָבן זיך געפונען צוויי פּרויען — געזעסן אויף דער ברייטער, געריימער טע־ראַסע און זיך לייכט אונטערהאַלטן, געשטיפט, זיך פאַרנומען מיט שפּי־לערייען, ווי יונגע, זאַרגלאָזע גימנאַזיסטלעך. איינס פון די שפּילע־רייען איז באַשטאַנען פון צושיקן דורך אַ צעטעלע אַנאָנימע פראַגן צו די אָנטיילנעמער, און דער געפרעגטער האָט זיך געדאַרפט אויפ־שטעלן און הויך ענטפערן אויף דער פראַגע. מיטאַמאָל האָט זיך אויפ־געשטעלט דבורה, און אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף מיר — הויך אויסגערופן: „מיין האַרץ געהערט אים!" אַלע האָבן אַפּלאָדירט און איינער, אַ יונגער פּסיכיאַטער, האָט דראָענדיק דבורהן מיט אַ פינגער — אַ זאָג־געטאָן: „פאַרזיכטיק מיט דיין האַרץ, מיידעלע, פאַרגעס נישט, אַז דו האָסט דאָ צו טאָן מיטן שעף פון פּאַטאָלאָגישן אינסטיטוט!...

אין צוויי טעג אַרום האָב איך זיך צוריקגעקערט אַהיים צו מיין באַשעפטיקונג. דבורה איז געבליבן אויף נאָך דריי טעג.

מיר האָבן זיך געזעגנט ווי צוויי אינטים־נאָענטע מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן צוזאַמען פאַרבינדן זייער צוקונפט...

ווען כ׳האָב בעתן צעשיידן זיך, געפאָדערט פון איר דעם אַדרעס אירן (זי האָט געוווינט ביי אַ צוויי הונדערט קילאָמעטער ווייט פון מיר) האָט זי זיך געקווענקלט, און מיר פאַרגעשלאָגן, אַז זי זאָל די ערשטע שרייבן צו מיר, און דאַן זאָל איך ענטפערן. כ׳האָב איינגעשטימט, כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זי וויל פריער צוגרייטן דער מוטער אָדער זי וויל

עס פאַרלויפיק האַלטן פאַר איר בסוד. כ׳בין דאָך פאָרט געווען מיט צוואַנציק יאָר עלטער פון איר... איך, דער קאַלט־אויסגערעכנטער אין יעדן שריט פון מיין לעבן, בין אַזוי פאַרכשופט־געוואָרן פון דעם מיידל, אַז כ׳האָב אפילו נישט געפּרוווט אַ טראַכט־צו־טאָן, צי דאַרף איך איבערהויפּט, אין מיין עלטער און אין מיין שטאַנד, זיך אַריינלאָזן אין אַזאַ ליבע־אַוואַנטורע... כ׳האָב אויך נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס אַזוינס, האָט דאָס רייצנדיקע מיידל דערזען אין מיר?... — זאָל איר האָבן אימפּאָנירט מיין פּראָפעסאָר־טיטל? בין איך, טאָקע, אַזוי אינ־טערעסאַנט און אָנציִענדיק פאַר אַ פרוי? — וועגן דעם האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט.

הכלל — זי האָט מיר אָנגעהויבן שרייבן בריוו, הייסע ליבע־בריוו. כ׳האָב איר געענטפערט מיטן זעלבן... זי האָט מיר אָבער איר „אַבסענדער" נישט אָנגעגעבן די וווינונג ווו זי האָט געוווינט מיט איר מוטער; און אויך נישט אָנגעגעבן איר פאַמיליע־נאָמען. באַקומענ־דיק איר ערשטן בריוו, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז פון אונדזער גאַנצער באַקענטקייט איז מיר איר אמתער פאַמיליע־נאָמען געבליבן אומבאַ־קאַנט, און זי געקענט נאָר אַלס דבורה, אָדער ווי מיר פלעגן זי אין אונדזער געזעלשאַפט רופן: — שמעטערלינג". אויך אין איר „אַב־סענדער", וואָס זי האָט אָנגעגעבן אויף „פּאָסט־רעסטאַנט", האָט זי צו־געשריבן: פאַר ד. „שמעטערלינג". כ׳האָב זי וועגן דעם אָנגעפרעגט אין מיין ערשטן בריוו און איר ענטפער איז געווען: „מיט דער צייט וועסטו אַלץ געווער ווערן".

כ׳האָב נישט געוווסט ווי כ׳זאָל פאַרשטיין אָט די גאַנצע שפּיל. צי מיינט זי מיט מיר צו שפּילן אַ ראָמאַן, וואָס זאָל זיין איינגעהילט אין געהיימענישן און פול מיט נישט־דערוואַרטע סיורפּריזן? לויט איר כאַראַקטער איז דאָס געווען אומוואַרשיינלעך. איז נישט אַנדערש, נאָר די גאַנצע שפּיל האָט אַ שייכות מיטן וועלן, פאַרלויפיק, האַלטן די גאַנצע געשיכטע, בסוד, פאַר איר מוטער.

אין איינעם אַ טאָג, האָב איך פון דבורהן דערהאַלטן אַ בריוו אין וועלכן זי האָט מיר מודיע־געווען, אַז זי קלייבט זיך מיך צו באַזוכן

דעם צוועלפטן סעפטעמבער.

כ'בין געווען אנטצקיט פון איר צייט־אויסוואל און איר גלייך גע־ענטפערט, אַז זי האָט אויסגעוויילט אַן אידעאַלע דאַטע, ווייל ס'פאַלט גראַד אויס מיין פערציקסטער געבורטס־טאָג, וואָס כ'וויל אָפּצייכענען אין אַן ענגן קרייז פון נאָענטע פריינט.

כ'האָב מיט אומגעדולד גענומען וואַרטן אויפן אָנקומען פון 12־טן סעפטעמבער.

ווען דער אַזוי־דערוואַרטער טאָג איז אָנגעקומען, האָט מיטן רוקן זיך פון די ווייזער אויפן ציפערבלאַט — געהאַלטן מיין אומגעדולד אין איין שטייגן...

דאָס ערשטע מאָל נאָך אַ סך יאָרן, האָב איך אין דעם טאָג נישט געהאַט דעם געהעריקן אינטערעס פאַר מיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, וואָס פאָדערט אַן אנגעשטרענגטע קאָנצענטרירטקייט.

אין דאָזיקן טאָג, נאָך מיטאָג, האָב איך גראַד געהאַט דורכצופירן אַ „סעקציע" איבער אַ מת פון ווייבלעכן מין. ווען כ'בין געשטאַנען מיטן לאַנצעט און אילוסטרירט פאַר די מעדיצין־סטודענטן דאָס מענטשלעכע האַרץ, וואָס כ'האָב געהאַלטן אין מיין האַנט און געגעבן דערקלערונגען — האָב איך יעדע ווילע געוואָרפן אַ בליק אויף די ווייזער פון רונדן וואַנטזייגער, אין מיין געדאַנק — מוז איך מודה־זיין — איז אין יענע מינוטן געווען פאַרנומען מיט אַ לעבעדיק וועזן, מיטן „שמעטערלינג" וואָס דאַרף צו מיר קומען צו פליען...

* * *

אַלע מיינע פריינט זענען שוין געזעסן אַרום דעם טיש און זיך פריי אונטערגעהאַלטן. די כוסות זענען שוין געווען אָנגעגאָסן, נאָר — דבורה איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

דער אָוונט פון מיין פערציקסטן געבורטס־טאָג האָט זיך אָנגעהויבן און געענדיקט אָן דבורהן... ווען זי איז אויך אויף־צומאָרגנס נישט געקומען, האָב איך צו איר געשריבן אויף איר אָנגעגעבענעם „פּאָסט־רעסטאַנט" מיטן פיקטיוון פאַמיליע־נאָמען ד. שמעטערלינג, נאָר — קיין ענטפער נישט דערהאַלטן.

כ׳האָב נאָך עטלעכע מאָל, אין פאַרשידענע צייט־אינטערוואַלן, געשריבן צו איר — אָבער אָן דערפֿאָלג.

ס׳זענען אַריבער עטלעכע חדשים, און כ׳האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרגעסן אָן דער קורצער ליבע־אַוואַנטורע. ס׳איז אַוועק ביי אַ האַלב יאָר נאָך איר פאַרשווינדן — ווי כ׳האָב זיך באַקענט מיט מיין אומפאַרגעסלעכער פרוי, וואָס איז מיר מיט צוויי יאָר צוריק, געשטאָרבן. באַקענט האָב איך זיך מיט איר, אין שטאַטישן רעגירונגס־שפּיטאָל ווו זי האָט דעם דריטן חודש געאַרבעט אַלס דאָקטאָרין אין דער קינדער־אָפּטיילונג.

מיין פרוי איז דאַן אַלט־געווען פינף און דרייסיק יאָר. געווען פון מיטעלער וווּקס, אַ שלאַנקע, מיט געלאָקטע קאַשטאַן־האָר, גרויסע, ערנסטע אויגן פון אַ העל־בלאָער פאַרב, און אינטערעסאַנטע, סובטעלע געזיכט־שטריכן. געווען איז זי אַן אלמנה נאָך אַ מאַן אַן אַרכיטעקט, וואָס איז געשטאָרבן זעקס יאָר פאַר אונדזער באַקאַנטשאַפט.

בעת אַ שמועס וועגן משפחה־אָנגעלעגנהייטן, האָט מיר מיין פרוי אַמאָל דערציילט, אַז זי האָט אַן עלטערע שוועסטער, אַ גרושה. ס׳האָט מיך באַהערשט אַ געדאַנק, אַז די דאָזיקע, מיר שוין נאָענט באַקאַנטע פרוי מוז האָבן אַ וועלכן־ס׳איז שייכות מיט דער פאַרשוווּנדענער דבורה, נאָר אַן אומאויפגעקלערט געפיל האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון שטעלן איר וועלכע־ס׳איז פראַגע וועגן דעם.

אינעם טאָג פון אונדזער חתונה, אין סאַמע פאַרנאַכט, איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם פון איר שוועסטער, אַז זי איז פּלוצים ערנסט קראַנק־געוואָרן און ס׳איז איר אוממעגלעך צו קומען צו דער חתונה.

מיין פרוי איז געווען זייער באַטריבט פון דער ידיעה און איך... איך האָב דעם צופאַל פון איר שוועסטערס נישט קומען — אויפגענומען מיט אַ געמיש פון פאַרדרוס און אומצופרידנקייט...

באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך אונדזער חתונה, האָט מיר מיין פרוי פאָרגעשלאָגן כ׳זאָל מיט איר מיטפאָרן צו דער קראַנקער שוועסטער, אויסער דעם חוב צו באַזוכן דער קראַנקער, האָט מיין אומקלאָרע אומרויקייט פאַרשטאַרקט מיין נייגעריקייט און — כ׳האָב איינגעשטימט.

צוליב אַ צופאַל, זענען מיר געפאָרן מיט אַ טאָג שפּעטער. אַ זייגער פיר נאָך מיטאָג זענען מיר אָנגעקומען צום הויז ווו זי האָט געוווינט. מיינע נערוון זענען געווען העכסט אָנגעצויגן. מיט אַן אויסטערליש געפיל האָבן זיך מיינע פיס געהויבן טרעפּ־אַרויף צו איר וווינונג. מיין פרוי האָט אָנגעקלונגען. הינטער דער טיר האָבן זיך דערהערט לאַנג־זאַמע, שאַרנדיקע טריט פון שלעפּשיך. ווען די טיר האָט זיך פאַר אונדז געעפנט, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ בלאַסע, זייער סימפּאַטישע נאָך גענוג־שיינע פרוי פון אַ יאָר פינפאונפערציק, מיט געלאָקטע טונ־קעלע קאַשטאַן־האָר, וואָס זענען שוין געווען אַדורכגעוועבט מיט אַ לייכטן גראָ. אָנגעטאָן אין אַ געמוסטערט וואַרעמען שלאַפראָק ביז צו די קנעכלעך — האָט זי, דערזעענדיק אונדז — זיך וואָרעם צעשמייכלט, און אירע אויגן האָבן פונעם בלאַסן פּנים אַרויס, אויפגעבליצט.

אויף וויפל מיין פרויס ענלעכקייט צו דבורהן איז געווען אַ גענוג שטאַרקע, איז די ענלעכקייט פון איר שוועסטער, געווען אַן אויסגעי־שפּראָכן פולקאָמע. אָבער וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט געעקבערט אין מיין מוח: די שוועסטער, ווי מיין פרוי האָט מיר איבערגעגעבן, איז דאָך אַ גרושה, און ווי דבורה האָט דערציילט, איז דאָך גאָר איר מוטער אַן אלמנה! קיין סך צייט צו טראַכטן וועגן דעם איז נישט געווען. מיין פרוי האָט זיך צעקושט מיט איר שוועסטער און איך... מיט מיין נאַר־וואָס־באַקענטער שוועגערין.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען, זיצנדיק שוין ביים טיש האָב איך איבערן קלאַוויר, וואָס איז געשטאַנען ביי דער אַנטקעגנ־איבערדיקער וואַנט, אַן איבערגעדעקטער מיט אַ ווייסן איבערצוג — דערזען הענגען אַ פאָטאָ־בילדל פון דבורהן — איינגערעמט אין אַ שוואַרץ רעמל...

— וויפל מאָל האָט מען דיך געבעטן, און דו זיצסט ווי אַ פאַר־חלומטער — האָט מיך מיין פרוי אַ צי־געטאָן ביים אַרבל.

כ'האָב זיך אומגעקוקט און דערזען שטיין פאַר זיך דעם דערלאַנגטן כּיבוד.

באַמערקנדיק ווי מיינע אויגן זענען כּסדר געווענדעט צום בילדל,

האָט מיר מיין נאָר־וואָס־באַקענטע שוועגערין אויפגעקלערט: „דאָס איז מיין אומגעקומענע טאָכטער, מיין אָרעם קינד דבורה".

אַ ציטער איז מיר אדורך דורכן לייב, און ס׳האָט זיך פון מיין מויל אומגערן אַרויסגעריסן:

— יאָ, כ׳ווייס...

— פון וואנען ווייסט איר דאָס?! — האָט מיין שוועגערין געפרעגט מיט פארוווּנדערונג.

אנשטאָט צו ענטפערן אויף איר פראגע, האָב איך אומגעדולדיק געשטעלט אַ צווייטע פראגע:

— ווי אייער שוועסטער האָט מיר דערציילט וועגן אייך, זענט איר אַ גרושה, און לויט ווי אייער טאָכטער האָט מיר געהאט דערציילט — זאָל איר פאָטער האָבן געשטאָרבן אין אויסלאנד. אַלזאָ, וואָס איז דאָ דאָס ריכטיקע?

—ווו האָט איר באקענט מיין טאָכטער?

— כ׳האָב זי באקענט מיט אַ פינף פערטל יאָר צוריק, אינעם אָפרו־הויז ווו איך קום יעדעס יאָר צו פאָרן — האָב איך געענטפערט.

— כ׳געדענק ווי די געסט, און איך בתוכם, פלעגן אנטציקט־ווערן פון איר קלאוויר־שפילן אינעם אונטערהאלטונג־זאל. כ׳געדענק אויך, אַז איר ליבסטע מוזקאלישע שאפונג איז געווען שוּבערטס סערענאדע. זי האָט מיר אין אַ געשפרעך מיט איר, דערציילט, אַז איר פאָטער, וואָס איז פון בארוף געווען אַן אינזשיניער, איז געשטאָרבן אין אויסלאנד ווו ער איז אַנגאַזשירט־געוואָרן דורך זיינעם אַ יוגנט־פריינט, וואָס איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסער אינדוסטריעלער.

— דאָס ערשטע און דאָס צווייטע איז אמת — האָט מיר מיין שוועגערין געענטפערט. — בעת אונדזער שיידונג, איז מיין טאָכטער, דבורה, אַלט־געווען צוועלף יאָר. צוליב איר שטארקער עמפפינדלעכ־קייט, האָבן מיר ביידע, הארט פאר זיין אוועקפאָרן קיין אויסלאנד, באַ־שלאָסן, אַז ווי לאַנג עס וועט זיך נאָר לאָזן — נישט צו אַנטפּלעקן פאַר איר אונדזער פונאַנדערגיין־זיך. מיר האָבן דעריבער געזאָרגט, אַז אפילו קיין איינציקער פון די אַרומיקע שכנים זאָל וועגן דעם נישט וויסן.

דריי יאָר צייט האָב איך פון אים דערהאַלטן ספּעציעלע בריוו פאַר דבורהן און, אים צוריקגעשיקט אירע בריוולעך, פולע מיט הייסער בענקשאַפט. נאָך אַ פּלוצימדיקן לענגערן איבעררייס אין זיין בריוו־שרייבן, האָב איך אין אַ געוויסן טאָג, דורך אַן אומוועג, באַקומען די ידיעה וועגן זיין טויט. דבורה האָט, אַלזאָ, נאָר געוווּסט, אַז איר פאָטער איז געשטאָרבן.

— אַנטשולדיקט מעג איך וויסן ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן איז אומגעקומען אייער טאָכטער.

מיין שוועגערין האָט מיטאַמאָל אַ קוק־געטאָן אויפן וואַנט־קאַלענ־דאַר, וואָס האָט מיט פעטער, שוואַרצער שריפט געוויזן: סעפּטעמבער 12.

— יאָ, גענוי היינט א יאָר איז געשען דאָס גרויסע אומגליק, וואָס האָט מיך אַ סך חדשים געהאַלטן ווי פּאַראַליזירט פיזיש און גייסטיק. געשען איז עס עטלעכע וואָכן נאָך איר צוריקקומען פון איר אַפּרו־הויז ווו איר האָט זי באַקענט. מיין שוועסטער איז גראָד געווען ביי מיר צו גאַסט — ווען דבורה, די טאָכטער מיינע, האָט פּלוצים דער־קלערט, אַז זי פּאַרט מאָרגן גאַנץ פרי אַרויס אויף אַ טאָג צו אירס אַ שול־חברטע וועמענס עלטערן עס זענען מיט אַ יאָר צוריק אַריבער וווינען אין אייער שטאָט. מיין שוועסטער האָט געפּרוווט זי אָפּהאַלטן און איר פאָרגעשלאָגן צוואַרטן נאָך אַ צוויי טעג, וועלן זיי פאָרן צו־זאַמען. זי האָט זיך אָבער איינגעעקשנט און — געפאָרן, נישט אָנגעבנ־דיק דעם נאָמען און אדרעס פון איר חברטע. אַז עס זענען אָבער אַדורך צוויי טעג און זי איז נישט צוריקגעקומען, האָב איך אויפן דריטן טאָג געמאָלדן וועגן דעם דער פּאָליציי, פון וועלכער כ'האָב נאָך אַ גאַנץ קורצער צייט באקומען אן ענטפער, וואָס האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער... דער ענטפער איז געווען: אין אַ פאַרקער־קאַטאַסטראָפע איז אומגעקומען אַ יונגע פרוי ביי וועמען מען האָט קיין פערזענלעכע דאָ־קומענטן נישט געפונען, נאָר לויט אלע אייערע אָנגעגעבענע סמנים, איז עס די וועמען איר זוכט... נאָך דעם זעלבן טאָג, דעם צוועלפטן סעפּטעמבער, האָט מען איר טויטן קערפער איבערגעגעבן דעם פּאַטאָ־לאָגישן אינסטיטוט...

לוי פאפּיערניקאָוו

די פאַרב פון מיין פּנים האָט, בעת מיין שווענגערינס לעצטן זאַץ, געמוזט זיך שטאַרק ענדערן — ווייל מיין פרוי האָט מיך מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט פארן אָרעם און מיט גרויס אומרו אַ פרעג־געטאָן: וואָס איז מיט דיר, רפאל? און איך... איך האָב אין דער רגע נישט געזען וואָס ארום מיר טוט זיך... איך האָב זיך געזען שטיין פאר מיינע סטו־דענטן אין פּאטאלאָגישן אינסטיטוט — האלטנדיק אין מיין האנט דאָס האַרץ פון אַ יונגער פרוי, און ווי פון זייער ווייט — געהערט מיין קאָ־לעגע, דעם פּסיכיאַטער שערווינס שטים, וואָס האָט אין אָפּרו־הויז שפּאסיק געוואָרנט דבורהן: פאָרזיכטיק מיט דיין הארץ, מיידעלע! האָסט דאָ צו טאָן מיטן הויפּט פונעם פּאַטאָלאָגישן אינסטיטוט...

:

179488

אינהאַלט:

אין דער נייער היים

זיין ערשטער פרילינג 9
דער ערשטער פאַרדינער 14
קבוע 20
בערקע שמיד 24
דער פוסטעלניק 30
געצעלע 34
אַ נייער וועג־אַרבעטער 38
דעם טאַטן מיט דער מאַמען 44
אונטער די קלאַנגען פון אַ ווינער וואלס . . . 46
דער ווילן צום לעבן 50
איר לייבלעכע שוועסטער 56
זיך אַנטוישט 61
א רעגיסטרירטער בריוו 64
די שפּיל פון גורל 71
דער טויטער שטח 81
דער ערשטער מישלינג 90
אויף אַ מינוטקעלע 96
אַ קרבן פון חמסין 101
אַז מען האַרכט אַ ווייב 107
די זילבערנע חתונה 121
דער אויסגעצויגענער פייף 130

פון דער פרעמד

אין דער אויסגעלײַדיקטער נעסט 135
דער האָן האָט געשמייכלט 137
עט.. סתם... 139
צו שיין — אויך אַ חסרון 141
קינד און זקן 142
אונדז איז וויל 143
דאָס סערווויזל 147
די בעקעשע 151
דער גלגול אין אַ ווייסן האָן 159
דער צוועלפטער סעפטעמבער 167

אין פארלאג י. ל. פרץ־ביבליאטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאלגנדע ביכער:

י. זרובבל: בלעטער פון א לעבן — באנד I

י. זרובבל: בלעטער פון א לעבן — באנד II

מענדל מאן: נאכט איבער גלושינא

אברהם סוצקעווער: אין מדבר סיני

ישראל טאבאקמאן: מיינע איבערלעבונגען

ש. בערלינסקי: בילדער און דערציילונגען

י. פאפיערניקאוו: היימישע און נאענטע

מענדל מאן: ביי דער ווייסל

ק. צעטניק: דאס הויז פון די ליאלקעס

יוסף בירשטיין: אויף שמאלע טראטוארן (ראמאן פון קיבוץ לעבן)

מלך נוי—נייששטאדט: דאס ערשטע און דאס צענטע יאר מדינת־ישראל

אפרים שרייער: קונסט און טעאטער (העברעיש)

יצחק לעוו: אין געראנגל — געקליבענע שריפטן

מרדכי יפה: צען ישראל־דיכטער

יצחק פאנער: שלום אש אין זיין לעצטער היים

פרץ גראנאטשטיין: מענטשן פון נעכטן

נחמן דרוזדוב: אחד העם

עזרא קארמאן: צייכנס און צירופים

ה. לייוויק: אויף צארישער קאטארגע

י. לעשצינסקי: הדמות הלאומית של יהדות הגולה (דאס נאציאנאלע פנים פון גלות־יידנטום) — העברעיש

יעקב פאט: שיחות עם סופרים יהודיים (שמועסן מיט יידישע שרייבער) — העברעיש

רבקה באסמאן: טויבן ביים ברונעם

י. צ. שארגעל: פון וויי און גלויבן

דוד זאקאליק: געראנגל

א. קארפינאוויטש: דער וועג קיין סדום

א. ריוועס: מיט דער שיף „טשיטשערין"

מאַטעס דייטש:	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש (לידער)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאַקאַרנע — באַנד I
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאַקאַרנע — באַנד II
יוסף ראָזען:	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
י. גלבוע:	אויף די חרבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד (העברעיש)
מרדכי אורן:	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט — באַנד I
מרדכי אורן:	דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט — באַנד II
יוסף כרמל:	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
הערש חענדל:	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער